STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04267

HAKHME YAVNEH

David Malki

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חכמי יבנה

David MALKI

LES SAGES DE YAVNEH

Second livre de la série :

LE TALMUD ET SES MAITRES

PARIS
1978

דוד מלכי

חכמי יבנה

דאָס צווייטע ספר פון דער סעריע:

דער תלמוד און זיינע פּערזענלעכקייטן

פּ אַ ר י ז

תשל"ח — 1978

אַדרעס פון מחבר:

David MALKI, 17, rue Baudoin — 75013 Paris

Tél. 583-82-01

© Copyright by David Malki — Paris 1978

מ י י ן ט י י ע ר ע מ ש פ ח ה

וואָס די דייטשן האָבן אומגעברענגט

דאַנק און אנערקענונג

איך דאַנק זייער האַרציק מיינע טייערע פריינד וואָס האָבן אַזוי שיין אַרויסגעגעבן דאָס דאָזיקע ספר:

מרדכי אַרדון
שלמה בראָדאַטי
וואָלף טאָראָנטשיק
מיכאל לעמער
יעקב מאַרקעל
יצחק פּאַריזער
שלמה פרידריך
חיים קערבער
ד"ר יעקב ראָטה
חיים רודעל
אַהרן שווערטאַק

און, אַלע צו לאַנגע יאָרן,
מיין טייערן פריינד:

שלום צבי הלוי לאַסקער
זכרונו לברכה

וואָס האָט אַ גרויסן חלק אינעם אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ספר.

זאָל דאָ אויך ווערן דערמאָנט צום גוטן דער איניציאַטער פון אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ווערק, מיין טייערער פריינד:

אַהרן לוקסענבורג
זכרונו לברכה

אויך אַ האַרציקער דאַנק זיינע איידעלע קינדער וואָס האָבן אַ שיינעם אָנטייל אינעם אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ספר.

אינהאַלט

זייט

הקדמה 17

אַריינפיר

יבנה 23

די לערע פון די חכמי יבנה 24

באַגרייפן היסטאָריע 26

די איינגעשטעלטע אָרדענונג אין יבנה 27

יבנה אַלס מוסטער 29

די דעמאָקראַטישע איינשטעלונג 30

פאַרשידענע חכמי יבנה 33

שמואל הקטן 33

רבי אלעזר בן יהודה איש ברתותא 34

רבי יוחנן בן ברוקה 35

רבי אלעזר חסמא 35

רבי יוסי בן דורמסקית 36

זייט

רבי שמעון בן ננס 37
רבי אלעאי 37
רבי לויטס איש יבנה 38
רבי חוצפית המתורגמן 39
רבי ישבב הסופר 39
די שווערע גזרות 39
די פייערדיקע תורה פון די חכמי יבנה 42

רבי אלעזר בן עזריה

רבי אלעזר בן עזריה 45
וואָס לערנט רבי אלעזר בן עזריה 46
צייטווייליקער נשיא 49
זיין באַשיידנקייט 50
באַציאונג צווישן מענטשן 52
אין טאָג־טעגלעכן לעבן 54
וועגן פאָלק ישראל 55
רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא 57

רבי טרפון

רבי טרפון 63
מעשים טובים 64
רבי טרפון׳ס באַשיידנקייט 66
זיין רייכקייט 68

זייט

זיינע רעדנס־אַרטן 69
קידוש השם 70
רבי טרפון און רבי עקיבא 73
רבי טרפון וועגן רבי עקיבא 75

רבי אלעזר המודעי

רבי אלעזר המודעי 79
וואָס לערנט רבי אלעזר המודעי 80
דרשות פון רבי אלעזר המודעי 82
מתן תורה לויט רבי אלעזר המודעי 83
אַ דרשה וועגן תורה און מעשים טובים 85

רבי יוסי הגלילי

רבי יוסי הגלילי 89
וואָס לערנט רבי יוסי הגלילי 91
דרשות פון רבי יוסי הגלילי 93
רבי יוסי הגלילי און רבי עקיבא 95

רבי יוחנן בן נורי

רבי יוחנן בן נורי 98
וואָס לערנט רבי יוחנן בן נורי 99

רבי חנינא בן תרדיון

רבי חנינא בן תרדיון 105
אויפגעגאַנגען אין פלאַמען 106

רבי יוסי בן קיסמא

רבי יוסי בן קיסמא 108

רבי יוחנן בן תורתא

רבי יוחנן בן תורתא 110

פּאַפּוס און יוליאַנוס

פּאַפּוס און יוליאַנוס 112

רבי אלעזר בן פּרטא

רבי אלעזר בן פּרטא 117

רבי חנניה בן חכינאי

רבי חנניה בן חכינאי 120

תורה אין חוץ לאָרץ

תורה אין חוץ לאָרץ 125

רבי יהודה בן בתירה

רבי יהודה בן בתירה 127

זייט

רבי מתיה בן חרש

רבי מתיה בן חרש 130

רבי חנניה בן אחי רבי יהושע

רבי חנניה בן אחי רבי יהושע 132

רבי יונתן

רבי יונתן 134

אלישע בן אביה

אלישע בן אביה 139

אַרבעה נכנסו לפרדס 140

אויסגעגאַנגען לתרבות רעה 142

דער רבי און דער תלמיד לערנען תורה 144

תשובה 146

ביים שטאַרבן 149

נאָכן שטאַרבן 150

רבי שמעון בן עזאי

רבי שמעון בן עזאי 157

וואָס לערנט בן עזאי 158

תורה ביי בן עזאי 159
וועגן מענטש 163
וועגן קרבנות 165

רבי שמעון בן זומא

רבי שמעון בן זומא 167
השמח בחלקו 168
וויסן אָפּצושאַצן דעם פּראָגרעס 168
בן זומא הציץ ונפגע 170

רבי ישמעאל בן אלישע

רבי ישמעאל בן אלישע 175
זיין פירונג 176
גאַסט־פריינדלעכקייט 179
זיין צוגאַנג צום לעבן 180
באַציאונג צו גויים 182
חילול השם 184
רבי ישמעאל און רבי עקיבא 187
ווי אַזוי לערנען די תורה 191
וועגן מתן תורה 192
פאַרשידענע פלוגתות 193
ווען רבי ישמעאל איז נפטר געוואָרן 195
רבי ישמעאל׳ס ישיבה 195

זייט

רבי עקיבא בן יוסף

רבי עקיבא בן יוסף 203

זיין שטייגן אין דער תורה 205

משה רבנו און רבי עקיבא 207

משה רבנו אין רבי עקיבא׳ס ישיבה 208

די תורה שבעל פה 210

דרש׳נען די תורה 212

וואָס לערנט רבי עקיבא 215

בין אָדם לחברו 216

גערעכטיקייט 218

געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט 220

אָפּטימיסטישע איינשטעלונג 222

פאַמיליע־לעבן 225

דער כבוד פון דער פרוי 227

דאָס שיינקייט ביי פרויען 228

וועגן גט׳ן די פרוי 229

סימפּאַטיע צו פרויען בכלל 232

זיין באַשיידנקייט 233

גלויבן און אבערגלויבן 236

פאַרשידענע אָנווייזונגען 240

גישט זיין צו זיכער מיט זיך 242

זייט

וועגן לערנען תורה 243
אַ געמיטלעכער שמועס וועגן דברי תורה 246
תלמידי חכמים 249
יידן און די שכינה 251
די ליבע צווישן רבונו של עולם און כנסת ישראל 253
וועגן אויפשטאַנד פון בר כוכבא 255
רבי עקיבא און בר כוכבא 257
סקעפּטישע מיינונגען 260
ליבן דעם רבונו של עולם 260
מסירת נפש 263
יסורים של אַהבה 264
ביי דער פּטירה 265

רבי יהודה בן בבא

רבי יהודה בן בבא 268
מסירת נפש פון רבי יהודה בן בבא 269
פאַרזיכערן דעם גייסטיקן המשך 270

אַ משנה

אַשריכם ישראל, לפני מי אַתם מטהרים 272

הקדמה

ווי ביים אַרויסגעבן דעם ערשטן טייל פונעם דאָזיקן ספר, אַזוי בין איך אויך יעצט איבערגענומען מיט דער גרויסער זכיה אַרויסצוגעבן, ב"ה, דאָס דאָזיקע ספר: חכמי יבנה, וואָס איז דער צווייטער טייל פון: דער תלמוד און זיינע פערזענלעכקייטן.

איך האָב אויך דערביי אַ שטאַרקן באַגער, ממש אַ דראַנג, צו ברענגען דאָ נאָכאַמאָל דאָס וואָס איך האָב שוין געהאַט געשריבן אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פונעם ערשטן טייל. אגב, איז יענע צווייטע אויפלאַגע געוואָרן פאַרשפרייט, על פי רוב, אין אויסלאַנד; אַזוי אַז די היגע לייענער און לערנער האָבן, כמעט, נישט געהאַט די געלעגנהייט זי צו זען.

*

עס איז נישט לייכט צו לערנען תורה ברבים, עס איז אַ גרויס אַחריות. לערנען תורה דאַרפט מען גאָר אײדל און גאַנץ באַשיידן, טאָ ווער איז זוכה דערצו, אויסער יחידי סגולה; ערשט נאָך — לערנען תורה ברבים.

אגב, דער אויסדרוק דאָ: לערנען תורה ברבים, מיינט נישט, לערנען דעם רבים, אין געווענלעכן זין פון מרביץ תורה ברבים. אינעם דאָזיקן ספר לערן איך פאַר זיך זעלבסט, אָבער נישט בלחש, פאַר זיך אַליין, נאָר יעדערער וואָס וויל קאָן מיטלערנען.

*

ביים לערנען תורה ברבים מוז מען אָבער, אויסער אַלעם, אויך זיין געניוג פאָרזיכטיק און דיסקרעט: כבוד אלהים הסתר דבר. מען מוז אויך זיין זייער געוואָרנט, און שטאַרק זיך אויסהיטן, ביים פּאָפּולאַריזירן דברי תורה, אַז זיי זאָלן נישט, חלילה, ווערן באַנאַליזירט.

*

עס זענען פֿאַרהאַנדן אמת׳ן, וואָס אָסור לדרוש ברבים, וואָס זיי זענען נישט צו פּאָפּולאַריזירן, צו לערנען אין דער עפֿנטלעכקייט. אויך אַפֿילו לגבי יחידים, לגבי איינצלנע מענטשן, איז אונטערצושיידן וואָס און ווע־מען: עס זענען פֿאַרהאַנדן דברים שאָסור לאָמרם בפני עם האָרץ. נאָך אַ העכערע מדרגה איז, וואָס אין מגלים אלא לצנועים, וואָס מען אַנטפּלעקט נאָר פֿאַר באַשיידענע דיסקרעטע מענטשן.

*

דאָס אַלץ איז נישט נאָר בלויז געזאָגט געוואָרן ווען מען לערנט בעל פה, מינדלעך; נאָר אויך בכתב, ווען מען שרייבט דברי תורה. מען דאַרף אַזוי שרייבן אַז יעדערער זאָל עס פֿאַרשטיין לויט זיינע אייגענע השגות, לויט זיין פֿאַרשטאַנד און גייסטיקע אייגנשאַפֿטן.

איז טאַקע העברעאיש, לשון קודש, ספּעציעל מסוגל צו דברי תורה, און צווישן אַלע אַנדערע געבענטשטע אייגנשאַפֿטן, פֿאַרמאָגט עס אויך די דאָזיקע דיסקרעטע עלאַסטישקייט.

וואָס נוגע אונזער טייער מאַמע־לשון, יידיש, האָט עס טאַקע טויזנט חן, אָבער צי פֿאַרמאָגט אויך דאָס געשריבענע יידיש, אָט אַזאַ עלאַסטיש־קייט? און צי איז עס טאַקע אַזוי מסוגל צו דברי תורה, הגם זיי ווערן אַזוי ווייניק געשריבן אין היינטיקן יידיש?

*

איז באַלד לכתחילה ביים אַרויסגעבן דעם ערשטן טייל, בין איך געהאַט געוועזן באַזאָרגט, צווישן אַנדערעס, אויך אין שייכות צו די אויבן דערמאָנטע מאָטיוון, ווי עס איז געקומען, טיילוויז, צום אויסדרוק אין דער ערשטער הקדמה. האָב איך דאַמאָלט דאָס ספר אַרויסגעגעבן מיט אַ דאָפּלט געפֿיל, בבחינת: ופחד ורחב לבבי.

צו מיין צופֿרידנקייט האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, לויט מיינע איינדרוקן, אַז מיינע פֿריערדיקע זאָרגן זענען נישט געהאַט געוועזן גאָר באַרעכטיקט. איז יעצט מיין תפילה אַז דער דאָזיקער צווייטער טייל זאָל אויך האָבן די זעלבע זכיה ווי דער ערשטער, און יידן זאָלן לערנען תורה.

**
*

וואָס איז, אייגנטלעך, תורה?

דער יידישער לייענער קאָן זיך וווּנדערן: וואָס הייסט? ווועלכער ייד ווייסט דאָס נישט וואָס עס איז תורה?!

אייגנטלעך, וואָס עפּעס דווקא: „ווועלכער ייד״? און וואָס איז מיט

די גויים? סוף כל סוף איז דאָך די וועלט אָפּן פאַר אַלע, און עס איז, שליסלעך, נישטאָ קיין סודות וואָס איין פאָלק ווייסט יאָ און די אַנדערע פעלקער ווייסן נישט.

דער אמת איז אָבער אַז גויים ווייסן טאַקע נישט וואָס עס איז תורה:

> אם יאמר לך אָדם: יש חכמה בגויים — תאמין; יש תורה בגויים — אַל תאמין[1].

אַז מען וועט דיר זאָגן אַז ביי גויים איז דאָ חכמה — גלייב; אַז ביי גויים איז דאָ תורה — זאָלסטו נישט גלייבן.

*

גויים ווייסן טאַקע נישט וואָס עס איז תורה, זיי האָבן עס קיינמאָל נישט געוווּסט און קאָנען עס נישט וויסן.

דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס צווישן די אַזוי וויניק אונזערע איי־בערגעבליבענע יידן אַליין, זענען שוין אויך דאָ, פאַרהעלטעניש־מעסיק, אַ סך אַזעלכע וואָס ווייסן, נעבעך, אויך נישט דערפון, אַ סך מער ווי די גויים.

זיי ווייסן אַפילו נישט, אַז זיי ווייסן נישט. אַזוי ווי דער באַרימטער אַמורא, אַביי, גיט איבער אַ פּאָפּולערן שפּריכוואָרט:

> כפין עניא ולא ידע[2].

דער אָרעמאַן ווייסט אַפילו נישט ווי הונגעריק ער איז.

*

ווי לאַנג איז עס ערשט ווען אונזערע יידן האָבן געראַדע יאָ גע־ווּוסט וואָס עס איז תורה! אַלע יידן וואָס האָבן געלעבט ווי יידן, כמעט דאָס גאַנצע פאָלק, גרויס און קליין, אָרעם און רייך, יודעי ספר און עמי הארץ, מענער און פרויען. כמעט אַלע יידן פון שטעט און שטעטלעך, אַפילו די איינזאַמע יידן וואָס האָבן געלעבט פאַרוואָרפן צווישן גויים אין די אָפּגעלעגנסטע דערפער, די אַזוי גערופענע פאַרגרעבטע יידן — אַלע יידן, אַלע יידישע יידן כמעט אָן אויסנאַם, ווי אַזוי זיי האָבן געהאַט גע־ווּוסט וואָס עס איז תורה! זיי האָבן נישט דווקא געדאַרפט עס צו וויסן גאַנץ גענוי; נאָר מיט זייערע אַלע געפילן און מיט זייער גאַנצן

---

1. איכה רבה, ב, יז.
2. מגילה, ז, ב.

באַוווסטזיין זענען זיי, אָן שום גוזמא, על פּי רוב געווען באַהערשט פון דער תורה און איר איבערגעגעבן מיט אינטימער ליבע און מסירת נפש.

מען רימט זיך, און טאַקע מיט רעכט, אַז מיר האָבן אַ גרויסע און שיינע מאָדערנע יידישע ליטעראַטור; פונדעסטוועגן, קאָן מען דען פון דער גאַנצער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור באַקומען קוים אַ באַגריף, וואָס תורה איז געהאַט געווען אַמאָל ביי יידן? און דער אַמאָל, איז דאָך גאָרנישט אַזוי וויט!

*

די דאָזיקע טעמע: תורה אַמאָל ביי יידן איז, קאָן מען גאַנץ דרייסט זאָגן, אַזאַ וואונדערלעכע עפּאָפּעע, וואָס קיין שום אומה ולשון האָט אַפילו נישט קיין שום אָנונג פון עפּעס ענלעכעס. ווער ווייסט צי מיר וועלן נאָך אַמאָל זוכה זיין צו דעם גרויסן קינסטלער, אַ יחיד אָדער אַ קאָלעקטיוו, וואָס זאָל זיך פאַרמעסטן מיט דעם דאָזיקן גרויסן ווערק: „תורה, אַמאָל ביי יידן".

*

בעזרת החונן לאָדם דעת זאָלן מיר לערנען תורה, תורה לשמה. זאָלן מיר לערנען די תורה פון די חכמי יבנה, וואָס האָבן זי געלערנט מיט מסירת נפש, און פיל פון זיי האָבן בפועל ממש זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם און לעבן דאָס אייביקע לעבן.

דער מחבר

ב"ה, פּאַריז, חמשה עשר בשבט, תשל"ח — 23.1.1978.

אריינפיר

יבנה

אינעם ערשטן טייל פונעם דאָזיקן ספר איז מען עוסק אין דער ערשטער העלפט פון דער יבנה־עפּאָכע: די גרינדונג פון דער דאָזיקער באַרימטער אינסטיטוציע באַלד נאָך דער אַזוי טראַגישער פאָלקס־קאַ־טאַסטראָפע, נאָך חורבן ירושלים, ווי עס האָט געקאָנט אויסזען אַז דאָס פאָלק שטייט ביים תהום פון יאוש, ביים אָפּגרונד פון פאַרצווייפלונג. זעט מען דאָרט די ליכטיקע פערזענלעכקייט פון רבן יוחנן בן זכאי, ווי ער טראָגט אויס די גרוילן פון יענער אכזריות׳דיקער מלחמה, וואָס ער האָט, אגב, באַלד אין אָנהייב גאַנץ קלאָר פאָראויסגעזען די אומפאַרמיידלעכע אומגליקלעכע ענדע.

איז עס באמת פון די וואונדערלעכסטע דערשיינונגען, אַז נאָך די אַלע אַזוי גרויליקע איבערלעבענישן, נאָך די אַלע אַנטוישונגען, און צום סוף, נאָך דעם אַזוי פאַטאַלן חורבן, וואָס עס האָט געקאָנט אויסזען אַז אַלץ איז פאַרלוירן האָט רבן יוחנן בן זכאי, נאָך אַלעם, אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אמונה און בטחון, אַזוי פיל חכמה, ישוב הדעת און שלות הנפש — אויפצושטעלן אַזאַ אינסטיטוציע ווי יבנה, וואָס לייכט און וואַרמט אונז עד היום הזה.

*

הגם רבן יוחנן בן זכאי האָט גאַנץ גוט געוווּסט אַז נאָך אַזאַ קאַלאַ־סאַלער איבערקערעניש מוז מען דאָך איינפירן נייעס, האָט אָבער זיין גרויסע חכמה אַזוי האַרמאָנירט מיט זיין באַשיידנקייט, כדי צו וויסן זיך אויסצוהיטן נישט אַרויסצוווייזן קיין שום טענדענץ אָפּצונייגן פון אַלטן אָריגינעלן יידישקייט. איז באַלד די ערשטע לאָזונג ביי דער גרינדונג פון יבנה געהאַט געוועזן: נתחיל מהילל ושמאי, לאָמיר אָנהייבן ביי הילל און שמאי.

*

אַנטהאַלט דער ערשטער טייל פונעם דאָזיקן ספר: דאָס לעבן, אייגנט־לעך דאָס לערנען און שאַפן, פון הילל און שמאי, אַזוי ווי עס קומט אַרויס פון די אַלטע אויטענטישע מקורות. אַזוי אויך די לערע פון זייערע תלמי־

דים, דיביידע באַרימטע שולן: בית שמאי און בית הילל. דאָן דער גרינדער פון יבנה, רבן יוחנן בן זכאי און דערנאָך די הויפּט־זיילן פון יבנה: רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי יהושע בן חנניה און דער נשיא רבן גמליאל, וואָס איז באַקאַנט אַלס רבן גמליאל דיבנה.

*

דאָ, אינעם דאָזיקן צווייטן טייל, איז מען עוסק אין דער צווייטער העלפט פון דער יבנה־עפּאָכע, דאָס הייסט: די צווייטע העלפט פון דער תקופה צווישן חורבן ירושלים און חורבן ביתר.

אין דער ערשטער העלפט איז דאָך די לאַגע געהאַט געווען זייער קריטיש: נאָך דעם אַזוי פאַטאַלן חורבן ירושלים, צו זיין נאָך דערנאָך אונטערגעוואָרפן אונטער דער פיינטלעכער אָקופּאַציע פון די דאָזיקע שונ־אים וואָס האָבן חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש, פאַרוויסט דאָס לאַנד און אומגעברענגט אַזוי פיל מענטשן — איז אין דער אַנדערער העלפט פון דער דאָזיקער עפּאָכע געווען די לאַגע נאָך שרעקלעכער און אכזריות־דיקער. גאַנץ באַזונדער נאָך דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא.

איז באמת צו באַוואונדערן די חכמי יבנה, און ספּעציעל טאָקע די חכמים וואָס ווערן געברענגט אינעם דאָזיקן צווייטן טייל, אַז זיי האָבן אין אַזעלכע פינצטערע יאָרן געקאָנט לערנען תורה אַזוי געמיטלעך און מיט אַזוי פיל ליבע און מסירת נפש, אַז עס זאָל פון זיי אַרויסקומען אַזאַ ליכטיקע תורה.

די לערע פון די חכמי יבנה

מיט דעם גרויסן פאָרשריט אויף אַלע געביטן אין דער וויסנשאַפט, און גאַנץ באַזונדער מיט די אַלץ נייע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, עפענען זיך וואָס מער מעגלעכקייטן צו פאָרשטיין בעסער די געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט. זעט מען איין ווי קנאַפּ עס זענען, בכלל, אונ־זערע ידיעות, און ווי בלאַס עס זענען אונזערע פאָרשטעלונגען וועגן דעם פאַקטישן לעבן פון די אַמאָליקע דורות.

ווען מען באַטראַכט גוט אַ היסטאָרישע עפּאָכע וואָס מען באַזיצט אפילו וועגן איר מערערע ידיעות און מען האָט דעם איינדרוק אַז מען האָט וועגן איר אַ מער־ווייניק ריכטיקע פאָרשטעלונג — איז דאָס, על פי רוב, בנוגע דעם שוין רייפן אַנטוויקלונגס־פעריאָד פון יענער עפּאָכע. זעלטן ווען קאָן מען האָבן, וועלכע עס איז ריכטיקע באַגריפן וועגן דער

התחלה פון אַן עפּאָכע; אויב זי איז נישט אינגאַנצן פאַרהוילן, איז זי גלאַט איינגעהילט אין אַ נעפּל.

ביי יבנה שטייען מיר ביים סאַמע אָנפאַנג פון דער דאָזיקער עפּאָכע, וואָס האָט אַזאַ פּערמאַנענטע אויסווירקונג אויף יידישקייט עד היום הזה.

*

אייגנטלעך זענען מיר דאָ נישט עוסק אין היסטאָריע אַן און פאַר זיך און מיר באַשעפטיקן זיך דאָ אויך נישט מיט דער דאַמאָלטיקער פּאָליטיק. מיר לערנען נאָר דאָ די תורה פון דאַמאָלט, די תורה פון די חכמי יבנה. אַז מען לערנט תורה לאָגיש און אויך כראָנאָלאָגיש, גייט מען ממילא אינעם וועג פון דער היסטאָריע.

די תורה פון די חכמי יבנה איז תורת חיים, לעבנס־לערע אינעם פולן זין פון וואָרט, זי איז אַפילו אַקטועלע לעבנס־לערע. איז לערנענדיק זייער תורה, לערנט מען ממילא דיווירקלעכע היסטאָריע.

בכלל איז די לערע פון די חכמי יבנה טאַקע געהאַט געוועזן באַלד לכתחילה אַקטועלע לערע, אָבער אַקטועלע לעבנס־לערע וואָס איז ריכטיק און טאַקע אמת אין איר צייט, האָט ממילא אַ שטענדיקן, אַן אייביקן ווערט, און איז אַפילו אייביק אַקטועל.

*

די חכמי יבנה ווי די אַנדערע חכמי המשנה און דערנאָך די חכמי התלמוד, האָבן זיך דער עיקר אָפּגעגעבן מיטן לערנען ווי אַזוי צו פירן אַ ריין מאָראַליש און ראַציאָנעל לעבן. דאָס אַלגעמיינע לעבן און דאָס טאָג־טעגלעכע.

אַזוי אָבער ווי דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן באַשטייט דאָך, על פי רוב, פון פשוט׳ע טאַטן, פון מעשים בכל יום, וואָס רופן נישט אַרויס קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, אַזוי שפּיגלט זיך דאָס זעלבע אָפּ אויך אויף דער טאָג־טעגלעכער לעבנס־לערע. קאָן דעריבער, נישט זעלטן, זיך שאַפן אַ גאַנץ אויבערפלעכלעכער איינדרוק אַז מען האָט צו טוען מיט זעלבסט־פאַרשטענדלעכע טאָג־טעגלעכע אָנווייזונגען וואָס יעדער מענטש קאָן דאָס אַליין פאַרשטיין פון זיך זעלבסט.

דער דאָזיקער איינדרוק איז נאָר אויבערפלעכלעך, אַז מען פאַרטיפט זיך אָבער אין זיי, קאָן מען אויסגעפינען דעם טיפן זין און אמת׳ע באַדייטונג פון זייער וויטאַליטעט.

דוד מלכי

באַגרייפן היסטאָריע

וואָס גרעסער עס איז דער מענטש — אַלץ פשוט׳ער און באַשיידענער איז ער. וואָס אמת׳ער, דערהויבענער און אויך טיפער עס איז אַ געדאַנק — אַלץ פשוט׳ער און לייכטער קאָן ער ווערן אויסגעדריקט.

דער גרויסער מייסטער, דער געניאַלער קינסטלער — באַנוצט זיך מיט געוויינלעכע און פּראָסטע מאַטעריאַלן ביים שאַפן זיין ווערק, און ער באַמיט זיך צו זיין וואָס פשוט׳ער און וואָס נאַטירלעכער.

דאָס זעלבע איז אויך בנוגע גרויסע היסטאָרישע העלדן און עפּאָכע־מאַכנדיקע פּערזענלעכקייטן:

קליינע מענטשן און, אַוודאי, אַלע מינים דעמאַגאָגן, וואָס עס האָט זיי געלונגען זיך אַרויפצוכאַפּן אויף דער אַרענע אַלס פירער — מוזן שטענדיק זיך באַנוצן נאָר מיט באַפליגלטע ווערטער, מיט הויכע מליצות, מיט שטאַרקע אויסדרוקן און מיט באָמבאַסטישע רייד. זיי מוזן אויך מאַכן גרויסע פּלענער וועגן קאָלאָסאַלע ווערק. אַלץ מוז זיין ביי זיי גרויס, גי־גאַנטיש, און מיט אַן אָנשטעל פון גרויסע העלדן.

דאַקעגן אָבער אמת׳ע גרויסע פּערזענלעכקייטן, גאָט־געבענטשטע פי־רער און לערער פון פאָלק — זענען פשוט און באַשיידן. זיי האָבן באַשיי־דענע פאַרלאַנגען און אויך באַשיידענע פאָרשטעלונגען וועגן זייער איי־גענער מיסיע. זיי דאַרפן ווייניק, די אמת׳ע און ערלעכע פירער און לע־רער פון פאָלק. עס איז פאַר זיי גענוג נאָר עפּעס, עפּעס אַזעלכעס וואָס עס זאָל דערויף קאָנען חל זיין די ברכה. פון אַזאַ עפּעס ווערט דורך זיי געשאַפן דאָס גראַנדיעזע, דאָס וואָס מען זעט שפּעטער אַלס גרויס היס־טאָריש געשעעניש.

*

ווען מען לערנט די תורה פון די חכמי יבנה, אַפילו באַלד ביי דער התחלה פון יבנה, באַלד די ערשטע תקנות וואָס רבן יוחנן בן זכאי האָט איינגעפירט גלייך נאָך חורבן ירושלים — קאָן מען אפשר, אין פלוג, זיך וואונדערן: דאָס איז אַלץ?! עס איז דאָך נישטאָ דערביי קיין באַזונדערעס, און אַוודאי נישט קיין שום אויסערגעוויינלעכעס. נישט אין די באַלד ערשטע תקנות, און אפשר אויך נישט אין דעם אַלעם טאָג־טעגלעכן לעבן וואָס די חכמי יבנה האָבן כסדר געלערנט. אָבער דער אמת איז אַז דאָס איז טאַקע דער כח פון אמת, פון תורת אמת, וואָס עס איז אַזוי פשוט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, דאָס מען מיינט אַז עס איז גאַנץ געוויינלעך.

*

עפּעס ענלעכעס זעט מען אויך אין דער באַציאונג פון מענטש, לאָמיר זאָגן, צו אַ לייב: יעדער מענטש וואָס זעט דאָס ערשטע מאָל אַ לייב, לעבט איבער אַן אַנטוישונג. דער מענטש איז געוווינט, פון קינדווייז אָן, צו הערן וועגן די וווּנדער פון אַ לייב: וועגן זיין שטאַרקייט, וועגן זיין מאַיעסטעטישקייט, און אַז ער איז טאַקע, שליסלעך, דער מלך פון די חיות. ווען עס קומט אים אָבער אויס צו זען טאַקע אַ לייב ממש, קומט דאָן די גרויסע אַנטוישונג: ווו איז זיין שטאַרקייט? וואָס פאַר אַ מאַיעסטעטישקייט? אויסער אַלעם קומט דאָך אים שטענדיק אויס צו זען דעם לייב פאַרשלאָסן אין אַ שטייג, טאָ וואָס פאַר אַ פּנים קאָן ער שוין גלאַט האָבן אין זיינע אויגן. ער זעט אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג: אַ חיה ווי אַלע חיות.

נאָר אַז דער מענטש האָט די געלעגנהייט צו זען דעם לייב מערערע מאָל, און ער קוקט זיך גוט איין אין אים, הייבט ער אָן ביסלעכווייז צו באַמערקן זיינע אייגנשאַפטן: פּלוצלינג הערט ער זיין מעכטיקן בריל, אַן אַנדערשט מאָל זעט ער ווי טאַקע מאַיעסטעטיש ער גיט אַ הייב אויף דעם קאָפּ מיט זיין שיינער לייבן־גריווע. אַזוי איינציקווייז קומט ער, ענדלעך, צום באַוווסטזיין אַז אַ לייב איז טאַקע אַ לייב.

*

עס פאַרשטייט זיך אַז די חכמי יבנה האָבן זיך נישט באַניגן געלאָזט נאָר בלויז מיט לערנען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, מיט חיי שעה. שטענדיק האָבן פאַר זייערע אויגן געשוועבט די הויכע אידעאַלן, און זיי האָבן טאַקע געזאָרגט פאַר חיי עולם, און טאַקע אויף דעם געביט האָבן זיי זיך באַזונדער אויסגעצייכנט.

אייגנטלעך זענען זיי ביידע, דאָס טאָג־טעגלעכע און דאָס אייביקע, שטענדיק צווישן זיך שטאַרק פאַרבונדן: אויב מען לעבט ווי געהעריק טאָג־טעגלעך, אויב חיי שעה איז ווי עס דאַרפט צו זיין — דערגרייכט מען שוין ממילא צו חיי עולם.

די איינגעשטעלטע אָרדענונג אין יבנה

אַזוי ווי אין די לעצטע יאָרן פאַר חורבן ירושלים האָט אין ארץ ישראל אַלץ מער זיך געשטאַרקט דער געוואַלטיקער שטורם, וואָס האָט אַזוי שאַרף

און בולט אַרויסגעברענגט די אַלע אַנטאַגאַניזמען: די פֿאַרשידענע אידעאָלאָגיעס און פּאָליטישע איינשטעלונגען און בכלל די אַלע קעגנגעזעצטע אינטערעסן, און עס האָבן זיך אַזוי צעפּלאַקערט די אַלע ביטערע ראַנגלענישן וואָס האָבן אַפּילו, מאַנכעס מאָל, אָנגענומען גאַנץ געפערלעכע פאַרמען — אַזוי האָט דאַקעגן נאָך חורבן ירושלים, בימי יבנה, דעצידירט די אויף זיך זעלבסט אויפגעצווונגענע רואיקייט, דער דיסציפּלינירטער ישוב הדעת, די שיטה פון רבן יוחנן בן זכאי: צו אַנערקענען, סוף כל סוף, די טרויעריקעווירקלעכקייט און זען צו ראַטעווען דאָס וואָס עס איז נאָר מעגלעך; און דער עיקר: זיך צו קאָנצענטרירן אויפצושטעלן אַ ניי, אינערלעך אָרגאַניזירט, לעבן אין די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן.

*

האָט אין יבנה זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע אין ארץ ישראל, און עס איז דאָרטן געוואָרן איינגעשטעלט, צווישן זיך, אַ נייע אָרדענונג. עס איז דאָרטן געוואָרן איינגעפירט, אויסדריקנדיק זיך מיט דער פּאָליטישער טערמינאָלאָגיע, אַ זאָפּיקראַטישע אָרדענונג. אַן אָרדענונג ווו עס דעצידירן די געלערנטע, די חכמים.

די אייגענע אינערלעכע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אינעם לעבן פון די יידן אין ארץ ישראל אונטער דער פיינטלעכער אַזוי שטרענגער רוימישער אָקופּאַציע, איז איבערגעגאַנגען צו די יידישע געלערנטע, צו די חכמים וואָס זענען אונז באַקאַנט אַלס די תנאים, די חכמי המשנה[1].

*

אייגנטלעך, איז „זאָפּיקראַטישע אָרדענונג" נישט קיין גענוג גענויע באַצייכענונג פאַר דער אָרדענונג וואָס איז דאַמאָלט געוואָרן איינגעשטעלט אין יבנה. גענויער וואָלט געווען זיך אויסצודריקן: דעמאָקראַטיש־זאָפּיקראַטישע אָרדענונג.

די קולטור, די לערע, אייגנטלעך, די תורה וואָס איז די לעבנס־לערע און די חכמה אויף אַלע, נישט נאָר בלויז גייסטיקע, געביטן אינעם לעבן — איז ביי יידן נישט געווען קיין פּריווילעגיע פון באַשטימטע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט. אַזוי ווי עס האָט זיך שטענדיק געפירט ביי אַלע

1. דאָס וואָס ווערט געזאָגט אין מסכת פסחים, קיב, א. ווען אַ ראש העיר, האָט דערמיט גאָרנישט צו טוען.

אַנדערע פעלקער, וואָס צו דער לערע האָבן נאָר געקאָנט צוקומען די רייכע, די הערשנדיקע קלאַסן.

שוין אין יענע יאָרן איז די תורה געווען ביי יידן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק. יעדער ייד איז געווען מחויב אַליין צו לערנען, און ספּעציעל האָט ער געמוזט זאָרגן אַז זיינע קינדער זאָלן לערנען תורה.

יעדער יידישער מענטש, אַפילו פון די אָרעמסטע קלאַסן, און פון די נידעריקסטע שטופן אין דער געזעלשאַפט, האָט געהאַט גענוג מעגלעכ־קייטן צו לערנען תורה און אַפילו צו שטייגן צו די העכסטע שטאַפּלען.

זעט מען צווישן די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע יידישע חכמים און מנהיגים, פיל אַזעלכע וואָס שטאַמען פון פשוט׳ע פאָלקס־מענטשן, און אַפילו פון גאַנץ אָרעמע שיכטן, ווי למשל, טאַקע ביי די חכמי יבנה: רבי יהושע בן חנניה, רבי יוחנן בן נורי, רבי עקיבא און נאָך אַנדערע.

יבנה אַלס מוסטער

איינס פון די וויכטיקסטע און שווערסטע פּראָבלעמען וואָס מאַטערט כסדר די מענטשהייט איז, בלי שום ספק, די פראַגע: וועלכע איז די בעסטע פּאָליטישע אָרדענונג וואָס דאַרפט ווערן איינגעפירט אין דער וועלט, אין יעדן לאַנד באַזונדער.

געוויינלעך איז, מערסטנטייל, אָנגענומען די מיינונג אַז די בעסטע פּאָ־ליטישע אָרדענונג איז די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע אָרדענונג. זענען אָבער פאַראַנען, אויך ביי מאַנכע אירע אייגענע אָנהענגער, גאַנץ ערנסטע ספקות וועגן דער אַבסאָלוטער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער מיינונג.

די שוואַכע זייט פון דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג איז, וואָס ביי דעמאָקראַטישע וואַלן האָט יעדערער בירגער די גלייכע רעכט צו באַשטי־מען דעם גורל פון גאַנצן פאָלק. אמת טאַקע אַז די מערהייט פון יעדן פאָלק זענען געוויינלעך אָרנטלעכע און אַנשטענדיקע מענטשן, אָבער זיי זענען דאָך, אין אַזוי פיל הינזיכטן, נאַאיווו. יעדנפאַלס זענען זיי ווייניק באַהאַוונט אין די פּראָבלעמען וואָס זענען נוגע דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, און אַוודאַי צייכענען זיי זיך נישט אויס מיט אַ באַזונדערער פּאָליטישער ראַפינירטקייט. טאָ טרעפט זיך, צום גרויסן אומגליק, אַז ביי געוויסע אומשטענדן זאָל עפּעס אַ פּיפיקן דעמאַגאָג געלונגען צו פאַר־פירן די מערהייט פון פאָלק.

עס איז אַוודאַי איבעריק צו דערמאָנען ווי ערשט דאָ נישט לאַנג צו־ריק, איז אין איינער פון די קולטורעלסטע מדינות אין דער וועלט געלונגען

עפעס אַ שוידערלעכן אוממענטש צו קומען צו דער מאַכט, דווקא ביי דעמאָקראַטישע וואַלן, און ווי שרעקלעך שוידערלעך עס זענען די רעזולטאַטן!

זאָגן אָבער די אָנהענגער פון דעמאָקראַטישע וואַלן, אַז טראָץ אַלעם איז דאָך, על כל פנים דערוויל ביז יעצט, נישט געלונגען צו געפינען עפּעס אַ בעסערע אָרדענונג.

*

איז נישט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט אַמאָל אויספּרוּוון אַזאַ מין דעמאָקראַטיש־זאָפּיקראַטישן סיסטעם ווי עס איז געווען איינגעשטעלט אין יבנה:

די אָנפירערשאַפט אינעם אינערלעכן יידישן לעבן אין ארץ ישראל האָט דאַמאָלט געהערט צו די יידישע געלערנטע, די חכמים, די חכמי התורה. אָבער די תורה איז פּאַקטיש געווען פריי און צוטריטלעך פאַר אַלע, פאַר אַלע יידישע קינדער, פאַר רייכע און פאַר אָרעמע.

האָט יעדער יידישער מענטש געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו לערנען תורה, און לויט זיינע איידעלע אייגנשאַפטן און גייסטיקע פעאיקייטן, האָט ער געקאָנט שטייגן אויף די העכסטע מדרגות.

יעדער ייד האָט ממילא געהאַט די מעגלעכקייטן צו דערגרייכן צו די העכסטע שטופן אין דער געזעלשאַפט, נאָר ער האָט טאַקע געמוזט זיין פּאַקטיש ראוי דערצו, און געדאַרפט האָבן אַלע גייסטיקע קוואַליפיקאַציעס.

די דעמאָקראַטישע איינשטעלונג

עס איז זייער באַלערנדיק און כאַראַקטעריסטיש די איינשטעלונג פון די חכמי יבנה אַז אַלע יידן זענען, אייגנטלעך, גלייך; אי מיט די פליכטן, אי מיט די פּריווילעגיעס:

> מרגלא בפומייהו דרבנן דיבנה: אני בריה וחברי בריה, אני מלאכתי בעיר והוא מלאכתו בשדה, אני משכים למלאכתי והוא משכים למלאכתו. כשם שהוא אינו מתגדר במלאכתו, כך אני איני מתגדר במלאכתי. שמא תאמר: אני מרבה והוא ממעיט, שנינו: אחד המרבה ואחד הממעיט, ובלבד שיכוין את לבו לשמים[2].

2. ברכות, יז, א.

די רבנן אין יבנה זענען געוווינט צו זאָגן: איך בין אַ באַשעפעניש און מיין חבר איז אַ באַשעפעניש, מיין מלאכה איז אין שטאָט און זיין מלאכה איז אויפן פעלד, איך פעדער זיך צו מיין מלאכה און ער פעדערט זיך צו זיין מלאכה. אַזוי ווי ער איבערנעמט זיך נישט מיט זיין מלאכה, אַזוי איבערנעם איך זיך נישט מיט מיין מלאכה. טאָמער ווועסטו זאָגן: איך טו דאָך אַ סך (לערנען תורה), אָבער ער ווייניק — האָבן מיר דאָך שוין געלערנט: צי מען טוט פיל, צי מען טוט ווייניק, אַבי נאָר מען איז מכוון דאָס האַרץ צום הימל!

*

אַלע זענען גלייך, נישטאָ קיין באַזונדערער ווערזנטלעכער אונטערשיד, צי אַ תלמיד חכם אין שטאָט, צי אַ פּויער אויפן פעלד, אויב מען איז נאָר ערלעך און מען מיינט באמת לשם שמים.

דאָס איז נישט עפּעס נאָר אַן אייגענע מיינונג דאָרטן פון איינעם אַ יחיד, נאָר אַזוי זענען די חכמי יבנה, בכלל, געוווּן געוווינט צו זאָגן, און אַז די חכמי יבנה האָבן עפּעס געזאָגט, איז עס נישט געהאַט געווען גלאַט געזאָגט, נאָר אַזוי זענען זיי אַבסאָלוט ערלעך און אויפריכטיק געהאַט געווען איבערצייגט.

*

הגם עס איז געהאַט געווען ביי די חכמי יבנה גאַנץ אָנגענומען זיך קעגנזייטיק צו קריטיקירן, און מאַנכעס מאָל האָט עס אַפילו געקאָנט אָנ־נעמען אַ גאַנץ שאַרפן כאַראַקטער; איז אָבער, כמעט, קיינמאָל נישט אויסגעקומען עמיצן פון זיי פאַרצוואַרפן אַז ער זאָל נישט זיין געגוג אויפ־ריכטיק. פאַרוואָס: „כמעט”? ווייל איינמאָל האָט מען איינעם פון די וויכטיקע חכמי יבנה יאָ פאָרגעבירט צו מאַכן אַזאַ פאַרוואָרף. אַזוי ווי דער דאָזיקער פאַל איז אַן אויסנאַם, איז עס טאַקע אַ יושר אים דאָ צו ברענגען:

עס ווערט איבערגעגעבן, ווי עס וועט נאָך ווייטער ווערן געבערענגט אַביסל אויספירלעכער, אַ שמועס צווישן די חכמי יבנה ווי וויכטיק עס איז די מצוה צו פירן אַ פאַמיליע־לעבן. ווערט דאָרטן דערציילט אַז בן עזאי וואָס האָט זיך אויך באַטייליקט אינעם דאָזיקן שמועס, איז געהאַט געווען גאָר שטאַרק איבערצייגט אין דער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער מצוה. האָבן אים די אַנדערע חכמים געפרעגט: היתכן דו זאָלסט אַזוי שיין דרש׳נען און נישט מקיים זיין! האָט בן עזאי גאַנץ קאַטעגאָריש זיי גע־

ענטפערט: „וואָס זאָל איך טוען? איך בין פאַרליבט אין דער תורה, וועט די וועלט אויך האָבן אַ קיום אָן מיר"[3].

דאָס איז געהאַט געווען, דאַכט זיך, דאָס איין און איינציקע מאָל אַז מען זאָל איינעם פון די חכמי יבנה פאָרבירן פאַרצוואַרפן נישט אויפ־ריכטיקייט.

*

עס ווערט געלערנט אין דער משנה אַז אויב מען באַליידיקט עמיצן, מוז מען אים באַצאָלן אַנטשעדיקונג, יעדן לויט זיין שטאַנד און אָנזען, אָבער רבי עקיבא האָט אַן אַנדערע מיינונג:

אָמר רבי עקיבא: אֲפילו עניים שבישראל, רואין אותם כאילו הם בני חורין שירדו מנכסיהן, שהם בני אַברהם יצחק ויעקב[4].

האָט רבי עקיבא געזאָגט: אַפילו די אָרעמסטע צווישן יידן, רעכנט מען זיי אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַראָפּגעקומענע אַריסטאָקראַטן, זיי זענען דאָך די קינדער פון אַברהם יצחק ויעקב.

*

די קינדער פון אַברהם יצחק ויעקב. דער דאָזיקער באַוווסטזיין דאַרפט אַלע יידן אָנפילן מיט שטאָלץ. נישט חלילה מיט פוסטער נאַרישער גאווה, נאָר מיט דעם שטאָלצן באַוווסטזיין ווער מען איז און וואָס מען איז. דאָס איז אַזאַ שטאָלץ וואָס איז מחייב, וואָס פאַרפליכטעט צו זיין איידל און דערהויבן, צו זיין דערצו ווירדיק, און אַוודאי צו וויסן דעם הויכן ווערט פון אַלע אַרומיקע, פון נאָענטע און ווייטע. אָט דער דאָזיקער באַוווסטזיין ברענגט ממילא צו דער איבערצייגונג אַז עס איז נישטאָ קיין וועזנטלעכער אונטערשיד, נאָר אַלע זענען גלייך, אַלע זענען דאָך בני אַברהם יצחק ויעקב.

*

לאָמיר דאָ ברענגען אַ שיינעם כאַראַקטעריסטישן מאמר, וואָס איז שוין געוואָרן געברענגט אינעם ערשטן טייל:

3. יבמות, סג, ב.
4. משנה בבא קמא, ח, ו.

חכם קודם למלך, חכם שמת — אין לו כיוצא בו; מלך שמת — כל ישראל ראוין למלכות[5].

אַ חכם איז פריער ווי אַ מלך, אַז אַ חכם שטאַרבט קאָן אים קיינער נישט פאַרטרעטן; אָבער אַז עס שטאַרבט אַ מלך, איז יעדער ייד ראוי צו דער מלוכה.

*

דער כלל אַז אַלע יידן זענען גלייך, אי צו די פּריווילעגיעס, אי צו די פליכטן, איז אַזש געוואָרן אַזוי אויסגעברייטערט, אַז:

כל ישראל ערבים זה בזה[6].

יעדערער ייד האָט אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איינער פאַרן אַנדערן.

פאַרשידענע חכמי יבנה

עס איז גענוג אָן אויבערפלעכלעכער איבערבליק איבערן אינהאַלט פונעם דאָזיקן ספר, כדי צו זען אַז פיל פון די חכמי יבנה זענען, עפּעס גאַנץ צופעליק, געוואָרן אַרויסגעלאָזט, און עס איז דאָ וועגן זיי כמעט גאָרנישט געוואָרן געברענגט, הגם יעדערער פון זיי האָט באַזונדער אַ גאָר גרויסן ווערט. זאָל דאָ ווערן פון זיי אויסגערעכנט גאַנץ בקיצור, מינדעסטנס, אַ צען חכמים:

שמואל הקטן

אַזוי ווערט ער שטענדיק אָנגערופן: שמואל הקטן. קיין הלכות איז פון אים, דאַכט זיך, נישט געבליבן, נאָר עטלעכע אַגדות. ער איז געווען

5. ירושלמי הוריות, ג, ה.
6. ספרא בחוקותי, ו, ז. שבועות, לט, א.

זייער באַרימט אַלס צדיק, און האָט באַזונדער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרויס באַשיידנקייט[7].

אין איינער פון זיינע דרשות ווערט זייער פאַרהערלעכט ירושלים[8] ער האָט אויך פאָרגעזען, אַז עס גרייטן זיך שווערע גזרות, און זאָל אויך האָבן אַפילו אָנגערופן עטלעכע פון די שפּעטערדיקע אומגעקומענע חכמים, פון די הרוגי מלכות[9].

רבי אלעזר בן יהודה איש ברתותא

רבי אלעזר בן יהודה פון ברתותא איז געווען אַ תלמיד פון רבי יהושע בן חנניה[10]. ער איז אויך מערערע מאָל געווען מחולק מיט רבי עקיבא'ן. עס איז פון אים געבליבן גאַנץ אינטערעסאַנטע דרשות אין אַגדה[11].

אין דער משנה פון אָבות ווערט פון אים געבראַנגט אַ מאמר וועגן צדקה:

רבי אלעזר איש ברתותא אומר: תן לו משלו, שאתה ושלך שלו. וכן בדוד הוא אומר[12]: „כי ממך הכל, ומידך נתנו לך"[13].

רבי אלעזר פון ברתותא זאָגט: גיב אים (דעם רבונו של עולם) פון זיינס, ווייל דו און דיינס געהערן דאָך צו אים, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט ביי דוד'ן (ווי ער האָט געזאָגט צו גאָט): „נאָר פון דיר איז אַלץ, און פון דיין האַנט האָבן מיר דיר געגעבן".

*

ווערט דערציילט אויסטערלישע זאַכן וועגן זיין מקיים זיין מצוות צדקה. אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט האָט ער אַוועקגעגעבן, אַזוי ווייט

7. תוספתא סוטה, י, 318; בבלי, מח, ב. סנהדרין, יא, א.
8. מסכת דרך ארץ זוטא, סוף פרק ט.
9. סנהדרין, יא, א.
10. משנה טבול יום, ג, ד—ה. תוספתא בכורות, ז, 542; בבלי, נז, א. פסחים, יג, א.
11. שבת, לב, ב. מכילתא בשלח, יד, טו. אָבות דרבי נתן, נו"א, לח.
12. דברי הימים א, כט, יד.
13. אָבות, ג, ז.

אַז די גבאים פון צדקה האָבן שטענדיק געפלעגט אים אויסצומיידן, כדי ער זאָל זיי נישט זען און זיי אַלץ אַוועקגעבן[14].

רבי יוחנן בן ברוקה

אויך רבי יוחנן בן ברוקה איז געווען אַ תלמיד פון רבי יהושע בן חנניה[15]. עס איז פון אים געבליבן פיל הלכות אין דער משנה, אין דער תוספתא און אין תלמוד.

*

אין דער משנה אין אָבות ווערט פון אים געבערענגט:

רבי יוחנן בן ברוקה אומר: כל המחלל שם שמים בסתר, נפרעין ממנו בגלוי, אחד שוגג ואחד מזיד בחלול השם[16].

רבי יוחנן בן ברוקה זאָגט: דער וואָס איז מחלל שם שמים אין געהיים, ווערט ער דערפאַר באַשטראָפט עפנטלעך. ביי חלול השם איז עס נישט נאָר בלויז במזיד, ווען עס איז געוואָרן באַגאַנגען גערנווייליק; נאָר אוידבשוגג, ווען עס איז געוואָרן באַגאַנגען אומגערן.

אין זיינעם אַ מאמר אין דער משנה דערהייבט ער דעם ווערט פון דער פרוי בכלל[17]. אַזוי איז ער אויך אין עטלעכע הלכות לטובת דער פרוי[18].

*

זיין זון איז דער תנא, רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן בן ברוקה.

רבי אלעזר חסמא

אַזוי ווי זיין חבר רבי יוחנן בן ברוקה, איז אויך רבי אלעזר חסמא געווען דער תלמיד פון רבי יהושע בן חנניה.

---

14. תענית, כד, א. לויט דקדוקי סופרים.
15. חגיגה, ג, א. תוספתא סוטה, ז, ט, 207.
16. אָבות, ד, ד.
17. משנה יבמות, ו, ו.
18. ספרי נשא, יא. תוספתא כתובות, ד, ח, 264.

עס ווערט דערציילט, ווי דאָס איז שוין, אגב, געוואָרן געברענגט אינעם ערשטן טייל, אַז רבי יהושע בן חנניה איז אַמאָל געהאַט געפאָרן אויף אַ שיף צוזאַמען מיטן נשיא, רבן גמליאל. האָט רבן גמליאל, דאַמאָלט, שטאַרק זיך געהאַט געוווּנדערט, דאָס רבי יהושע האָט אַזוי פיל וויסן, און דאָך אַרבעט ער שווער אויף פרנסה. ווערט דאָרטן ווייטער דערציילט:

אָמר לו: עד שאתה תמה עלי, תמה על שני תלמידים שיש לך ביבשה: רבי יוחנן בן גודגדא ורבי אלעזר חסמא שיודעין לשער כל טפין שבים ואין להם לחם לאכול ובגד ללבוש. נתן דעתו להושיבם בראש. כשעלה ליבשה שלח להם ולא באו. חזר ושלח להם ובאו. אָמר להם כמדומין אתם ששררות אני נותן לכם? עבדות אני נותן לכם[19].

האָט רבי יהושע געזאָגט צו רבן גמליאל: אַנשטאָט זיך צו וווּנדערן אויף מיר, וווּנדער זיך ליבערשט אויף דיינע צוויי תלמידים וואָס דו האָסט אויף דער יבשה: רבי יוחנן בן גודגדא און רבי אלעזר חסמא, וואָס האָבן אַן אַנונג וועגן יעדן טראָפּן וואַסער אינעם ים, און זיי האָבן נישט אויף קיין ברויט און אויף באַקליידונג. האָט רבן גמליאל זיך גענומען אין זינען אַריין, דאָס ער זאָל זיי באַשטימען אויף הויכע אַמטן (ווען זיי אויך האָבן, ממילא, פרנסה).

ווערט דאָרטן ווייטער דערציילט, ווי רבן גמליאל האָט דאָס זיי צוּוויסן געטוען, אָבער זיי זענען נישט געקומען (צוליב זייער באַשיידנקייט). האָט רבן גמליאל ווידער נאָך זיין געשיקט, און זיי געזאָגט:

איר מיינט אַז איך גיב אייך איבער אַ הערשאַפט, פאַרקערט: אַן עבדות, אַ דינסט גיב איך אייך איבער!

רבי יוסי בן דורמסקית

אַזוי האָט מען אים גערופן: רבי יוסי בן דורמסקית, דאָס הייסט אַוודאי: דער זון פון אַ פרוי פון דמשק. ער אַליין איז אויך געווען פון

19. הוריות, י, א. אין ספרי דברים, טז, איז בן נורי, אַנשטאָט בן גודגדא.

דאָרטן. ער איז געווען אַ תלמיד פון רבי אליעזר בן הורקנוס[20]. עס איז פון אים געבליבן פאַרשידענע דברי אַגדה[21].

רבי שמעון בן ננס

רבי שמעון בן ננס איז עוסק געווען אין הלכה, גאַנץ באַזונדער האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין דיני ממונות, אין געזעצן וועגן געלט־זאַכן. רבי ישמעאל האָט געזאָגט אַז דיני ממונות איז אַ זייער גרויס געביט, און דער וואָס וויל זיך דערמיט פאַרנעמען, זאָל לערנען ביי שמעון בן ננס[22].

רבי אלעאי

רבי אלעאי איז געווען אַ תלמיד פון רבי אליעזר בן הורקנוס, עס ווערט, אגב, דערציילט אַז ער איז אַמאָל אויף יום טוב געהאַט געגאַנגען צופוס קיין לוד צו זיין רבי'ן, איז ער אָבער גאָרנישט געווען דערפון צופרידן און האָט אים געזאָגט אַז יום טוב דאַרפט מען זיין ביי זיך אין דער היים צוזאַמען מיט דער פאַמיליע[23].

*

פון רבי אלעאי שטאַמט דער זייער פּאָפּולערער און גאַנץ באַלערנקער שפּריכוואָרט, אויסגעדריקט דורך גאָר אַ שיינעם וואָרט־שפּיל:

אָמר רבי אלעאי: בשלשה דברים אָדם ניכר: בכיסו, בכוסו, בכעסו[24].

רבי אלעאי האָט געזאָגט: דעם מענטש דערקענט מען אין דריי זאַכן: ביי זיין כיס (טאַש), ביי זיין כוס (גלעזל) און ביי זיין כעס.

20. משנה ידים, ד, ג. חגיגה, ג, ב.
21. ספרי דברים, א. ספרא בחוקותי, פרק ו. מכילתא בשלח, טו, ב; יתרו, יט, ב.
22. משנה, סוף בבא בתרא.
23. סוכה, כז, ב.
24. עירובין, סה, ב. לויט דקדוקי סופרים.

*

זיין זון איז דער באַקאַנטער תנא, רבי יהודה ברבי אלעאי, רבי עקיבא׳ס תלמיד.

רבי לויטס איש יבנה

צווישן די חכמי יבנה איז אויך געווען אַ תנא מיטן נאָמען: רבי לויטס. ער איז געווען פון דער שטאָט יבנה זעלבסט, ווערט ער גערופן: רבי לויטס איש יבנה.

איז פון אים דאָ אַ מאמר אין דער משנה אין אָבות:

רבי לויטס איש יבנה אומר: מאד מאד הוי שפל רוח, שתקות אנוש רמה[25].

רבי לויטס דער מאַן פון יבנה זאָגט: דו זאָלסט ביי זיך זיין זייער, זייער באַשיידן, ווייל דער סוף פונעם מענטש איז... ווערם.

*

אין פלוג קאָן דער דאָזיקער מאמר אויסזען גאַנץ נאַאיוו, ווייל אַזוי איז עס דאָך שוין די נאַטור פון יעדן מענטש, אַזוי ווי פון אַלע בעלי חיים, אַז אַלע שטאַרבן.

נאָר דער אמת איז אַזוי: אַוודאי איז דער סוף פון יעדן מענטש אַז ער שטאַרבט, און הגם עס איז אַזוי נאַטירלעך; איז עס יעדעס מאָל אַ טראַגעדיע, טאַקע אַ נאַטירלעכע, אָבער דאָך אַ זייער טרויעריקע נאַטירלעכע מענטשלעכע טראַגעדיע. ווען דער מענטש איז אָבער ביים לעבן, דערצו, אַ בעל גאווה, און איז ביי זיך אַזוי זיכער און פאַריסן, און דאָ גיט ער אַ שטאַרב אַוועק — איז עס שוין נישט נאָר בלויז אַזוי ווייט טראַגיש, ווי עס איז אויך, פשוט, נעבעכדיק לעכערלעך, אַז עס פאַרשעמט אַזש דעם גאַנצן מין מענטש.

---

25. אָבות, ד, ד.

רבי חוצפית המתורגמן

רבי חוצפית, אַ תנא וואָס עס ווערט פון אים געברענגט מערערע הלכות, האָט אויך געהאַט אַן אָפיציעלן אַמט אין דער ישיבה אין יבנה: ער איז געווען דער מתורגמן, דער איבערזעצער, רעפערענט און אויפקלער־רער פון די דרשות פונעם נשיא רבן גמליאל דיבנה, און ער איז באַרימט אַלס פה מפיק מרגליות, אַ מויל וואָס ברענגט אַרויס פערל[26].

רבי חוצפית המתורגמן איז זייער טראַגיש אומגעקומען. ער ווערט גערעכנט צווישן די עשרה הרוגי מלכות, די צען גרויסע חכמים וואָס זענען אומגעקומען דורך דער רוימישער אָקופּאַציע־מאַכט[27].

רבי ישבב הסופר

רבי ישבב, ער ווערט אויך גערופן: רבי ישבב הסופר[28], איז געווען אַ תלמיד פון רבי יהושע בן חנניה, און עס ווערט פון אים געברענגט מערערע הלכות. ער איז געווען אָפט מחולק מיט רבי עקיבאַ'ן. אַמאָל איז ער גאָר שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן אים ווייל ער איז געווען דאַ־מאָלט צופיל מחמיר[29].

עס ווערט דערציילט אַז ער האָט זיין פאַרמעגן צעטיילט צווישן די אָרעמעלייט, אָבער רבן גמליאל איז גאָרנישט געווען דערפון צופרידן[30].

רבי ישבב הסופר איז אויך געווען צווישן די עשרה הרוגי מלכות[31].

די שווערע גזרות

ווען מען לערנט די תורה פון די חכמי יבנה קאָן מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ביי וועלכע באַדינגונגען, און אין וואָס פאַרע אומשטענדן,

---

26. קידושין, לט, ב. סוף מסכת חולין.
27. מדרש רבה, איכה, ב, ה.
28. מדרש שוחר טוב, ט, יג.
29. כתובות, כט, ב.
30. ירושלמי פאה, א, א. לויט כתובות, נ, א, האָט ער געוואָלט צעטיילן מער ווי אַ פינפטל פון זיין פאַרמעגן, נאָר רבי עקיבא האָט נישט צוגעלאָזט דערצו.
31. מדרש רבה, איכה, ב, ה.

די דאָזיקע תורה איז געוואָרן געלערנט דאַמאָלט אין יענער צייט, צווישן חורבן ירושלים און חורבן ביתר.

די יידן האָבן בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט אַז זיי מוזן טאַקע זיין אונטערטעניק און אַזוי פאַרשקלאַפט, אַז זיי זאָלן מוזן אויספירן אַלע שווערע גזרות וואָס עס פאַלט נאָר איין דעם פיינטלעכן אָקופאַנט.

אַזוי איז אַמאָל שיער נישט געקומען צו אַ פאָרמעלן אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער אָקופּאַציע־מאַכט אין דער צייט פון קיסר טריאַנוס, וואָס האָט זיך זייער טרויעריק געענדיקט מיט אַ סך אומגעקומענע. דער דאָזיקער נישט צושטאַנד־געקומענער אויפשטאַנד איז באַקאַנט אין די תלמודישע קוועלן אַלס פולמוס של קיטוס, די מלחמה פון קיעטוס, אויפן נאָמען פון דעם דאַמאָלטיקן רוימישן מיליטערישן קאָמענדאַנט אין ארץ ישראל לוסיוס קיעטוס, וואָס האָט זייער אכזריות'דיק אונטערדריקט די אומרועז אין לאַנד.

דער קיסר טריאַנוס איז געשטאָרבן אין יאָר 117, און אויף זיין אָרט איז געוואָרן באַשטימט אַלס קיסר דער, ביי אונז, אַזוי טרויעריק־באַקאַנטער אַדריאַנוס. אין די ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט האָט זיך געהאַט געקאָנט אויסדאַכטן אַז די יידישע לאַגע זאָל זיך האָבן פאַרבעסערט. קודם כל האָט עס זייער גוט געהאַט געווירקט אויפן געמיט, דאָס וואָס אַדריאַנוס האָט אומגעברענגט דעם שרעקלעכן טיראַן קיעטוס. אָבער ווירקלעך האָט די לאַגע לגבי יידן, נישט נאָר בלויז זיך נישט פאַרבעסערט, נאָר אַפילו נאָך מער זיך פאַרערגערט.

*

אַדריאַנוס האָט זיך פאַרנומען צו אַסימילירן גענצלעך אַלע איינגענומענע לענדער, און ארץ ישראל בתוכם, פאַר דער גריכיש־רוימישער קולטור. ער האָט אומעטום, אין אַלע איינגענומענע לענדער, אויפגעשטעלט זייער שיינע טעמפּלען פאַר די גריכישע און רוימישע געטער, ער האָט אויך געהאַט שטאַרק חשק צו פאַרגעטערן זיך אַליין, און האָט טאַקע געלאָזט אויפשטעלן ספּעציעלע טעמפּלען פאַר זיין אייגענער געטלעכער גלאָריע.

האָבן נאָר יידן געהאַט געשטעלט קעגן אים אַזאַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און ביטער געקעמפט קעגן איינפירן אין ארץ ישראל דעם קולט פון עבודה זרה.

*

האָט אַדריאַנוס שטרענג גוזר געווען אויף יידן צו פאַרלאָזן די תורה און ספּעציעל די אַלע מצוות אין דער תורה וואָס דערווייטערן יידן פון גויים, ווי מצוות מילה, היטן שבת און טאָקע לערנען תורה אין דער עפנטלעכקייט. עס׳ איז אַפילו געווען פאַרווערט צו זאָגן קריאַת שמע, ווייל דאָס איז קבלת עול מלכות שמים, אַזוי ווי עס גיט איבער איינער פון רבי עקיבא׳ס וויכטיקסטע תלמידים, רבי מאיר:

אָמר רבי מאיר: פעם אַחת היינו יושבין לפני רבי עקיבא והיינו קוראין את שמע ולא היינו משמיעים לאָזנינו, מפני קסדור אחד שהיה עומד על הפתח[32].

רבי מאיר האָט געזאָגט: אַמאָל זענען מיר געזעסן פאַר רבי עקיבא׳ן און מיר האָבן געלייענט קריאת שמע שטילערהייט, ווייל אַ רוימישער קאָנ־טראָלער איז געהאַט געשטאַנען ביי דער טיר.

*

אַן אויטענטישער מאמר וואָס גיט איבער זייער לאַקאָניש, אָבער גרויליק קלאָר, די דאַמאָלטיקע אַזוי טראַגישע לאַגע:

רבי נתן אומר: „לאוהבי ולשומרי מצוותי״[33], אלו ישראל שהם יושבים ונותנים נפשם על המצוות: „מה לך יוצא ליהרג? על שמלתי את בני״. „מה לך יוצא לישרף? על שקראתי בתורה״. „מה לך יוצא ליצלף? על שאָכלתי המצה״. „מה לך לוקה מאַפרגל? על שנטלתי את הלולב״. ואומר[34]: „אשר הוכיתי בית מאַהבי״, מכות אלו גרמו לי ליאָהב לאָבי שבשמים[35].

רבי נתן זאָגט: דער פסוק אין דער תורה ווי גאָט זאָגט: „צו די וואָס האָבן מיך ליב און היטן מיינע מצוות״, איז געפּאַסט אויף יידן וואָס זענען זיך מוסר נפש וועגן די מצוות. (מען פרעגט אַ ייד:) „פאַרוואָס פירט

32. תוספתא ברכות, ב, יג, 4.
33. שמות, יתרו, כ, ו.
34. זכריה, יג, ו.
35. מכילתא יתרו, ו, 227.

מען דיך צום טויט? ווייל איך האָב מל'ע געווען מיין זון"; „פאַרוואָס פירט מען דיך צו פאַרברענען? ווייל איך האָב געלערנט תורה"; „פאַר־וואָס פירט מען דיך צו קרייציקן? ווייל איך האָב געגעסן מצה; פאַרוואָס שלאָגט מען דיך מיט אַ נאַגייקע? ווייל איך האָב גענומען דעם לולב". זאָגט דער נביא: „דאָס בין איך געוואָרן געפּלאָגט אין הויז פון מיינע געליבטע", צוליב די פּלאָגן בין איך געוואָרן געליבט ביים פאָטער אין הימל.

*

האָט דאָס אַלץ זייער גרויליק זיך ווייטער אַנטוויקלט ביז עס האָט געברענגט צו דעם אויסערגעוועינלעכן הערױאישן אויפשטאַנד פון בר כוכבא; צו דעם אַזוי אויסטערלישן פאַרמעסט מיט דער דאַמאָלטיקער גיגאַנטישער רוימישער וועלט־אימפּעריע; ווי די, פאַרהעלטעניש־מעסיק, אַזוי קליינע צאָל, און פון אַלע זייטן אַרומגערינגלטע, יידישע קעמפער האָבן אַרויס־געוויזן אַזאַ וואונדערלעכע איבערמענטשלעכע העלדישקייט, וואָס די גאַנצע וועלט האָט אפשר קיינמאָל נישט געהאַט געזען עפּעס ענלעכעס ביי אַ־זעלכע אומשטענדן.

ווי טרויעריק, ווי אומגליקלעך און טראַגיש, אַז דאָס אַלץ האָט דאַ־מאָלט זיך געענדיקט אַזוי אכזריות'דיק מיט דעם שוידערלעכן חורבן ביתר, וואָס האָט מיט דער גרויזאַמער אַכזריות נאָך איבערגעשטיגן חורבן ירושלים, און דערמיט איז, נעבעך, געוואָרן אָפּגעשלאָסן די עפּאָכע יבנה.

די פייערדיקע תורה פון די חכמי יבנה

לערנענדיק די תורה פון די חכמי יבנה, דאַרפט מען דערביי שטענ־דיק געדענקען ביי וואָס פאַרע קריטישע אומשטענדן זי איז דאַמאָלט געוואָרן געלערנט, כדי צו קאָנען האָבן די ריכטיקע השגה צו קאָנען זי ווי געהעריק באַגרייפן.

וואָס איז אַלץ פאָרגעקומען אין דער דאָזיקער אַזוי קורצער יבנה־עפּאָ־כע, אין די פינף און זעכציק יאָר צווישן די צוויי גרויסע פאָלקס־קאַ־טאַסטראָפעס אין ארץ ישראל, צווישן חורבן ירושלים און חורבן ביתר!

איז ביים לערנען די תורה פון די חכמי יבנה, ספּעציעל פון די חכמים פון דער אַנדערער העלפט פון יבנה, מוז מען טאַקע שטענדיק האָבן דעם ריכטיקן באַוווסטזיין, אַז די דאָזיקע תורה איז פשוט געוואָרן געשאַפן אין פייער, ממש אין געלייטערטן פייער פון שענסטן און איידלסטן מסירת נפש.

רבי אלעזר בן-עזריה

רבי אלעזר בן עזריה

רבי אלעזר בן עזריה צייכענט זיך אויס אויף פאַרשידענע געביטן, אויסער זיין לעבהאַפטן אָנטייל אין הלכה, איז ער גאַנץ באַזונדער געווען באַליבט מיט זיינע דרשות אין אַגדה.

דער באַרימטער תנא, רבי יהושע בן חנניה, האָט שטאַרק גערימט זיינע דרשות, ער האָט זיך אַמאָל דערביי געהאַט אויסגעדריקט:

אַשריך אברהם אָבינו שרבי אלעזר בן עזריה יצא מחלציך,
אין הדור יתום שרבי אלעזר בן עזריה שרוי בתוכו[1].

ווויל איז דיר, אַברהם אָבינו, אַז פון דיר איז אַרויסגעקומען רבי אלעזר בן עזריה! אונזער דור איז נישט קיין יתום, אַז רבי אלעזר בן עזריה איז צווישן אונז.

*

רבי אלעזר בן עזריה איז געווען אַ כהן, און פון גרויסן יחוס. דער עלטסטער פון די דאַמאָלטיקע חכמים, רבי דוסה בן הרכינס, זאָגט אַמאָל וועגן רבי אלעזר בן עזריה:

מכירו אני שהוא דור עשירי לעזרא, ועינוי דמיין לדידיה[2].

איך ווייס, אַז ער איז דער צענטער דור פון עזרא, און האָט אַזעלכע ענלעכע אויגן.

*

רבי אלעזר בן עזריה איז געווען זייער רייך. זיין פאַרמעגן איז געווען

1. מכילתא בא, טז, 59.
2. ירושלמי יבמות, א, ו.

פי־צוכט[3], און האָט אויך געהאַנדלט מיט ווייַן און בוימל[4]. זייַן רייַכקייט איז געווען באַוווסט אַלס מוסטער[5]. עס ווערט אויך געזאָגט:

משמת רבי אלעזר בן עזריה פסק העושר מן החכמים[6].

ווען רבי אלעזר בן עזריה איז געשטאָרבן, האָט אויפגעהערט רייַכקייט ביי די חכמים.

*

וועגן זייַן לערנען ווערט איבערגעגעבן:

כה היה רבי אלעזר בן עזריה בזמן שתלמידי חכמים נכנסו אצלו: שאלו במקרא — אומר לו, במשנה — אומר לו, במדרש — אומר לו, באַגדות — אומר לו. כיון שיצא מלפניו, הוא מלא כל טוב[7].

אַזוי איז געהאַט געווען רבי אלעזר בן עזריה, ווען די תלמידי חכמים זענען צו אים אַרייַנגעגאַנגען: האָבן זיי געפרעגט אין דער תורה — זאָגט ער זיי, אין דער משנה — זאָגט ער זיי, אין מדרש — זאָגט ער זיי, אין אַגדות — זאָגט ער זיי. איז מען, אַרויסגייענדיק פון אים, געווען אָנגעפילט מיט אַלעם גוטן.

*

צו דעם אַלעם האָט רבי אלעזר בן עזריה, גאַנץ באַזונדער, זיך אויס־געצייכנט מיט זייַן באַשיידנקייט, וואָס וועט נאָך אויסקומען וועגן דעם צו רעדן.

וואָס לערנט רבי אלעזר בן עזריה

את זו דרש רבי אלעזר בן עזריה: „מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו״[8], עברות שבין אָדם למקום — יום הכפורים מכפר;

3. שבת, נד, ב.
4. תוספתא עבודה זרה, ד, 465. בבא בתרא, צא, א.
5. ברכות, נז, ב.
6. משנה סוף סוטה.
7. אָבות דרבי נתן, נו״א, יח.
8. ויקרא, אחרי, טז ל.

עברות שבין אָדם לחברו — אין יום הכפורים מכפר, עד שירצה את חברו[9].

דעם פסוק אין דער תורה וועגן יום כפור: „פון אַלע אייערע זינד פאַר גאָט וועט איר ווערן ריין", האָט רבי אלעזר בן עזריה געדרש׳נט: עברות פון מענטש קעגן גאָט — איז יום כפור מכפר; דאַקעגן אָבער, עברות צווישן מענטש און מענטש — איז יום כפור נישט מכפר, ביז ער פאַרגיטיקט יענעם.

*

מען לערנט אין דער משנה, אין אָבות:

רבי אלעזר בן עזריה אומר: אם אין תורה — אין דרך ארץ, אם אין דרך ארץ — אין תורה. אם אין חכמה — אין יראָה, אם אין יראָה — אין חכמה. אם אין בינה — אין דעת, אם אין דעת — אין בינה. אם אין קמח, אין תורה, אם אין תורה — אין קמח.
הוא היה אומר: כל שחכמתו מרובה ממעשיו, למה הוא דומה? לאילן שענפיו מרובין ושרשיו מועטין והרוח באָה ועוקרתו והופכתו על פניו. אָבל כל שמעשיו מרובין מחכמתו, למה הוא דומה? לאילן שענפיו מועטין ושרשיו מרובין, שאפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו — אין מזיזות אותו ממקומו[10].

רבי אלעזר בן עזריה זאָגט: אויב מען האָט נישט קיין תורה — האָט מען אויך נישט קיין דרך ארץ, אויב מען האָט נישט קיין דרך ארץ — האָט מען אויך נישט קיין תורה. אויב נישטאָ קיין חכמה — איז אויך נישטאָ קיין יראַת שמים, אויב נישטאָ קיין יראַת שמים — איז אויך נישטאָ קיין חכמה. אויב נישט קיין פאַרשטענדיקייט — איז אויך נישט קיין וויסן, אויב נישט קיין וויסן — איז אויך נישט קיין פאַרשטענדיקייט. אויב נישט קיין פרנסה — איז אויך נישט קיין תורה, אויב נישט קיין תורה — איז אויך נישט קיין פרנסה.

9. משנה סוף יומא. ספרא בהר, ה, ח.
10. אבות, ג, יז.

ער האָט געפּלעגט צו זאָגן: דער וואָס זיין חכמה איז מער ווי זיינע מעשים, צו וואָס איז ער געגליכן? צו אַ בוים וואָס האָט אַ סך צווייגן און ווייניק וואָרצלען, אַז עס קומט אַ ווינט רייסט ער אים אויס און קערט אים איבער; אָבער אַז זיינע מעשים זענען מער ווי זיין חכמה, טאָ צו וואָס איז ער געגליכן? צו אַ בוים וואָס האָט ווייניק צווייגן און אַ סך וואָרצלען, וואָס אפילו די שטאַרקסטע ווינטן קאָנען אים נישט רירן פון אָרט.

*

אָמר רב ששת משום רבי אלעזר בן עזריה: כל המבזה את המועדים, כאילו עובד עבודה זרה"[11].

רב ששת זאָגט אין נאָמען פון רבי אלעזר בן עזריה: ווער עס איז מבזה די ימים טובים, איז אַזוי ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה.

*

רבי אלעזר בן עזריה אומר: מנין שלא יאמר אָדם: אי איפשי ללבוש שעטנז, אי איפשי לאכול בשר חזיר, אי איפשי לבוא על הערוה; אבל איפשי, מה אעשה, ואָבי שבשמים גזר עלי כך, תלמוד לומר[12]: „ואַבדיל אתכם מן העמים להיות לי". נמצא, פורש מן העברה ומקבל עליו מלכות שמים[13].

רבי אלעזר בן עזריה זאָגט: פון וואַנען איז געדרינגען אַז דער מענטש זאָל נישט זאָגן: איך וויל נישט אָנטוען שעטנז, איך וויל נישט עסן חזיר־פלייש, איך וויל נישט אַ פאַרבאָטענע פּרוי; נאָר איך וויל, אָבער וואָס זאָל איך טוען, אַז מיין פאָטער אין הימל האָט עס מיר פאַר־באָטן, ווי עס לערנט אונז די תורה: „און איך האָב אייך אָפּגעשיידט פון די פעלקער, צו געהערן צו מיר", קומט אויס: מען שיידט זיך אָפּ פון דער עברה, און מען נעמט אויף זיך מלכות שמים.

11. פסחים, קיח, א. מכות, כג, א.
12. ויקרא, קדושים, כ, כו.
13. ספרא, סוף קדושים.

צייטווייליקער נשיא

אינעם לעבן פון רבי אלעזר בן עזריה איז פאָרגעקומען אַן עפּיזאָד וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זיין גאַנצן לעבן:

ווי עס איז באַוווּסט, איז דער נשיא רבן גמליאל, צוליב פאַרשידענע קאָנפליקטן מיט די חכמי יבנה, געהאַט געוואָרן אַמאָל באַזייטיקט פון נשיאות, און אויף זיין אָרט איז געוואָרן באַשטימט אַלס נשיא, רבי אלעזר בן עזריה"[14].

ווערט דאָרטן דערציילט, ווי ביי דער באַהאַנדלונג, דאַמאָלט, ווּעמען צו באַשטימען אַלס נשיא, האָבן די חכמים, ענדלעך, זיך דעצידירט:

נוקמיה לרבי אלעזר בן עזריה, דהוא חכם והוא עשיר והוא עשירי לעזרא. הוא חכם — דאי מקשי ליה, מפרק ליה. והוא עשיר — דאי אית ליה לפלוחי לבי קיסר, אַף הוא אָזל ופלח. והוא עשירי לעזרא — דאית ליה זכות אָבות ולא מצי עניש ליה.

אָתו ואָמרו ליה: ניחא ליה למר דליהוי ריש מתיבתא? אָמר להו: איזיל ואימליך באינשי ביתי. אָזל ואמליך בדביתהו. אָמרה ליה: דילמא מעברין לך? אָמר לה: לשתמש אינש יומא חדא בכסא דמוקרא, ולמחר ליתבר"[15].

לאָמיר אַרויפזעצן רבי אלעזר בן עזריה, ווייל ער איז אַ חכם און אַ רייכער מאַן און ער איז דער צענטער (דור) פון עזרא. ער איז אַ חכם — אַז ער (רבן גמליאל) וועט אים אָפּאָנירן, וועט ער אים קאָנען אָפּענטפערן. ער איז רייך — אַז מען וועט דאַרפן עפּעס צו ערלעדיגן ביים קיסר (ביי דער רעגירונג), וועט ער קאָנען ערלעדיגן. ער איז דער צענטער דור פון עזרא — האָט ער זכות אָבות, וועט ער אים נישט קאָנען מעניש זיין.

זענען זיי צו אים געקומען און געפרעגט: איז אייך ניחא צו ווערן ראש ישיבה? האָט ער זיי געענטפערט: איך וועל גיין זיך באַראַטן מיט מיין פאַמיליע. איז ער געגאַנגען און זיך באַראַטן מיט דער פרוי. האָט זי אים געזאָגט: אפשר וועט מען דיך אַראָפּזעצן? (ווען זיי וועלן

14. אויספירלעכער אינעם ערשטן טייל, זייט 325 און ווייטער.
15. ברכות, כז, ב.

זיך צוריק איבערבעטן מיט רבן גמליאל׳ן). האָט ער איר געענטפערט: „זאָל מען ניצן איין טאָג אַ טייער געפעס, אַפילו אַז עס זאָל זיך מאָרגן צעברעכן!״.

*

עס פאַרשטייט זיך, אַז גערעכט איז טאַקע געווען די פרוי, און די חכמים האָבן זיך טאַקע שפּעטער איבערגעבעטן מיט רבן גמליאל׳ן, אָבער רבי אלעזר בן עזריה האָט זיי נישט געמאַכט קיין שום שוועריקייטן:

אָמר להן: נתרציתם? אָני ואתם נשכים לפתחו של רבן גמליאל. אַף על פי כן, לא הורידו אותו מגדולתו, אלא מינו אותו אָב בית דין[16].

ער האָט צו זיי געזאָגט: אַז איר האָט זיך איבערגעבעטן, וועלן מיר אַלע אין איינעם זיך ווענדן צו רבן גמליאל׳ן. אָבער זיי האָבן אים נישט באַזייטיקט, נאָר אים באַשטימט אַלס אָב בית דין, אַלס פאָרזיצער פון געריכט.

אגב, ווי עס זעט זיך אויס, איז ער נאָך דער פטירה פון רבן גמליאל׳ן געוואָרן נשיא.

זיין באַשיידנקייט

שלשה הניחו כתרן בעולם הזה וירשו חיי העולם הבא, ואלו הן: יונתן בן שאול ואלעזר בן עזריה וזקני בתירה[17].

דריי האָבן אָפּגעלאָזט זייערע קרוינען אויף דער וועלט און פאַרדינט דאָס לעבן אויף יענער וועלט: יונתן בן שאול (האָט אָפּגעטרעטן די מלוכה דוד׳ן), אלעזר בן עזריה (האָט צוריק אָפּגעטרעטן דאָס נשיאות רבן גמליאל׳ן), און די זקני בתירה (האָבן אָפּגעטרעטן זייער נשיאות היללן).

16. ירושלמי תענית, ד, א.
17. ירושלמי פסחים, ו, א.

*

רבי אלעזר בן עזריה אומר: אוי לנו מיום הדין, או לנו מיום התוכחה! ומה יוסף הצדיק שהיה בשר ודם, כשהוכיח את אחיו, לא יכלו לעמוד בתוכחתו — הקדוש ברוך הוא, שהוא דיין, ובעל דין, ויושב על כסא דין ודן כל אחד ואחד — על אחת כמה וכמה שאין כל בשר ודם יכולים לעמוד לפניו[18].

רבי אלעזר בן עזריה זאָגט: ווי איז צו אונז פאַרן יום הדין, ווי איז צו אונז פאַרן טאָג פון אָפּרעכענונג! אַז יוסף הצדיק האָט פאַרגע־וואָרפן זיינע ברידער, האָבן זיי אים נישט געקאָנט ביישטיין — טאָ הקדוש ברוך הוא, וואָס ער איז, אי דער דיין, אי דער בעל הדין, וואָס זיצט אויפן כסא דין און משפט יעדערן באַזונדער — איז עס אַוודאַי און אַוודאַי, אַז קיין שום מענטש קאָן פאַר אים נישט ביישטיין.

*

ועוד מעשה היה ברבן גמליאל שהיו הזקנים מסובין אצלו, והיה טבי עבדו עומד ומשמשו. אמר רבי אלעזר בן עזריה: אי לך כנען, שחייבת לבניך, בין הצדיקים ובין הרשעים; בדין הוא שיהא טבי מוסב ואני משמשו[19].

און נאָך איז אַמאָל געווען אַ מעשה ביי רבן גמליאל'ן, ווען די זקנים זענען ביי אים געזעסן אויף אַ סעודה, און זיין קנעכט, טבי, איז געשטאַנען און אים באַדינט. האָט געזאָגט רבי אלעזר בן עזריה: ווי איז צו דיר, כנען, וואָס דו האָסט אומגליקלעך געמאַכט דיינע קינדער, סיי צדיקים, סיי רשעים; אייגנטלעך האָט טבי געדאַרפט זיצן אויס־געלייגט, און איך זאָל אים באַדינען.

רבן גמליאל האָט געהאַט אַן עבד כנעני, אַ גויאישן קנעכט מיטן נאָמען טבי, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס צדיק. האָט רבי אלעזר בן עזריה אַזוי זיך אויסגעדריקט, דאַמאָלט, אָנפאַנג צווייטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט איבעראַל געהערשט שקלאַפעריי. קאָן מען דען זיך פאַר־שטעלן, אַז אַנדערשוווּ זאָל אויך אַזעלכעס געהאַט געווען פאָרגעקומען

18. בראשית רבה, ויגש, צג, יא.
19. מדרש משלי, ט, כא.

אויף אַן אַריסטאָקראַטישער סעודה?! אַפילו, אַז מען זאָל אפשר אָננע־מען, אַז ער האָט געמיינט דערמיט צו טרעפן רבן גמליאל׳ן, פאַרוואָס ער לאָזט זיך פון אים באַדינען.

באַציאונג צווישן מענטשן

אָמר רבי אלעזר בן עזריה: תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם, שנאמר[20]: „וכל בניך למודי ה׳, ורב שלום בניך"[21].

רבי אלעזר בן עזריה האָט געזאָגט: תלמידי חכמים מערן שלום אויף דער וועלט, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: און אַלע דיינע קינדער וועלן זיין געלערנטע פון גאָט, און גרויס וועט זיין זייער שלום.

*

ואָמר רב ששת משום רבי אלעזר בן עזריה: כל המספר לשון הרע, וכל המקבל לשון הרע, וכל המעיד עדות שקר — ראוי להשליכו לכלבים[22].

און רב ששת האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי אלעזר בן עזריה: ווער עס רעדט לשון הרע, און ווער עס נעמט אָן לשון הרע, און ווער עס זאָגט פאַלש עדות — איז ווערט אַז מען זאָל אים וואַרפן פאַר די הינט.

*

רעדן לשון הרע טאָר מען טאַקע נישט, אָבער יענעם צופיל רימען אין זיין קעגנוואַרט, דאַרפט מען אויך נישט:

רבי אלעזר בן עזריה אומר: מצינו שאומר מקצת שבחו של אָדם בפניו, שכן מצינו בנח: „כי אותך ראיתי צדיק

---

20. ישעיהו, נד, יג.
21. משנה סוף יומא, ספרא בהר, ה, ח.
22. פסחים, קיח, א. מכות, כג, א.

לפני בדור הזה״[23]; ושלא בפניו הוא אומר[24]: „נח איש צדיק תמים היה בדורותיו״[25].

רבי אלעזר בן עזריה זאָגט: מיר געפינען, אַז אין יענעמס קעגנוואַרט זאָגט מען נאָר אַביסל פון זיין שבח, אַזוי געפינט מען אין דער תורה, אַז ווען גאָט האָט געדעדט צו נח׳ן האָט ער אים געזאָגט: „ווייל דיך האָב איך געזען אַ צדיק פאַר מיר אין דעם דאָזיקן דור״; דאַקעגן אָבער, אין נישט זיין קעגנוואַרט, ווערט געזאָגט: „נח איז געווען אַ צדיק תמים אין זיין דור״.

*

אגב, איז דער דאָזיקער כלל געוואָרן זייער פּאָפּולער:

אומרים מקצת שבחו של אָדם בפניו, וכולו שלא בפניו[26].

*

כאַראַקטעריסטיש פאַר רבי אלעזר בן עזריה איז זיין אויסדרוק:

נאין דברים כשהן יוצאין מפי עושיהן[27].

שיין זענען די ווערטער, ווען זיי ווערן געזאָגט דורך דעם וואָס איז זיי מקיים.

*

ער האַלט, אַז דאָס זאָגן יענעם מוסר, דאַרפט זיין זייער סובטעל:

אָמר רבי אלעזר בן עזריה: תמיהני אם יש בדור הזה מי שיודע להוכיח[28].

---

23. בראשית, נח, ז, א.
24. דאָרט, ו, ט.
25. ספרי במדבר, בהעלותך, קב. בראשית רבה, נח, לב, ג.
26. אין עירובין, יח, ב. זאָגט עס רבי ירמיה בן אלעזר.
27. תוספתא יבמות, ח, 250. בראשית רבה, נח, לד, יד.
28. ערכין, טז, ב.

רבי אלעזר בן עזריה האָט געזאָגט: איך צווייפל צי עמיצער אין אונזער דור ווייסט, ווי געהעריק, צו זאָגן יענעם מוסר.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן

הגם רבי אלעזר בן עזריה איז געווען זייער רייך, האָט ער פאַרשטאַנען די לאַגע פון די נישט־פאַרמעגלעכע מענטשן:

אָמר רב שיזבי משמיה דרבי אלעזר בן עזריה: קשין מזונותיו של אָדם כקריעת ים סוף[29].

רב שיזבי האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי אלעזר בן עזריה: פרנסה איז דעם מענטשן אַזוי שווער ווי קריעת ים סוף.
אגב, דער דאָזיקער מאמר איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער שפּריכוואָרט.

*

רבי אלעזר בן עזריה האָט אויך געגעבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו לעבן שפּאָרזאַם[30].

*

רבי אלעזר בן עזריה אומר: גדולה היא מלאכה, שכל אומן ואומן יוצא ומשתבח באומנותו. הקדוש ברוך הוא קורא אותה: מלאכתו, שנאמר[31]: „מלאכתו אשר עשה"; בני אָדם, על אחת כמה וכמה[32].

רבי אלעזר בן עזריה זאָגט: מלאכה איז זייער וויכטיק. יעדער פאַכמאַן רימט זיך טאַקע מיט זיין פאַך. הקדוש ברוך הוא רופט עס אָן: „זיין מלאכה", אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה, נאָך דער באַשאַפונג פון דער וועלט: „זיין מלאכה וואָס ער האָט געטוען"; טאָ מענטשן דאַרפן דאָך אַוודאַי און אַוודאַי דערמיט שטאָלצירן.

29. פסחים, קיח, א.
30. תוספתא ערכין, ד, כז, 548. חולין, פד, א.
31. בראשית, ב, ב.
32. אָבות דרבי נתן, נו"ב, כא.

*

אָמר רבי אלעזר בן עזריה: מה אם לגבוה אין אָדם רשאי להחרים את כל נכסיו, על אחת כמה וכמה שיהא אָדם חייב להיות חס על נכסיו[33].

רבי אלעזר בן עזריה האָט געזאָגט: אַז מען טאָר נישט מקדיש זיין דאָס גאַנצע פאַרמעגן (אַזוי ווי עס איז דער דין), מוז דאָך דער מענטש, בכלל, זיין שפּאַרזאַם מיט זיין פאַרמעגן.

*

פון דעם דאָ אויבן־געזאָגטן איז גאָרנישט געדרינגען אַז רבי אלעזר בן עזריה זאָל זיין געווען קאַרג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביי זויכ־טיקע צוועקן.

איתתיה דרבי יוסי הגלילי הוות מעיקה ליה סגין. סליק רבי אלעזר בן עזריה לגביה. אָמר ליה: רבי, שיבקה, דלית היא דאיקרך. אָמר ליה: פּורנא רב עלי. אָמר ליה: אָנא יהיב פּורנא ושבקה[34].

דאָס ווייב פון רבי יוסי הגלילי האָט אים זייער געפּייניקט (ווי עס ווערט ווייטער באַזונדער דערציילט), איז אַמאָל ביי אים געהאַט געווען רבי אלעזר בן עזריה און דאָס צוגעזען, האָט ער צו אים געזאָגט: רבי, לאָז איר אָפּ, זי פּאַסט נישט פאַר דיר. האָט אים רבי יוסי הגלילי גע־ענטפערט: זי האָט אָבער אויף מיר אַ גרויסע כתובה, האָט רבי אלעזר בן עזריה אים געזאָגט: איך גיב דיר פאַר דער כתובה, אַבי לאָז איר אָפּ.

וועגן פאָלק ישראל

ועוד דרש (רבי אלעזר בן עזריה): „את ה׳ האמרת היום להיות לך לאלהים״, „וה׳ האמירך היום להיות לו לעם

33. משנה ערכין, ח, ד. ספרא בהר, ג, ה.
34. ירושלמי כתובות, יא, ד.

סגולה״[35] — אָמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל: אַתם עשיתוני חטיבה אַחת בעולם, ואני אעשה אתכם חטיבה אַחת בעולם. אַתם עשיתוני חטיבה אַחת בעולם, דכתיב[36]: „שמע ישראל, ה׳ אלהינו ה׳ אחד״; ואני אעשה אתכם חטיבה אַחת בעולם, שנאמר[37]: „ומי כעמך ישראל, גוי אחד באָרץ״[38].

די צוויי פסוקים אין דער תורה: „דו האָסט היינט אויסדערוויילט ה׳ אַז ער זאָל זיין דיין גאָט״, „און גאָט האָט דיך היינט אויסדערוויילט אים צו זיין אַן עם סגולה״ — האָט גע׳דרש׳נט רבי אלעזר בן עזריה: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו די יידן: איר האָט מיך אויסדערוויילט פאַר איינעם אין דער וועלט, און איך וועל אייך אויך אויסדערוויילן פאַר איינס אין דער וועלט. איר האָט מיך אויסדערוויילט פאַר איינעם אין דער וועלט, אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה: שמע ישראל, ה׳ אלהינו ה׳ אחד! און איך וועל אייך אויסדערוויילן פאַר איינס אין דער וועלט, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט: „און ווער איז אַזוי ווי דיין פאָלק ישראל, איין פאָלק אין דער וועלט!״.

*

אָמר רב ששת משום רבי אלעזר בן עזריה: יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין, מיום שחרב בית המקדש ועד עכשיו, שנאמר[39]: „לכן שמעי נא זאת עניה ושכורת ולא מיין״[40].

רב ששת האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי אלעזר בן עזריה: אייגנט־לעך וואָלט איך געקאָנט באַפרייען אַלע יידן, זייט חורבן בית המקדש ביז יעצט, אַז זיי זאָלן נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים. אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „דאַרום הער נאָר צו דאָס דאָזיקע, דו אָרעמע, און פאַר׳שיכור׳טע נישט פון וויין״ (נאָר פון צרות. און אַ מענטש וואָס איז שיכור איז דאָך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע זינד).

35. דברים, כי תבוא, כו, יז—יח.
36. דברים, ואתחנן, ו, ד.
37. דברי הימים א, יז, כא.
38. חגיגה, ג, א.
39. ישעיהו, נא, כא.
40. עירובין, סה, א.

רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא

ווייטער וועט ווערן אויספירלעכער גערעדט וועגן דער שיטה פון רבי עקיבא ווי אַזוי צו דרש'ענען, אויסצוטייטשן, די תורה. אפשר די מערהייט פון די חכמי יבנה זענען געווען קעגן דער דאָזיקער שיטה, יעדנפאַלס רבי אלעזר בן עזריה וואָס האַלט אַזוי ווי רבי ישמעאל:

דברה תורה כלשון בני אָדם[41].

די תורה רעדט מיט דער מענטשלעכער שפּראַך.

לויט רבי עקיבא טייטשט מען אויס יעדערס וואָרט און, אַפילו יע־דערס אות, באַזונדער.

רבי אלעזר בן עזריה איז אויך געווען קעגן רבי עקיבא'ס אַרט דרש'ענען אין אַגדה, און האָט אים געראָטן ליבערשט זיך צו פאַרנעמען נאָר מיט הלכה, ווי ער האָט זיך אָפּט געהאַט אויסגעדריקט:

עקיבא, מה לך אצל אַגדה? כלה מדברותיך ולך אצל נגעים ואהלות[42].

אַן אַנדערשט מאָל האָט ער אים געזאָגט:

אפילו אתה אומר כל היום כולו: „בשמן", למעט; „בשמן", לרבות — איני שומע לך[43].

*

אַ פּלוגתא צווישן רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא:

דרש רבי עקיבא: „ויחר אַף אליהו בן ברכאל הבוזי ממשפחת רם, באיוב חרה אַפּו, על צדקו נפשו מאלהים"[44]. „אליהוא" — זה בלעם, „בן ברכאל" — שבא לקלל את

---

41. קידושין, יז, ב.
42. סנהדרין, סז, ב. חגיגה, יד, א.
43. ספרא, צו, ה, יא. מנחות, פט, א. נדה, עב, ב.
44. איוב, לב, ב.

ישראל וברכם, „הבוזי" — שהיתה נבואתו בזויה: „נופל וגלוי עינים"[45]. „ממשפחת רם" — „מארם ינחני בלק"[46].
אמר לו רבי אלעזר בן עזריה: אין הוא, הוא כבר כסה עליו המקום; ואין לית, הוא עתיד להתוכח עמך. אלא: „אליהוא" — זה יצחק, „בן ברכאל" — בן שברכו אל: „ויברכו ה'"[47]. „הבוזי" — שביזה כל בתי עבודה זרה בשעה שנעקד על גבי המזבח, „ממשפחת רם" — בן אברם[48].

דעם פסוק אין ספר איוב: „האָט געברענט דער צאָרן פון אליהוא דער זון פון ברכאל דער בוזי פון דער משפחה רם, אויף איוב'ן האָט געברענט זיין צאָרן, וואָס ער מאַכט זיך גערעכטער ווי גאָט", האָט רבי עקיבא גע'דרש'נט: „אליהוא" — דאָס מיינט מען בלעם. „בן ברכאל" — ער איז געקומען שעלטן די יידן און האָט זיי געבענטשט (אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אין דער תורה). „הבוזי" — זיין נבואה איז געווען נבזה, אַזוי ווי עס שטייט וועגן אים אין דער תורה: „ער פאַלט מיט אָפענע אויגן". „פון דער משפחה רם" — פון ארם, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט: „פון ארם פירט מיך בלק".
זאָגט צו אים רבי אלעזר בן עזריה: אויב עס איז טאַקע אַזוי — האָט עס דאַך דער פסוק פאַרדעקט; אויב ווידער עס איז נישט אַזוי — טאָ וועט ער (אליהוא) זיך מיט דיר מתווכח זיין. נאָר: „אליהוא" איז יצחק. „בן ברכאל" — גאָט האָט אים געבענטשט, אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה: „און גאָט האָט אים געבענטשט". „הבוזי" — ער האָט מבזה געווען אַלע עבודה זרה'ס, ווען ער האָט זיך געלאָזט בינדן אויף דער עקדה. „פון דער משפחה רם" — בן אַברם.

*

איוב, אין זיינע יסורים, רעדט זיך אָפּ פון האַרצן און פרעגט, פאַרוואָס עס קומט אים דאָס. פאַרדריסט עס אליהוא'ן און „אויף איוב'ן האָט געגרימט זיין צאָרן, וואָס ער מאַכט זיך גערעכטער ווי גאָט". פון אַזאַ מין פרומקייט אויף יענעמס חשבון, האַלט נישט רבי עקיבא, און אַזוי

45. במדבר, בלק, כד, ד.
46. דאָרט, כג, ז.
47. בראשית, תולדות, כו, יב.
48. ירושלמי סוטה, ה, ו.

אויך דאָס נישט רעכענען זיך מיט יענעמס יסורים. פֿאַרשטייט רבי עקיבא אַז דאָס פּאַסט נאָר פֿאַר אַזאַ איינעם ווי בלעם.

*

אַ פּלוגתא צווישן די חכמים:

כתוב אחד אומר[49]: „כרסיה שביבין די נור״, וכתוב אחד אומר: „חזה הוית עד די כרסון רמיו ועתיק יומין יתיב״, לא קשיא: אחד לו ואחד לדוד, דברי רבי עקיבא. אמר לו רבי יוסי הגלילי: עקיבא, עד מתי אתה עושה שכינה חול! אלא: אחד לדין ואחד לצדקה[50].

דניאל האָט געזען אין חלום ווי: „זיין טראָן איז געווען פֿלאַמען פֿייער״, אָבער פֿריער אינעם זעלבן פּסוק שטייט: „איך האָב געקוקט ביז טראָנען האָט מען אויפֿגעשטעלט, און אַן אַלטער האָט זיך געזעצט״ — איינער איז פֿאַר אים און איינער איז פֿאַר דוד'ן, אַזוי האַלט רבי עקיבא. האָט צו אים געזאָגט רבי יוסי הגלילי: עקיבא, ביז ווען וועסטו אַלץ מאַכן די שכינה וואָכעדיק! נאָר: איינער — אויף דין, און איינער — אויף צדקה (אויף לפנים משורת הדין).

ווערט דאָרטן געפֿרעגט: צי האָט רבי עקיבא אָנגענומען די מיינונג פֿון רבי יוסי הגלילי. איז דער ענטפֿער אַז יאָ, און עס ווערט געבּרענגט:

אחד לדין ואחד לצדקה, דברי רבי עקיבא. אָמר לו רבי אלעזר בן עזריה: עקיבא, מה לך אצל אַגדות? כלה מדברותיך ולך אצל נגעים ואהלות. אלא: אחד לכסא ואחד לשרפרף, כסא לישב עליו, שרפרף להדום רגליו, שנאמר[51]: „כה אָמר ה׳: השמים כסאי והאָרץ הדום רגלי״.

איינער — אויף דין, און איינער — אויף צדקה, אַזוי האַלט רבי עקיבא. האָט צו אים געזאָגט רבי אלעזר בן עזריה: עקיבא, וואָס פֿאַר־נעמסטו זיך מיט אַגדות? פֿאַרנעם זיך, ליבערשט, מיט נגעים ואהלות

49. דניאל, ז, ט.
50. חגיגה, יד, א. סנהדרין, לח, ב.
51. ישעיהו, סו, א.

(אַזעלכע שווערע הלכות, וואָס רבי עקיבא האָט ביי זיי באַזונדער זיך אויסגעצייכנט). נאָר: איינער — איז דער טראָן, און איינער איז דאָס פיסנבענקל; דער טראָן איז צו זיצן, און דאָס פיסנבענקל איז צו האַלטן דערויף די פיס, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דער הימל איז מיין טראָן, און די ערד איז מיין פיסנבענקל”.

*

עס איז צו פאַרשטיין דעם טענדענץ פון רבי עקיבא, און אַוודאי דעם פּראָטעסט פון רבי יוסי הגלילי, נאָר לויט רבי אלעזר בן עזריה האָט דניאל געזען אין חלום די זעלבע וויזיע ווי דער נביא.

* *
*

רבי טרפון

רבי טרפון

רבי טרפון, פון די עלטערע חכמי יבנה, ווערט אין תלמוד ירושלמי עטלעכע מאָל באַצייכנט אַלס: אֲביהם של כל ישראל[1], אויך: רבן של כל ישראל[2].

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, איז רבי טרפון, נאָך דער פטירה פון רבי אלעזר בן עזריה, געווען דער נשיא פון די סנהדרין, אָדער דער ראָש מתיבתא.

רבי טרפון האָט געהערט צו בית שמאי[3]. אַליין אַ כהן, האָט ער איבערגעגעבן אַ הלכה וועגן כהנים, וואָס רבן יוחנן בן זכאי האָט עס אים געזאָגט פּערזענלעך[4]. ער האָט די כהונה געהאַלטן הויך, און אַפילו נאָכן חורבן בית המקדש האָט ער זיך באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, ווייטער מקיים צו זיין די דיני כהונה[5].

עס ווערט אין ערגעץ נישט דערמאָנט דער נאָמען פון זיין פאָטער, אפשר ווייל דער נאָמען טרפון איז צווישן די חכמים געווען איינציק, האָט מען אים נישט געדאַרפט רופן מיטן נאָמען פון פאָטער, כדי אונטער־צושיידן פון אַנדערע מיטן זעלבן נאָמען.

ער האָט געפלעגט צו דערציילן ווי זיין פעטער, דער מוטערס ברודער, אויך אַ כהן, האָט זיך געפירט אין בית המקדש[6]. ער האָט אויך דערציילט ווי אין בית המקדש, ביים בענטשן די יידן, איז ער אַמאָל געהאַט געשטאַנען נישט ווייט פון כהן גדול, און האָט געהערט ווי אַזוי ער האָט אַרויסגערעדט דעם „שם"[7].

*

1. ירושלמי יומא, א, א; יבמות, ד, יב.
2. ירושלמי הוריות, ג, ב.
3. משנה ברכות, א, ג. תוספתא יבמות, א, 241; בבלי, טו, א, רש"י. ירושלמי שביעית ד, ב.
4. תוספתא, סוף חגיגה.
5. ספרי קרח, קטז. פסחים, עב, ב.
6. ספרי בהעלותך, עה. ירושלמי יומא, א, א; הוריות, ג, ב.
7. ירושלמי יומא, ג, ז. קידושין, עא, א. קהלת רבה, ג, יט.

רבי טרפון האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט מיט זיין הייסן טעמ־פעראַמענט, און גאַנץ באַזונדער מיט זיין אויפריכטיקייט. ביי די פּלוגתות, ביי די מיינונגס־פאַרשידנקייטן, צווישן רבי טרפון און די אַנדערע חכמים, קאָן מען ביי אים אָפט באַמערקן אַ זעלטענע דערשיינונג: אַט זעט מען אים ווי ער פאַרטיידיקט זייער ליידנשאַפטלעך זיין מיינונג; אָבער אַזוי נאָר ווי ער ווערט איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון יענעמס מיינונג — גייט ער באַלד אַריבער צום צווייטן עקסטרעם, און רימט שוין יענעמס מיינונג מיט דער זעלבער באַגייסטערונג, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זי פריער געהאַט קריטיקירט.

די דאָזיקע דערשיינונג קומט באַזונדער אָפט צום אויסדרוק ביי זיינע פּלוגתות מיט רבי עקיבאַ'ן.

מעשים טובים

ביי רבי טרפון איז געווען אַ וויכטיקער כלל אין לעבן, אַזאַ דעוויז: אַרבעטן!

רבי טרפון אומר: אַף הקדוש ברוך הוא לא השרה שכינתו על ישראל עד שעשו מלאכה, שנאמר[8]: „ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"[9].

רבי טרפון זאָגט אַז די שכינה האָט גאַנץ באַזונדער אָנגעהויבן צו רוען אויף די יידן (אין דער מדבר), ווען זיי האָבן דאָרטן אָנגעהויבן צו אַרבעטן, ביים אויפשטעלן דעם משכן.

גיט מען דאָרטן איבער אין נאָמען פון רבי טרפון:

אין אָדם מת אלא מתוך בטלה.

מענטשן שטאַרבן פון ליידיק גיין.

איז כאַראַקטעריסטיש אַז דער נוסח פון זיין שבועה איז אויך געווען:

---

8. שמות, תרומה, כה, ח.
9. אָבות דרבי נתן, נו"א, יא.

העבודה! עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דערמיט אַוודאַי געמיינט די עבודה אין בית המקדש, ער איז דאָך געווען אַ כהן.

*

עס איז אונז אַלע באַקאַנט נאָך פון די קינדער־יאָרן אין „חדר", די קורץ־געפאַסטע דברי מוסר אין פרקי אָבות, וואָס דריקן אויס אין אַ קאָנדענסירטן פאָרם די עטישע לערע פון די תנאים. עס איז כאַראַק־טעריסטיש וואָס רבי טרפון, מיט זיין בילדערישער שפּראַך, דריקט זיך דאָ אויס מיט אַרבעטס־טערמינען: „מלאכה", „פּועלים", „שכר":

> רבי טרפון אומר: היום קצר, והמלאכה מרובה, והפּועלים עצלים, והשכר הרבה, ובעל הבית דוחק. הוא היה אומר לא עליך המלאכה לגמור, ולא אתה בן חורין לבטל ממנה. אם למדת תורה הרבה, נותנים לך שכר הרבה. ונאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פּעולתך. ודע: מתן שכרם של צדיקים לעתיד לבוא[10].

רבי טרפון זאָגט: דער טאָג איז קורץ, און עס איז דאָ אַ סך אַרבעט, אָבער די אַרבעטער זענען פויל, הגם דער לוין איז גרויס, און דער בעל הבית איז שטרענג.

ער האָט געפלעגט צו זאָגן: דו מוזט נישט פאַרענדיקן די אַרבעט, אָבער דו טאָרסט זיך נישט באַפרייען פון איר. האָסטו גוט געלערנט תורה, וועסטו גוט באַפרידיקט, ער איז באַגלייבט דיר צו באַצאָלן דיין לוין. ווייס אַז דער לוין פון די צדיקים איז לעתיד לבוא.

*

עס ווערט איבערגעגעבן, ווי רבי טרפון האָט געזאָרגט פאַר אָרעמע־לייט אין אַ הונגער־יאָר[11]. אויך דער דאָ ווייטערדיקער מאמר באַ־האַנדלט אַ זייער אַקטועלן פּראָבלעם, ספּעציעל אין מלחמה־יאָרן, דאָס פאַרזאָרגן יתומים:

> נמנו בעלית רבי טרפון ואמרו: אי זה הוא ש„עושה צדקה בכל עת"? זה המגדל יתום בתוך ביתו[12].

---

10. אָבות, סוף פּרק ב.
11. תוספתא כתובות, ה, 266. משנה ידים, ד, ג.
12. אסתר רבה, ו, א.

אויף דעם אויבערשטן גאָרן ביי רבי טרפון איז געוואָרן אָפּגעשטימט, אַז די באַצייכענונג אין תהלים[13]: עושה צדקה בכל עת, „ער טוט שטענדיק צדקה", מיינט מען דעם וואָס איז מגדל אַ יתום אין זיין הויז.

*

עס ווערט דערציילט:

מעשה ברבי טרפון שישב ושנה לתלמידים, ועברה כלה לפניו. צוה עליה והכניסה בתוך ביתו, ואָמר לאמו ולאשתו: רחצוה וסכוה וקשטוה ורקדו לפניה עד שתלך לבית בעלה"[14].

רבי טרפון איז געזעסן און געלערנט מיט די תלמידים, איז אַדורכגעגאַנגען אַ כלה (אין חופה־טאָג), האָט ער געהייסן זי אַריינרופן און געזאָגט צו זיין מוטער און צו זיין פרוי: וואַשט איר, שמירט איר, צירט איר, און טאַנצט פאַר איר ביז זי וועט גיין צום חתן.

*

רבי טרפון האָט גאָר באַזונדער זיך אויסגעצייכנט אין דער מצוה פון כבוד אם, ווי עס ווערט דערביי דערציילט אויסערגעוועגלעכע זאַכן[15].

רבי טרפון'ס באַשיידנקייט

אויבן איז שוין געוואָרן דערמאָנט, ווי רבי טרפון האָט זיך אויסגעצייכנט אי מיט זיין טעמפּעראַמענט אי מיט זיין אויפריכטיקייט, קאָן מען גאַנץ דרייסט, צו זיינע זעלטענע מידות טובות, אויך צוגעבן: זיין באַשיידנקייט.

אַז מען האָט אים עפּעס געפרעגט, וואָס ער איז נישט געהאַט געווען

13. תהלים, קו, ג.
14. אָבות דרבי נתן, נו"א, מא, בסוף.
15. קידושין, לא, ב; ירושלמי, א, ז; פאה, א, א.

דערינען גענוג זיכער, האָט ער זיך נישט געשעמט צו זאָגן אַז ער ווייסט נישט, און איז געגאַנגען אין בית המדרש פרעגן זיינע חברים"[16].

*

עס איז גאַנץ באַזונדער צו באַוואונדערן זיין ערלעכקייט און באַשיידנקייט, וואָס האָט אים אפילו נישט אָפּגעהאַלטן אויסצוגעבן זיינס אַ זייער אינטימע שוואַכקייט, און האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט וואָס ער האָט געקאָנט דאַדורך ווערן שטאַרק קאָמפּראָמיטירט: אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו זיין שנור, האָט ער זיך אַליין נישט געטרויט און מורא געהאַט אַז ער זאָל נישט עפּעס נכשל ווערן:

אָמר רבי טרפון: הזהרו בי מפני כלתי![17]

האָט רבי טרפון געזאָגט (צו די שטוב־מענטשן): איר זאָלט מיך היטן לגבי מיין שנור!

*

אגב, ווערט אויך צוגעגעבן אַ פּיקאַנטער עפּיזאָד:

ליגלג עליו אותו תלמיד. אָמר רבי אבהו משום רבי חנינא בן גמליאל: לא היו ימים מועטים עד שנכשל אותו תלמיד בחמותו.

אַ תלמיד האָט פון אים אָפּגעלאַכט. זאָגט רבי אבהו אין נאָמען פון רבי חנינא בן גמליאל, אַז עס האָט נישט לאַנג געדויערט ביז דער דאָזיקער תלמיד איז אַליין נכשל געוואָרן מיט זיין שוויגער.

*

רבי טרפון איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין תורה לשמה. ווערט דערציילט ווי ער איז אַמאָל געהאַט געווען אין אַ סכנה, האָט ער געזאָגט ווער ער איז — איז ער צוליב דעם נוצל געוואָרן. שפּעטער האָט

---

16. משנה ביצה, ג, ה.
17. קידושין, פא, ב.

ער געהאַט דערפון שטאַרק עגמת נפש צי דאָס זאָל נישט הייסן אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט דעם כבוד פון דער תורה:

אוי לי שנתכבדתי בכתרה של תורה![18]

ווי איז מיר, וואָס איך האָב זיך געצירט מיט דער קרוין פון דער תורה!

זיין רייכקייט

רבי טרפון איז געווען רייך[19], און עס ווערן דערציילט פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן זיין רייכקייט. אין איינער פון די שפּעטערדיקע מסכתות און אין מדרשים ווערט, למשל, געבערענגט אַזאַ פאַלקסטימלעכע מעשה:

אָמרו עליו על רבי טרפון שהיה עשיר גדול ולא היה נותן מתנות לאביונים כראוי. פּעם אַחת מצאו רבי עקיבא, אָמר לו: רבי, רצונך שאקח לך עיר אַחת או שתים? אָמר לו: הן. מיד עמד רבי טרפון ונתן לו אַרבעת אלפים דינרי זהב. נטלן רבי עקיבא וחלקן לעניים. לימים מצאו רבי טרפון, אָמר לו: היכן העיירות שלקחת לי? תפסו בידו והביאו לבית המדרש, והביא ספר תהלים והניחו בפניהם, והיו הולכים וקוראים עד שהגיעו לפסוק זה[20]: „פּזר נתן לאביונים, וצדקתו עומדת לעד". אָמר לו: זו העיר שקניתי לך! עמד רבי טרפון ונשקו ואָמר לו: רבי ואַלופי! רבי — בחכמה, ואַלופי — בדרך ארץ[21].

מען האָט געזאָגט וועגן רבי טרפון'ען אַז ער איז געווען זייער רייך, נאָר ער האָט נישט געגעבן גענוג צדקה. האָט אים רבי עקיבא אַמאָל געטראָפן און האָט אים געפרעגט: רבי, אפשר וואָלסטו געוואָלט אַז איך זאָל דיר קויפן עפּעס אַ שטעטל אָדער צוויי? ענטפערט אים

18. ירושלמי שביעית, ד. ב. נדרים, סב, א.
19. נדרים, סב, א.
20. תהלים, קיב, ט.
21. מסכת כלה, ויקרא רבה, לד, טז. פּסיקתא רבתי, כה.

רבי טרפון: יאָ! און גיט אים באַלד פיר טויזנט גאָלדענע רענדלעך. האָט רבי עקיבא גענומען און זיי צעטיילט צווישן אָרעמע־לייט. אין אַ צייט אַרום האָט רבי טרפון אים געטראָפן און געפרעגט: ווו זענען די שטעטלעך וואָס דו האָסט מיר געקויפט? האָט רבי עקיבא אים אָנגענומען און אַריינגעפירט אין אַ בית המדרש און אויפגעעפנט אַ ספר תהלים, און האָבן אַזוי געלייענט ביז זיי זענען צוגעקומען צו דעם פסוק: „ברייטהאַרציק גיט ער די אָרעמע־לייט, באַשטייט זיין צדקה אויף אייביק". האָט ער צו אים געזאָגט: דאָס איז די שטאָט וואָס איך האָב דיר געקויפט! האָט רבי טרפון זיך אויפגעשטעלט און אים געקושט, און האָט אים געזאָגט: מיין רבי און מיין פריינד! מיין רבי — אין חכמה און מיין פריינד — אין מענטשלעכקייט.

זיינע רעדנס־אַרטן

ווי שוין אויבן דערמאָנט איז רבי טרפון געווען אימפולסיוו ביים רעאַגירן אויף יענעמס מיינונגען. אַזוי איז עס געקומען צום אויסדרוק ביי זיין צושטימונג צו זיי, און אַזוי אויך ביי זיין קריטיקירן. אין אַזעלכע פאַלן האָט ער, נישט זעלטן, זיך באַנוצט מיט אַזעלכע אויס־דרוקן, ווי למשל:

עד מתי אתה מגבב דברים ומביא עלינו[22].

ווי לאַנג וועסטו אַזוי פּלאַפּלען?
און נאָך אַזעלכע ענלעכע אויסדרוקן.

*

ער האָט אָפט זיך באַנוצט מיט אַן אויסטערלישער שבועה אויפן לעבן פון זיינע קינדער: אקפח את בני[23]. ווי שוין אויבן דערמאָנט האָט ער זיך אויך באַנוצט מיט דער שבועה: העבודה!

*

22. יומא, עו, א. ספרי בהעלותך, עה. תוספתא זבחים, א, 480.
23. משנה אהלות, טז, א. שבת, קטז, א.

בכלל איז ער געווען ווייט פון פלפול, און האָט ליב געהאַט לאָגישע געדאַנקען און קלאָרע אויסדרוקן[24]. ער האָט געהאַט אַ בילדערישע שפּראַך און אייגנאַרטיקע אויסדרוקן.

בשעה שהיה אָדם אומר דבר מתוקן לפני רבי טרפון, היה אומר: כפתור ופרח! ובשעה שהיה אומר דבר של בטלה, היה אומר: לא ירד בני עמכם[25].

אַז מען האָט געזאָגט רבי טרפון'ען עפּעס רעכטס, האָט ער אויסגערופן: כפתור ופרח[26], (אַזאַ באַקאַנטער אָרנאַמענט פון דער מנורה); אַז מען האָט אים געזאָגט עפּעס אַ פּוסטע זאַך, האָט ער זיך אויסגעדריקט מיט די ווערטער וואָס יעקב אָבינו האָט אָפּגעזאָגט זיינע קינדער: לא ירד בני עמכם[27].

אגב, די למדנים האָבן געפּלעגט זיך צו באַנוצן מיטן אויסרוף: כפתור ופרח! אַלס אויסדרוק פון באַוואונדערונג. איז עס אַזוי אַריין אין דער שפּראַך און אין דער ליטעראַטור.

קידוש השם

רבי טרפון האָט אָנגעוואָנדן די פּעדאַגאָגישע מעטאָדע צו מאַכן דאָס לערנען אינטערעסאַנטער און לעבהאַפטער דורך שטעלן פראַגן און ענטפערן. ער האָט געשטעלט פראַגן זיינע תלמידים און געוואָלט אַז זיי זאָלן אים פרעגן. דאַן האָט ער זיי געזאָגט: אמרו אַתם, זאָגט איר! אויב זייערע ענטפערס האָבן אים נישט באַפרידיקט, האָט ער ערשט דאַן געזאָגט זיין מיינונג. למשל אַזאַ שמועס:

אָמרו לו: למדנו רבינו, באיזו זכות זכה יהודה למלכות? אָמר להם רבי טרפון: אמרו אַתם. אָמרו: בזכות שאָמר: „מה בצע כי נהרוג את אָחינו[28], שהצילו ממיתה. אָמר להם: דייה להצלה שתעמוד ותכפר על המכירה, שנתן עצה למכרו:

24. משנה נזיר, ה, ה.
25. בראשית רבה, מקץ, צא, ט.
26. שמות, תרומה, כה, לג.
27. בראשית, מקץ, מב, לח.
28. בראשית, וישב, לז, כו.

ולא להשיבו אל אָביו. אָמרו: בזכות שאָמר: „צדקה ממני"[29]. אָמר להם: דייה להודאָה שתכפר על הביאָה. אָמרו: בזכות שאָמר: „ישב נא עבדך תחת הנער"[30]. אָמר להם: מצינו בכל מקום שהערב משלם. אָמרו לו: רבי, למדנו באיזו זכות זכה יהודה למלכות? אָמר להם: כשעמדו שבטים על הים, זה אומר: איני יורד תחילה, וזה אומר: איני יורד תחילה, שנאמר[31]: „סבבני בכחש אפרים"; מתוך שהיו עומדים ונוטלים עצה אלו ואלו — קפץ נחשון בן עמינדב, ושבטו אַחריו, לתוך גלי הים. לפיכך זכה למלכות. אָמר להם הקדוש ברוך הוא: מי שקדש שמי על הים, יבוא וימשול על ישראל[32].

זיי האָבן אים געזאָגט: זאָל אונזער רבי אונז לערנען, אין וועלכן זכות האָט (שבט) יהודה זוכה געווען צו דער מלוכה? (צו דער דינאַסטיע פון דוד המלך). האָט רבי טרפון צו זיי געזאָגט: זאָגט איר! האָבן זיי געזאָגט: ווייל ער האָט געראַטעוועט יוסף׳ן אַז מען זאָל אים נישט אומברענגען. האָט ער צו זיי געזאָגט: ער האָט דאָך אים נישט אַהיימגעברענגט צום פאָטער. האָבן זיי צו אים געזאָגט: ווייל ער האָט מודה געווען ביי דער מעשה מיט תמר. האָט ער צו זיי געזאָגט: עס איז גענוג אַז דאָס מודה זיין זאָל מכפר זיין אויף דער עברה. האָבן זיי געזאָגט: ווייל ער איז באַשטאַנען צו בלייבן אויפן אָרט פון בנימין׳ען. האָט ער צו זיי געזאָגט: שטענדיק מוז דאָך דער זשעראַנט באַצאָלן. ענדלעך האָבן זיי געזאָגט: רבי, לערן אונז, אין וועלכן זכות האָט יהודה זוכה געווען צו דער מלוכה? האָט ער צו זיי געזאָגט:

ווען די שבטים זענען געשטאַנען ביים ים, האָט יעדערער פון זיי געזאָגט: נישט איך וועל דער ערשטער אַריין אין ים אַריין. ווי זיי האָבן זיך אַזוי געאַמפּערט, איז נחשון בן עמינדב, און באַלד נאָך אים זיין שבט, אַריינגעשפּרינגען צווישן די וואַלן אין ים. צוליב דעם האָט ער זוכה געווען צו דער מלוכה. הקדוש ברוך הוא האָט זיי געזאָגט:

29. דאָרט, לח, כו.

30. דאָרט, ויגש, מד, לג.

31. הושע, יב, א.

32. מכילתא בשלח, יד, כב, 106; תוספתא ברכות, ד, יח, 11. ילקוט שמעוני בשלח, רלד.

דער וואָס איז ביים ים געגאַנגען אויף קידוש השם — דער זאָל קומען רעגירן ביי יידן.

*

דער דאָזיקער שמועס צווישן רבי טרפון מיט זיינע תלמידים, וואָס איז פאָרגעקומען דאַמאָלט אין דער אַזוי שטורמישער עפּאָכע, צווישן הודבן ירושלים און דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא, איז נישט געווען בלויז אַן עטיש־היסטאָריזאָפישע אונטערהאַלטונג. נאָר אַ גאַנץ ברענענדיק־אַקטועלער ענין: רבי טרפון האָט דערביי, גאַנץ פאַרשטענדלעך, אויסגעדריקט די מיינונג, אַז צוריק צו דערגרייכן די פרייהייט קאָן מען נאָר דורך מסירת נפש, אפילו ווען מען דאַרפט, גאַנץ פשוט, „שפּרינגען אין ים אַריין".

די יידישע חכמים דאַמאָלט אין ארץ ישראל, אונטער דער רוי־מישער טיראַנישער אָקופּאַציע, האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע מעג־לעכקייט אויסצודריקן זייערע מיינונגען, זייערע שטרעבונגען, נאָר דורך אויסטייטשן און ברייט קאָמענטירן די ערשטע יידישע נאַציאָנאַלע באַ־פרייאונג, יציאת מצרים.

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן איז רבי טרפון, מיט זיין הייסן טעמ־פּעראַמענט, אַוודאי נישט אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע חכמים; נאָר אַזוי ווי די מערהייט פון זיי, איז ער אַוודאי אויך געהאַט געווען אַן אַנהענגער פון אויפשטאַנד. עס איז אויך פאַרהאַנדן אַ מיינונג, אַז רבי טרפון איז געווען איינער צווישן די עשרה הרוגי מלכות, די צען פון די ווירטיקסטע און אַקטיווסטע חכמי ישראל, וואָס זענען אומגע־קומען אויף קידוש השם[33].

*

רבי טרפון איז נישט געווען צו שטאַרק צופרידן פון דעם עטיש־גייסטיקן צושטאַנד פון די מענטשן פון זיין דור:

> אָמר רבי טרפון: תמה אני אם יש בדור הזה מי שיוכל להוכיח. אם אָמר לו: טול קיסם מבין שיניך, אומרים לו: טול קורא מבין עיניך[34].

33. מדרש רבה, איכה, ב, ה.
34. ערכין, טז, ב. ספרא קדושים, ד, ט.

רבי טרפון האָט געזאָגט: איך וואָלט זיך געוווּנדערט אַז עס זאָל זיך געפינען ווער, אין דעם דאָזיקן דור, וואָס זאָל קאָנען יענעם זאָגן מוסר; אויב ער זאָגט אים: נעם אַרויס דאָס שפּענדל פון צווישן דיינע ציין, זאָגט מען אים: נעם ליבערשט צו די בעלקע פון צווישן דיינע אויגן!

*

רבי טרפון איז געווען, נאָך שטרענגער ווי זיינע חברים, קעגן די מינים, די דאַמאָלטיקע יידישע אָנהענגער פון ישו. ער האַלט זיי פאַר ערגער ווי די גוים, די געצן־דינער. דעם אונטערשיד צווישן זיי האָט ער דעפינירט:

שעובדי עבודה זרה אינם מכירים אותו וכופרים בו, אבל המינים — מכירים אותו וכופרים בו[35].

די געצן־דינער קענען דאָך אים נישט (דעם רבונו של עולם) — לייקענען זיי אין אים; אָבער די מינים קענען אים יאָ — און דאָך לייקענען זיי אין אים.

רבי טרפון און רבי עקיבא

וכבר היו רבי טרפון וזקנים מסובים בעלית בית ניתזה בלוד, נשאלה שאלה זו בפניהם: תלמוד גדול או מעשה גדול? נענה רבי טרפון ואָמר: מעשה גדול. נענה רבי עקיבא ואָמר: תלמוד גדול. נענו כולם ואָמרו: תלמוד גדול, שהתלמוד מביא לידי מעשה[36].

רבי טרפון און די אַנדערע חכמים האָבן אַמאָל פאַרברענגט אויפן בוידעם ביי ניתזה אין לוד, איז פאַר זיי געוואָרן געשטעלט די פראַגע: וואָס איז וויכטיקער, תלמוד, אָדער מעשה, לערע אָדער מעשים? האָט רבי טרפון געזאָגט: מעשים זענען וויכטיקער. רבי עקיבא האָט געזאָגט:

35. תוספתא שבת, יג, ה, 129; ירושלמי, טז, א; בבלי, קטז, א.
36. קידושין, מ, ב. ירושלמי פסחים, ג, ז. ספרי דברים, עקב, מא.

לערע איז וויכטיקער. האָבן אַלע אָנגענומען די מיינונג אַז לערע איז וויכטיקער, ווייל לערע ברענגט צו מעשים.

*

סנהדרין שראו אחד שהרג את הנפש, מקצתם נעשו עדים, ומקצתם נעשו דיינים, דברי רבי טרפון. רבי עקיבא אומר: כולם עדים הם, ואין עד נעשה דיין[37].

אַז די סנהדרין האָבן זעלבסט געזען ווי עמיצער האָט אויסגעפירט אַ מאָרד, האָלט רבי טרפון אַז אַ טייל פון זיי זאָלן זיין דערביי עדים, און די איבעריקע — דיינים, אָבער רבי עקיבא האַלט אַז זיי אַלע זענען עדים, און אַן עד קאָן נישט זיין קיין דיין.

*

קדש אחת מחמש נשים, ואין ידוע איזו קדש, כל אחת אומרת: „אותי קדש" — נותן גט לכל אחת ואחת, ומניח כתובה ביניהן, ומסתלק, דברי רבי טרפון. רבי עקיבא אומר: אין זו דרך מוציאתו מידי עברה, עד שיתן גט וכתובה לכל אחת ואחת[38].

אַז אַ מאַן האָט מקדש געווען איינע פון פינף פרויען, און מען ווייסט נישט וועלכע, און יעדערע פון זיי זאָגט: „מיך האָט ער מקדש געווען" זאָגט רבי טרפון: ער מוז געבן אַ גט יעדערער באַזונדער, און ער באַצאָלט נאָר פאַר איין כתובה, און עס איז נישט זיין עסק, ווי אַזוי זיי וועלן אַדורכקומען צווישן זיך. אָבער רבי עקיבא זאָגט אַז דאָס איז נישט דער וועג אים צו באַפרייען פון דער עברה; נאָר ער זאָל געבן אַ גט און באַצאָלן פאַר דער כתובה יעדערער פון זיי באַזונדער.

*

גזל אחד מחמשה ואין ידוע לאיזה גזל, כל אחד אומר: „אותי גזל" — מניח את הגזלה ביניהן ומסתלק, דברי רבי

37. ראש השנה, כו, א. בבא קמא, צ, ב.
38. משנה יבמות, טו, ז.

טרפון. רבי עקיבא אומר: אין זה דרך מוציאתו מידי עברה, עד שישלם גזלה לכל אחד ואחד[39].

אַז איינער האָט באַרויבט איינעם פון פינף, און מען ווייסט נישט וועמען, און יעדערער פון זיי זאָגט: „מיך האָט ער באַרויבט״ — זאָגט רבי טרפון: זאָל ער באַצאָלן די סומע, און עס איז נישט זיין עסק, ווי אַזוי זיי וועלן אַדורכקומען צווישן זיך. אָבער רבי עקיבא זאָגט: דאָס איז נישט דער וועג אים צו באַפרייען פון דער עברה; נאָר ער זאָל באַצאָלן יעדן באַזונדער.

*

רבי טרפון אומר: ינתנו לכושל שבהם. רבי עקיבא אומר: אין מרחמין בדין[40].

אין געוויסע געלט־סכסוכים, זאָגט רבי טרפון אַז מען איז מכריע לטובת די שוואַכערע, לטובת די אָרעמערע; אָבער רבי עקיבא זאָגט: אין מרחמין בדין, דאַמאָלט ווען עס האַנדלט זיך ביי גערעכטיקייט, טאָר מען זיך נישט רעכענען מיט דער מאַטעריעלער לאַגע פון די בעלי דינים.

רבי טרפון וועגן רבי עקיבא

די חכמי המשנה והתלמוד האָבן געלערנט, געוועגלעך, נישט בלויז ביי איין רבי'ן. רבי עקיבא האָט געהאַט געלערנט, דער עיקר, ביי רבי אליעזר בן הורקנוס, אָבער אויך ביי רבי יהושע בן חנניה, ביי נחום איש גם זו און אויך ביי רבי טרפון[41]. שפּעטער זענען זיי, רבי טרפון און רבי עקיבא, געוואָרן גאָר נאָענטע חברים, און רבי טרפון האָט גאַנץ אָפט אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג לגבי זיין געוועזענעם תלמיד.

אַמאָל ביי אַ פלוגתא מיט רבי עקיבא, ווען ער האָט, ענדלעך, איינגעזען אַז ער האָט רעכט, רופט רבי טרפון אויס:

---

39. דאָרט.
40. משנה כתובות, ט, ב—ג.
41. ירושלמי יומא, א, א. מסכת כלה, א.

אַשריך, אַברהם אָבינו, שיצא מחלציך עקיבא![42]

וויל איז דיר, אַברהם אָבינו, אַז רבי עקיבא שטאַמט פון דיר!

*

פיל מאָל זאָגט רבי טרפון צו רבי עקיבא'ן:

כל הפורש ממך כפורש מחייו![43]

ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דיר, איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשיידט פון זיין לעבן!

*

אָמר לו רבי טרפון: עקיבא, עליך הכתוב אומר[44]: „ותעלומה יוציא אור”, דברים המסותרים מבני אָדם, הוציאָם רבי עקיבא לאורה[45].

רבי טרפון האָט אים געזאָגט: עקיבא, אויף דיר איז געפּאַסט דער פּסוק: „און פאַרבאָרגנס ברענגט ער אַרויס אין ליכט”, דאָס וואָס איז פאַרבאָרגן פאַר מענטשן, האָט רבי עקיבא אַרויסגעברענגט אויף דער ליכטיקער שיין.

***

42. ספרי, בהעלותך, עה.
43. דאָרט. ספרא ויקרא, ד, ז. תוספתא מקואות, א, 654. ירושלמי יומא, א, א; תרומות, ח, ב; נזיר, ג, ה; הוריות, ג, ב. זבחים, יג, א. אין קידושין, סו, ב: כפורש מן החיים.
44. איוב, כח, יא.
45. אָבות דרבי נתן, נו״א, ו. אין נו״ב, יב איז רבי אליעזר אָנשטאָט רבי טרפון, אָבער ריכטיקער איז אוודאי ווי אין נו״א.

רבי אלעזר המודעי

רבי אלעזר המודעי

באַקאַנט נאָר מיטן נאָמען: רבי אלעזר המודעי, דאָס הייסט: פון דער שטאָט מודיעין, פון וואַנען עס האָבן געשטאַמט די חשמונאים. וואַר־שיינלעך האָט מען אים אַזוי גערופן, כדי אים אונטערצושיידן פון אַנדערע חכמים מיטן זעלבן נאָמען.

ער איז געווען באַליבט מיט זיינע דרשות און מיט זיין אופן אויס־טייטשן די תורה. דער נשיא רבן גמליאל האָט מערערע מאָל, ביים אויסטייטשן אַ פסוק, זיך אויסגעדריקט: עדיין צריכין אָנו למודעי[1], מיר מוזן אַלץ אָנקומען צו רבי אלעזר המודעי.

אויסער זיינע טיף־רעליגיעזע דרשות, איז רבי אלעזר המודעי שטענ־דיק געהאַט געווען אַריינגעטון אין תפילה.

באַשאָנקען מיט אַ רייכער רעליגיעזער פאַנטאַזיע, האָט ער געקאָנט קומען צו גוזמאות, צו שטאַרקע איבערטרייבונגען. רבי טרפון האָט אַמאָל גאַנץ שאַרף רעאַגירט אויף זיינע גוזמאות[2].

*

פון רבי אלעזר המודעי איז, דאַכט זיך, נישט געבליבן קיין איין הלכה, עס זענען אָבער פון אים געבליבן אַ סך דברי אַגדה. פאַר זיינע אַגדות איז כאַראַקטעריסטיש, באַלד דאָס אויסטייטשן דאָס וואָרט אַגדה. לויט אים קומט אויס אַז עס שטאַמט פון ציען:

דבר הגדה, שהוא מושך לבו של אָדם[3].

די אַגדה ציט צו דאָס האַרץ פון מענטש.

*

1. שבת, נה, ב. מגילה, טו, ב. חולין, צב, א.
2. יומא, עו, א. מכילתא בשלח, ויסע, ג, 166.
3. מכילתא, בשלח, ה, 171.

רבי אלעזר המודעי, געלעבט אין אַזאַ קריטישער צייט, ביים אויפֿשטאַנד פון בר כוכבא, האָט גלייך מיט אַנדערע, און אפשר נאָך שווערער צוליב זיין טיפער עמפינדלעכקייט, אַליין אויף זיך איבערגעלעבט די גרוילן פון יענער צייט.

לויט איינער, אַ זייער טרויעריקער לעגענדע, זאָל רבי אלעזר המודעי האָבן אומגעקומען ביי באַזונדערע טראַגישע אומשטענדן: איינער אַ כותי, האָט אויף אים אויסגעטראַכט אַ בלבול אַז ער וויל זיך אונטערגעבן די רוימער, און האָט בר כוכבאַ'ן אַזוי אַריינגעבערענגט אין כעס, ביז ער זאָל אים האָבן געגעבן אַ קאָפּע מיטן פוס, אַז ער איז דערביי געשטאָרבן[4].

*

ביים לערנען די רייד פון אונזערע חכמים, גאַנץ באַזונדער זייערע דרשות, הגם זיי האָבן, יעדנפאַלס, אַן אייביקן ווערט; דאַרפט מען דאָך שטענדיק נעמען אין באַטראַכט די צייט און אויך אַנדערע אומשטענדן ווי זיי זענען געזאָגט געוואָרן. אַוודאַי איז דער דאָזיקער כלל, גאַנץ באַזונדער חל אויף די אייגנאַרטיקע דרשות פון רבי אלעזר המודעי, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן דאַמאָלט אין יענער אַזוי קריטישער עפּאָכע.

וואָס לערנט רבי אלעזר המודעי

רבי אלעזר המודעי אומר: המחלל את הקדשים, והמבזה את המועדות, והמלבין את חברו ברבים, והמפר בריתו של אברהם אבינו עליו השלום, והמגלה פנים בתורה שלא כהלכה — אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים — אין לו חלק לעולם הבא[5].

רבי אלעזר המודעי זאָגט: דער וואָס פאַרשוואַכט הייליקייטן, און דער וואָס איז מבזה ימים טובים, און דער וואָס פאַרשעמט יענעם אין דער עפנטלעכקייט, און דער וואָס פאַרשטערט דעם בונד (ברית) פון אַברהם אָבינו עליו השלום, און דער וואָס פעלשט די תורה — הגם ער האָט תורה און מעשים טובים — האָט ער נישט קיין חלק לעולם הבא.

*

4. ירושלמי, תענית, ד, ה. איכה רבה, ב, ה.

„והודעת להם את הדרך ילכו בה, ואת המעשה אשר יעשון"[6]. רבי אלעזר המודעי אומר: „והודעתי להם" — הודע להם בית חייהם. „את הדרך" — זה בקור חולים. „ילכו" — זו קבורת מתים. „בה" — זו גמילת חסדים. „ואת המעשה" — זו שורת הדין. „אשר יעשון" — זה לפנים משורת הדין[7].

„און דו זאָלסט זיי מאַכן וויסן דעם וועג וואָס זיי זאָלן אין אים גיין און די מעשים וואָס זיי זאָלן טוען". זאָגט רבי אלעזר המודעי: והודעת להם — באַקען זיי מיטן לעבן. את הדרך — מיינט מען בקור חולים. ילכו — קבורת מתים. בה — גמילות חסדים. ואת המעשה — זיך פירן לויטן דין. אשר יעשון — זיך פירן לפנים משורת הדין, מיט יושר.

*

„אנשי חיל, יראי אלהים, אנשי אמת, שונאי בצע"[8]. „אנשי חיל" — אלו בעלי הבטחה. „יראי אלהים" — אלו שעושין פשרה בדין. „אנשי אמת" — כגון רבי חנינא בן דוסא וחבריו. „שונאי בצע" — אלו ששונאים ממון עצמם, ואם ממון עצמם שונאין — קל וחומר ממון אחרים[9].

אַנשי חיל — מענטשן וואָס מען קאָן זיך אויף זיי פאַרלאָזן. יראי אלהים — וואָס גייען איין אויף אַ פשרה. אַנשי אמת — למשל, רבי חנינא בן דוסא און זיינס גלייכן. שונאי בצע — וואָס יאָגן זיך נישט נאָך קיין געלט; נישט נאָך זייער אייגן געלט, און אוודאי נישט נאָך פרעמד געלט.

*

„דבר יום ביומו"[10]. מי שברא יום, ברא פרנסתו. מכאן היה רבי אלעזר המודעי אומר: כל מי שיש לו מה יאכל היום, ואומר: מה אוכל למחר, הרי זה מחוסר אמנה[11].

5. אָבות, ג, יא. ספרי שלח, קיב. סנהדרין, צט, א.
6. שמות, יתרו, יח, כ.
7. מכילתא יתרו, 198.
8. שמות, יתרו, יח, כא.
9. מכילתא יתרו, 198.
10. שמות, בשלח, טז, ד.
11. מכילתא בשלח, 161. סוטה, מח: רבי אליעזר הגדול.

אין דער תורה איז געשריבן ביים מן אין דער מדבר, אַז מען זאָל אים קלויבן יעדן טאָג, פאַרן טאָג. זאָגט רבי אלעזר המודעי: ווער עס האָט אויף היינט צו עסן און זאָרגט: וואָס וועל איך עסן מאָרגן — פעלט אים אמונה.

דרשות פון רבי אלעזר המודעי

„ויאמר ה׳ אל משה: מה תצעק עלי? דבר אל בני ישראל, ויסעו"[12]. רבי אלעזר המודעי אומר: „מה תצעק עלי?", על בני אני צריך צווי?! „על בני ועל פועל ידי תצוני?!"[13] והלא כבר מוכנים הם לפני מששת ימי בראשית, שנאמר[14]: „אם ימושו החוקים האלה מלפני, נאום ה׳, גם זרע ישראל ישבותו מהיות גוי לפני כל הימים"[15].

„און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן: וואָס שרייסטו צו מיר? רעד צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן ציען". זאָגט רבי אלעזר המודעי: „וואָס שרייסטו צו מיר?", וועגן מיינע קינדער דאַרפט מען געביטן? „וועגן מיינע קינדער און וועגן די ווערק פון מיינע הענט באַפעלט מען מיר?!". זיי זענען שוין פאַר מיר אָנגעברייט מששת ימי בראשית, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא ירמיהו: „אויב די דאָזיקע געזעצן, (די נאַטור־געזעצן), וועלן אָפּגעטועז ווערן פון פאַר מיר, זאָגט גאָט, וועלן די קינדער פון ישראל אויפהערן צו זיין אַ פאָלק פאַר מיר אַלע טעג".

*

„וילונו העם על משה"[16]. רבי אלעזר המודעי אומר: לימודין היו ישראל בדברי תערומת על משה; ולא על משה לבד אָמרו, אלא על הגבורה[17].

„און דאָס פאָלק ישראל האָט געמורמלט אויף משה׳ן", זאָגט רבי

12. שמות, בשלח, יד, טו.
13. ישעיהו, מה, יא.
14. ירמיהו, לא, לה.
15. מכילתא בשלח, יד, טו, 99.
16. שמות, בשלח, טו, כד.
17. מכילתא בשלח, 155

אלעזר המודעי: די ידן זענען געווען געווינט צו האָבן טענות צו משה׳ן און נישט נאָר צו משה׳ן, נאָר אויך צום רבונו של עולם.

*

לאָמיר לערנען און זיך פאַרטיפן אין אַזאַ מין אַגדה, וואָס איז אפשר איין און איינציק:

כההיא דאָמר רבי אלעזר המודעי: עתידים שרי אומות העולם, לעתיד לבוא, שיבואו לקטרג את ישראל לפני הקדוש ברוך הוא, ואומרים: רבונו של עולם, אלו עבדו עבודה זרה ואלו עבדו עבדה זרה, אלו גלו עריות ואלו גלו עריות, אלו שפכו דמים ואלו שפכו דמים; מפני מה, אלו יורדין לגיהנום ואלו אין יורדין? והקדוש ברוך הוא משיב להם ואומר: אם כן הוא, ירדו כל העמים עם אלהיהם לגיהנם. הדא היא דכתיב[18]: „כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו״[19].

אַזוי ווי עס האָט געזאָגט רבי אלעזר המודעי: לעתיד לבוא קאָנען די שרי אומות העולם קומען און מקטרג זיין אויף יידן פאַר הקדוש ברוך הוא, און זאָגן: רבונו של עולם, זיי האָבן געדינט עבודה זרה און זיי האָבן געדינט עבודה זרה, די זענען געווען מגלה עריות און די זענען געווען מגלה עריות, זיי האָבן פאַרגאָסן בלוט און זיי האָבן פאַר־גאָסן בלוט; טאָ פאַרוואָס נידערן זיי יאָ אַראָפּ אין גיהנם און זיי נישט? ענטפערט זיי דער רבונו של עולם: אויב עס איז טאַקע אַזוי, זאָלן אַלע פעלקער צוזאַמען מיט זייערע געטער נידערן אין גיהנם. איז גע־שריבן: „ווייל אַלע פעלקער, זאָל יעדער גיין אין נאָמען פון זיין גאָט״.

מתן תורה לויט רבי אלעזר המודעי

רבי אלעזר המודעי רעדט וועגן דעם רעש וואָס מתן תורה האָט

18. מיכה, ד, ה.
19. מדרש רבה, שיר השירים, ב, ד. ילקוט שמעוני, מיכה, תקנב; תהלים, תרצב. מדרש תהלים, א, ב.

אַרויסגערופן ביי די אומות העולם. ער דריקט זיך דערביי אויס מיט עטלעכע פסוקים פון אַ קאַפּיטל תהלים[20]:

„וישמע יתרו כהן מדין חותן משה"[21]. מה שמועה שמע ובא ונתגייר? רבי אלעזר המודעי אומר: מתן תורה שמע ובא. כשנתן הקדוש ברוך הוא תורה לישראל, היה קולו הולך מסוף העולם עד סופו, וכל מלכי אומות העולם אחזתם רעדה בהיכליהן ואָמרו שירה, שנאמר: „ובהיכלו כולו אומר כבוד". נתקבצו כולם אצל בלעם ואָמרו לו: מה קול ההמון אשר שמענו, שמא מביא מבול לעולם, שנאמר: „ה' למבול ישב"? אָמר להם: „וישב ה' מלך לעולם", כבר נשבע הקדוש ברוך הוא שאין מביא מבול לעולם. אָמרו לו: שמא מבול של מים אינו מביא אבל מבול של אש מביא, שנאמר[22]: „כי באש ה' נשפט"? אָמר להם: כבר נשבע שאינו משחית כל בשר. אלא מה קול ההמון ששמענו? אָמר להם: חמדה גנוזה יש לו להקדוש ברוך הוא בבית גנזיו, שהיתה גנוזה אצלו תתקע"ד דורות קודם שנברא העולם, והוא מבקש ליתנה לבניו, שנאמר: „ה' עוז לעמו יתן". מיד ענו כולם ואָמרו: „ה' יברך את עמו בשלום[23].

אין דער תורה איז געשריבן: „און ער האָט געהערט, יתרו דער פּריסטער פון מדין, משה'ס שווער". וואָס האָט ער געהערט און געקומען און זיך מגייר געווען? זאָגט רבי אלעזר המודעי: ער האָט געהערט מתן תורה און איז געקומען. ווען הקדוש ברוך הוא האָט געגעבן יידן די תורה, איז זיין קול דערגאַנגען פון איין עק וועלט צום אַנדערן, און אַלע מלכי אומות העולם אין זייערע פּאַלאַצן, האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש און האָבן געזאָגט שירה, ווי עס איז געזאָגט אין תהלים: „און אין זיין היכל זאָגט אַלץ: כבוד". האָבן זיי אַלע זיך פאַרזאַמלט ביי בלעם'ן און האָבן אים געפרעגט: וואָס איז דער דאָזיקער שטורעמדיקער רעש וואָס מיר האָבן געהערט? ברענגט ער בּישט אַמאָל אַ מבול אויף דער וועלט? ווי עס שטייט דאָרטן: 'גאָט

20. תהלים, כט.
21. שמות, יתרו, יח, א.
22. ישעיהו, סו, טז.
23. זבחים, קטז, א. לויט דקדוקי סופרים. מכילתא, ריש יתרו.

וועט זיך נאָך אומקערן צום מבול״? האָט בלעם זיי געענטפערט: ׳גאָט וועט אייביק קעניגן״, ער האָט געשווירן נישט צו ברענגען מער קיין מבול אויף דער וועלט. האָבן זיי אים געפרעגט: אפשר טאַקע קיין מבול פון וואַסער — נישט, אָבער אַ מבול פון פייער — יאָ, ווי עס זאָגט דער נביא: „ווייל אין פייער משפט זיך גאָט״. זאָגט זיי בלעם: ניין, ער האָט געשווירן אַז ער וועט נישט אַלע פאַרדאַרבן. טאָ וואָס איז דער דאָזיקער שטורעמדיקער רעש וואָס מיר האָבן געהערט?

האָט בלעם זיי געזאָגט: אַ באַהאַלטענעם טייערן אוצר האָט הקדוש ברוך הוא אין זיינע באַהעלטענישן, וואָס איז געהאַט געווען ביי אים באַהאַלטן ניין הונדערט פיר און זיבעציק דורות איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ווייל ער דאַס געבן זיינע קינדער, אַזוי ווי עס שטייט דאָרטן: „גאָט וועט זיין פאָלק געבן שטאַרקייט״, האָבן זיי אַלע זיך אָנגערופן: „גאָט וועט בענטשן זיין פאָלק מיט שלום״.

אַ דרשה וועגן תורה און מעשים טובים

„ויאמר: אם שמוע תשמע לקול ה׳ אלהיך, והישר בעיניו תעשה, והאזנת למצותיו, ושמרת כל חוקיו — כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אָשים עליך, כי אני ה׳ רופאך״[24]. רבי אלעזר המודעי אומר: „אם שמוע״, יכול רשות, תלמוד לומר: „תשמע״, חובה ולא רשות. „תשמע״, זה הכלל שהתורה כלולה בו. „לקול ה׳ אלהיך״, מלמד שכל מי ששומע מפי הגבורה, מעלין עליו כאילו עומד ומשמש לפני חי וקיים לעולם ולעולמי עולמים. „והישר בעיניו תעשה״, זה משא ומתן. מלמד שכל מי שנושא ונותן באמונה, ורוח הבריות נוחה הימנו — מעלין עליו כאילו קיים את כל התורה כולה. „והאזנת למצותיו״, אלו הלכות, „ושמרת כל חוקיו״, אלו עריות. „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אָשים עליך״, ומה תלמוד לומר: „כי אני ה׳ רופאך״? אָמר לו הקדוש ברוך הוא למשה: אמור להם לישראל: דברי תורה שנתתי לכם — רפואה הם לכם, חיים הם לכם, שנאמר[25]: „כי

24. שמות, בשלח, טו, כו.
25. משלי, ד, כב.

חיים הם למוצאיהם, ולכל בשרו מרפא", ואומר[26]: „רפאות תהי לשריך, ושיקוי לעצמותיך"[27].

„און ער האָט געזאָגט: אויב צוהערן וועסטו צוהערן צו דעם קול פון דיין גאָט, און וועסט טועןְ וואָס איז רעכטפאַרטיק אין זיינע אויגן, און וועסט זיך צוהערן צו זיינע מצוות, און היטן אַלע זיינע געזעצן, וועל איך די אַלע קראַנקהייטן וואָס איך האָב געברענגט אויף מצרים, נישט ברענגען אויף דיר, ווייל איך גאָט בין דיין היילער". זאָגט רבי אלעזר המודעי: אם שמוע, קאָן מען דאָך מיינען אַז עס איז פרייוויליק, איז געזאָגט: תשמע, אַז עס איז אַ פליכט. תשמע, דו זאָלסט הערן, איז אַ כלל וואָס אַנטהאַלט די גאַנצע תורה. לקול ה׳ אלהיך, דאָס לערנט אַז יעדערער וואָס הערט זיך צו צו גאָט, איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט געווען באַדינט דעם וואָס לעבט אייביק. והישר בעיניו תעשה, מיינט די באַצי־אונג צו מענטשן. דאָס לערנט דעם מענטש אַז דער וואָס איז ערלעך צו מענטשן, און איז אַנגענעם צו זיי — איז אַזוי ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה. והאזנת למצותיו, מיינט הלכות, ושמרת כל חוקיו, מיינט טהרת משפחה. כי אני ה׳ רופאך. הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט צו משה׳ן: זאָג די יידן: די דברי תורה וואָס איך האָב אייך געגעבן — איז אַ רפואה פאַר אייך, אַ לעבן פאַר אייך! אַזוי ווי עס איז גע־זאָגט: „ווייל זיי זענען לעבן פאַר די וואָס געפינען זיי, און אַ היילונג פאַר זייער גאַנצן לייב", און נאָך איז דאָרט געזאָגט: „דאָס וועט זיין אַ היילונג פאַר דיין נאַפל, און אַ זאַפט פאַר דיינע ביינער".

***

26. דאָרט, ג, ח.
27. מכילתא, בשלח, 157.

רבי יוסי הגלילי
און
רבי יוחנן בן נורי

רבי יוסי הגלילי

עס ווערט דערציילט ווי אַמאָל אין יבנה, ביי אַ שווערער פּראַגע אין הלכה, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ תלמיד פון גליל, און האָט באַלד גאַנץ ענערגיש גענומען אָנטייל אין די דיסקוסיעס און אפילו באַזיגט אי רבי טרפון׳ען אי רבי עקיבא׳ן. דער נאָמען פונעם דאָזיקן תלמיד איז: רבי יוסי הגלילי, רבי יוסי פון גליל[1].

בכלל איז עס געווען אַן אויסטערלישע דערשיינונג, אַז אַ תלמיד וואָס האָט זיך ערשט געהאַט באַוויזן אין יבנה, זאָל שוין ביים ערשטן מאָל אַזוי זיך אַרויסהייבן. ערשט נאָך דאָס וואָס ער איז געווען פון גליל, וואָס איז דאַמאָלט נאָך נישט געהאַט געווען, אַזוי ווי שפּעטער, באַקאַנט אַלס מקום תורה.

אגב, עס ווערט אַמאָל דערציילט ווי רבי יוסי הגלילי האָט גע־דרש׳נט אין טבריה[2], וואַרשיינלעך, איידער ער איז געקומען קיין יבנה.

איז רבי יוסי הגלילי באַלד פון דעם ערשטן טאָג אָן געוואָרן אָנער־קענט אַלס אַ גלייכער מיט אַלע אַנדערע אָנגעזעענע חכמים אין יבנה, און גאַנץ אָפט איז ער גאָר אַרויס דער זיגער אין די דיסקוסיעס ביים באַהאַנדלען ענינים פון הלכה[3].

עס איז אינטערעסאַנט ווי ער איז אַזוי הויך געשטיגן, אַז ווען מען רעדט וועגן אַרבעה זקנים פון יבנה, ווערט ער גערעכנט דער צווייטער: ר׳ טרפון, רבי יוסי הגלילי, רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא[4]. לויט איין נוסח אין תלמוד בבלי, ווערט ער גערעכנט דער ערשטער, פאַר רבי טרפון׳ען[5].

*

רבי יוסי הגלילי איז געווען באַקאַנט אויך אַלס צדיק:

---

1. זבחים, נז, א. ספרי קרח, קיח.
2. ספרי זוטא, במדבר, יט.
3. תוספתא, סוף מקואות. ספרי חקת, קכד.
4. תוספתא גיטין, ט, א, 333. מועד קטן, כח, ב.
5. גיטין, פג, א.

אָמר רבי שמואל בר נחמני: בשעה שישראל באין לידי עברה ומעשים רעים, הגשמים נעצרים, והם מביאים להם זקן אחד כגון רבי יוסי הגלילי, והוא מפגיע בעדם והגשמים יורדים[6].

רבי שמואל בן נחמני האָט געזאָגט: ווען יידן זינדיקן פאַרהאַלטן זיך די רעגנס, ברענגען זיי אַ זקן ווי רבי יוסי הגלילי, איז ער פאַר זיי מתפלל און עס פאַלט רעגן.

*

היה רבי יהודה הנשיא מונה שבחם של חכמים. ולרבי יוסי הגלילי: מלקט יפה בלא גסות הרוח, שאָחז בה מידת חכמים מהר סיני, והיה משנן בה כל חכמי ישראל[7].

רבי יהודה הנשיא האָט אויסגערעכנט די אייגנשאַפטן פון די חכמים. וועגן רבי יוסי הגלילי האָט ער געזאָגט: ער ווייסט וואָס אויסצוקלויבן און גאַנץ באַשיידן, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן אין דער מידה פון די חכמים וואָס האָבן איבערגענומען פון באַרג סיני, און ער האָט דערמיט געלערנט אַלע חכמי ישראל.

*

פון אים שטאַמען די צוויי באַקאַנטע כללים, וואָס זענען אַזש געוואָרן פאָפולערע שפּריכווערטער:

שהיה רבי יוסי הגלילי אומר: העוסק במצוה — פטור מן המצוה[8].

*

רבי יוסי הגלילי אומר: אין זקן, אלא מי שקנה חכמה[9].

רבי יוסי הגלילי זאָגט אַז זקן מיינט מען דעם וואָס האָט דערוואָרבן חכמה.

6. ירושלמי ברכות, ח, ב; תענית, א, א.
7. אָבות דרבי נתן, נו״א, יח.
8. סוכה, כו, א.
9. קידושין, לב, ב. ספרא, קדושים, ז, יב.

וואָס לערנט רבי יוסי הגלילי

דאָס מין עבודה זרה איז אַ זייער האַרבער ענין, וואָס עס דריקט זיך אויס אין פיל, פיל, גאַנץ פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען. ווערט טאַקע אין דער תורה זייער פיל מאָל געוואָרנט אַז מען זאָל זיך פון איר דער־ווייטערן. איז גאַנץ פאַרשטענדלעך דער ווייטערדיקער מאמר:

רבי יוסי הגלילי אומר: הגיע תורה לסוף דעתה של עבודה זרה. לפיכך נתנה לך תורה ממשלה, שאפילו מעמיד לך חמה באמצע הרקיע, אל תשמע לו"[10].

רבי יוסי הגלילי זאָגט: די תורה איז אַריינגעדרינגען אין דעם עצם תוך פון עבודה זרה. דעריבער האָט זי דיר געגעבן די מעגלעכקייט, אַז אַפילו ער (דער אַגיטאַטער) זאָל אָפּשטעלן די זון אין מיטן הימל, זאָלסטו זיך צו אים נישט צוהערן!

*

אוי ווי האָט די עבודה זרה אַ כח! די זון שטעלט זי טאַקע נישט אָפּ, נאָר זי מאַכט נעבעך חרוב די וועלט עד היום הזה.

*

נאָך אַ מאמר וועגן עבודה זרה וואָס רעדט אויסדריקלעך וועגן אחינו בני ישראל:

„כי יסיתך אָחיך.. לאמר: נלכה ונעבדה אלהים אחרים"[11].
רבי יוסי הגלילי אומר: הרי זה דבר גנאי לישראל, שאומות העולם אין מניחים מה שמסרו להם אבותיהם, וישראל מניחים מה שמסרו להם אבותיהם והולכים ועובדים עבודה זרה"[12].

אין דער תורה איז געשריבן: „אַז דיין ברודער וועט דיך אָנרעדן:

10. סנהדרין, צ, א.
11. דברים, ראה, יג, ז.
12. ספרי, ראה, פז.

לאָמיר דינען פרעמדע געטער״. זאָגט רבי יוסי הגלילי: דאָס איז אַ חרפּה פאַר יידן, ווייל אַנדערע פעלקער פאַרלאָזן נישט דאָס וואָס זייערע עלטערן האָבן זיי איבערגעלאָזט, אָבער יידן זאָלן עס יאָ פאַרלאָזן, און גיין דינען עבודה זרה.

*

אויף אַ פּסוק אין דער תורה ביי יציאת מצרים: ׳משכו וקחו לכם צאן״[13]. זאָגט רבי יוסי הגלילי:

משכו ידיכם מעבודה זרה, והדבקו במצוה״[14].

לאָזט אָפּ די עבודה זרה, און באַהעפט זיך מיט דער מצוה!

*

בכלל איז רבי יוסי הגלילי געהאַט געווען אַ מקיל, ער האָט גע־ווענלעך פאַרלייכטערט ביי געוויסע איסורים. אַלס גלילי האָט ער, פאַר־שטייט זיך, געהאַלטן אַזוי ווי מען האָט זיך געהאַט געפירט אין גליל ביי בשר עוף בחלב״[15]. ער האָט אויך מתיר געווען חמץ בהנאה״[16]. ער איז געווען אַ מקיל פאַר אַנדערע, דאַקעגן אָבער פאַר זיך אַליין, איז ער יאָ געווען אַ מחמיר. אַט למשל, ווי ער האָט זיך געפירט לגבי זיין געוועזן ווייב:

רבי יוסי הגלילי האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב, וואָס ער איז פון איר פיל אויסגעשטאַנען. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט פון איר באַפרייען, ווייל עס איז איר געווען פאַרשריבן אין דער כּתובה אַ גרויסע סומע געלט, וואָס ער האָט נישט געהאַט איר אויסצוצאָלן. האָט זיך רבי אלעזר בן עזריה וועגן דעם דערוווּסט, ווי עס איז שוין אויבן געוואָרן גע־בּרענגט, און אים געגעבן די דאָזיקע סומע, אַז ער זאָל זיך פון איר באַפרייען. דער סוף איז געווען אַז זי האָט אָנגעווירן דאָס געלט, און דער צווייטער מאַן איז נעבעך געוואָרן בלינד. האָט רבי יוסי הגלילי זיי געגעבן אַ דירה, און זיי ביידע אויסגעהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן. ער

13. שמות, בא, יב, כא.
14. מכילתא בא, יא, 36; אין מכילתא דרשב״י זאָגט דאָס: רבי עקיבא.
15. משנה חולין, ח, ד; בבלי, קטז, א. מכילתא משפטים, כג, יט, 336.
16. פסחים, לב, ב.
17. ישעיהו, נח, ז

האָט געזאָגט: דאָס וואָס דער נביא זאָגט[17]: ומבשרך אַל תתעלם, „פון דיין אייגן פלייש זאָלסטו זיך נישט פאַרהוילן״, מיינט מען אויך אַ געוועזן ווייב[18].

רבי יוסי הגלילי איז, בכלל, געהאַט געוועזן זייער עמפּינדלעך פאַר די פליכטן פון מאַן צו דער פרוי[19].

דרשות פון רבי יוסי הגלילי

רבי יוסי הגלילי אומר: כשנכנסו ישראל לים... אָמר הקדוש ברוך הוא למשה: משה, בני נתונים בצרה, הים סוער ושונא רודף, ואתה עומד ומאריך בתפילה?![20]

רבי יוסי הגלילי זאָגט: ווען די יידן זענען אַריין אין ים אַריין, האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן: משה, מיינע קינדער זענען אין אַ צרה, דער ים שטורעמט און דער שונא יאָגט נאָך, שטייסטו גאָר און ביסט מאריך בתפילה?!

*

דרש רבי יוסי הגלילי: בשעה שעלו ישראל מן הים נתנו עיניהם לומר שירה. וכיצד אָמרו שירה? עולל מוטל על ברכי אמו ותינוק יונק משדי אמו — כיון שראו את השכינה — עולל הגביה צוארו, ותינוק שמט דד מפיו ואָמרו: „זה אלי ואַנוהו״, שנאמר[21]: „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז״[22].

רבי יוסי הגלילי האָט גע׳דרש׳נט: ווען די יידן זענען דאַמאָלט אַרויס פון ים, האָבן זיי זיך גענומען צו זאָגן שירה. און ווי אַזוי זיי האָבן געזאָגט שירה! אַ קינד וואָס איז געלעגן אויף די קניען פון דער מוטער, און אַ זויג־קינד וואָס האָט געזויגט פון דער מוטערס ברוסט — אַזוי ווי זיי האָבן געזען די שכינה — האָט דאָס קינד אויפגע־

18. ירושלמי כתובות, יא, ג.
19. בראשית רבה, כ, ז.
20. מכילתא בשלח, ג, 100.
21. שמות, בשלח, טו, ב. תהלים, ח, ג.
22. סוטה, ל, ב; ירושלמי, ה, ד.

הויבן דעם האַלדז, און דאָס זויג־קינד האָט אַרויסגעלאָזט די ברוסט פון מויל, און זיי האָבן געזאָגט: „דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען!", אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „פון די קינדע־רישע מיילעכלעך האָסטו באַפעסטיקט די מאַכט".

*

רבי יוסי הגלילי אומר: צדיקים — יצר טוב שופטם, שנאמר[23]: „ולבי חלל בקרבי". רשעים — יצר רע שופטם, שנאמר[24]: „נאום פשע לרשע בקרב לבי, אין פחד אלהים לנגד עיניו". בינונים — זה וזה שופטם, שנאמר[25]: „כי יעמוד לימין אביון, להושיע משופטי נפשו"[26].

רבי יוסי הגלילי זאָגט: ביי צדיקים איז דער יצר טוב זייער שופט, ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „מיין האַרץ איז אין מיר דערשלאָגן". ביי רשעים איז דער יצר הרע זייער שופט, ווי עס איז דאָרט געזאָגט: „די זינד רעדט צום רשע, קלער איך אין האַרצן, נישטאָ די מורא פאַר גאָט פאַר זיינע אויגן". ביי מיטלמעסיקע — זענען ביידע זיינע שופטים, ווי עס איז דאָרט געזאָגט: „ווייל ער שטייט ביי דער רעכטער האַנט פון באַדערפטיקן, צו העלפן אים פון זיינע שופטים".

*

רבי יוסי הגלילי אומר: גדול הוא השלום, שבשעה שמלך המשיח נגלה לישראל, אין פותח אלא בשלום, שנאמר[27]: „מה נאוו על ההרים רגלי מבשר, משמיע שלום"[28].

רבי יוסי הגלילי זאָגט: ווי וויכטיק איז שלום, אַז ווען דער מלך המשיח באַווייזט זיך פאַר יידן, הייבט ער אָן מיט שלום, אַזוי

23. תהלים, קט, כב.
24. דאָרט, לו, ב.
25. דאָרט, קט, לא.
26. ברכות, סא, ב.
27. ישעיהו, נב, ז.
28. מסכת דרך ארץ זוטא, פרק השלום.

ווי דער נביא זאָגט: „ווי שיין זענען אויף די בערג די פיס פון דעם אַנזאָגער וואָס לאָזט הערן שלום!".

*

רבי יוסי הגלילי אומר: אַף שמו של משיח נקרא שלום, שנאמר[29]: „אבי עד שר שלום".

רבי יוסי הגלילי זאָגט: אויך דער נאָמען פון משיח איז שלום, אַזוי ווי דער נביא זאָגט אַז משיח איז דער שר שלום.

רבי יוסי הגלילי און רבי עקיבא

עס זענען שטענדיק געווען גאָר פריינדלעכע באַציאונגען צווישן רבי יוסי הגלילי און רבי עקיבא, הגם עס זענען אָפט פאָרגעקומען צווישן זיי פלוגתות, ווי עס זענען געקומען צום אויסדרוק זייערע מיינונגס־פאַרשידנקייטן[30]. טייל מאָל האָט רבי יוסי הגלילי זיך אויסגעדריקט גאַנץ שאַרף לגבי רבי עקיבא[31]. יעדנפאַלס האָט רבי עקיבא אים זייער מכבד געווען[32]. דאָ ווערן געברענגט צוויי פלוגתות צווישן זיי:

„מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו, ולא ימס את לבב אחיו כלבבו"[33]. רבי עקיבא אומר: „הירא ורך הלבב" כמשמעו, שאינו יכול לעמוד בקשרי מלחמה ולראות חרב שלופה. רבי יוסי הגלילי אומר: „הירא ורך הלבב", זהו המתירא מן העברות שבידו[34].

אין דער תורה איז געשריבן אַז איידער מען גייט אין מלחמה זאָלן די אויפזעער זאָגן צום פאָלק: מי האיש הירא ורך הלבב, „ווער עס איז שרעקעוודיק און ווייכהאַרציק, זאָל גיין און זיך אומקערן אַהיים און

---

29. ישעיהו, ט, ה.
30. משנה סמהדרין, י, ו; מכות, ב, ז; חולין, ח, ד. ספרא קדושים, ז, ט, ב. תוספתא, סוף מקואות, ספרי ראה, פד; חקת, קכד, חולין, קטז, א. און אַנדערע.
31. ספרא צו, ג, ח; אמור, ז. תוספתא שקלים, א, ז, 174. זבחים, פב, א.
32. משנה עבודה זרה, ג, ה. תוספתא, סוף מקואות.
33. דברים, שופטים, כ. ח.
34. משנה סוטה, ח, ה; תוספתא, ז, כב, 309.

זאָל נישט מאַכן צעגיין דאָס האַרץ פון זיינע ברידער אַזוי ווי זיין האַרץ". זאָגט רבי עקיבא: דאָס מיינט מען פשוט, אַז ער קאָן נישט שטיין אין קאַמף און זען אַן אויסגעשטרעקטע שווערד. רבי יוסף הגלילי זאָגט: דאָס מיינט מען דעם וואָס שרעקט זיך צוליב זיינע באַגאַנגענע זינד.

*

„למה תרצדון הרים גבנונים, ההר חמד אלהים לשבתו"[35]. רבי יוסי הגלילי ורבי עקיבא. רבי יוסי הגלילי פתר קרא בהרים: בשעה שבא הקדוש ברוך הוא ליתן תורה בסיני, היו ההרים רצים ומדיינים אלו עם אלו. זה אומר: עלי התורה ניתנת, וזה אומר: עלי התורה ניתנת. תבור בא מבית אלים, וכרמל מאַספמיא, הדא היא דכתיב[36]: „חי אָני, נאום המלך ה' צבאות שמו, כי כתבור בהרים, וככרמל בים יבוא". זה אומר: אני נקראתי, וזה אומר: אני נקראתי. אָמר הקדוש ברוך הוא: „למה תרצדון הרים גבנונים?", כולכם הרים אלא כולכם גבנונים, היך מה דאמור[37]: „או גבן או דק", כולכם נעשה עבודה זרה על ראשיכם; אבל סיני, שלא נעשה עבודה זרה עליו — „ההר חמד אלהים לשבתו".

רבי עקיבא פתר קרא בשבטים: בשעה שאָמר שלמה לבנות בית המקדש, היו השבטים רצים ומדיינים אלו עם אלו, זה אומר: בתחומי יבנה, וזה אומר: בתחומי יבנה. אָמר להם הקדוש ברוך הוא: שבטים, למה תרצדון? כולכם שבטים, כולכם צדיקים, אלא גבנונים. מהו גבנונים? גנבים. כולכם הייתם שותפין במכירתו של יוסף, אבל בנימין שלא נשתתף במכירתו של יוסף, „ההר חמד אלוהים לשבתו"[38].

„וואָס קרימט איר זיך, פילשפיציקע בערג? דער באַרג וואָס גאָט האָט אויסגעוויילט פאַר זיין וווינונג". וועגן דאָזיקן פסוק אין

---

35. תהלים, סח, יז.
36. ירמיהו, מו, יח.
37. ויקרא, אמור, כא, כ.
38. בראשית רבה, ויחי, צט, א.

תהלים איז אַ פּלוגתא צווישן רבי יוסי הגלילי און רבי עקיבא. רבי יוסי הגלילי האָט אים באַשיידט וועגן בערג: ווען הקדוש ברוך הוא איז געגאַנגען געבן די תורה אין סיני, האָבן די בערג זיך געאַמפּערט צווישן זיך: דער זאָגט: אויף מיר זאָל ווערן געגעבן די תורה, און דער זאָגט: אויף מיר זאָל ווערן געגעבן די תורה. דער באַרג תבור איז געווען פון בית אלים, און דער כרמל — פון אַספּמיא, אַזוי ווי עס איז געשריבן: „אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט, אַז ווי תבור צווישן די בערג, און ווי כרמל ביים ים, וועט ער קומען". דער זאָגט: איך בין געוואָרן גערופן, און דער זאָגט: איך בין געוואָרן גערופן. האָט הקדוש ברוך הוא געזאָגט: איר אַלע זענט בערג, אָבער איר אַלע זענט הויקערדיק, אויף אייך אַלע איז שוין געוואָרן געדינט עבודה זרה; אָבער דער סיני, וואָס אויף אים איז נישט געוואָרן געדינט קיין עבודה זרה — איז „דער באַרג וואָס גאָט האָט אויסגעוויילט פאַר זיין וווינונג".

רבי עקיבא האָט באַשיידט דעם דאָזיקן פּסוק וועגן די שבטים: ווען שלמה האָט געקלערט צו בויען דאָס בית המקדש, האָבן די שבטים זיך געאַמפּערט צווישן זיך: דער זאָגט: אין מיין תחום זאָל עס ווערן געבויט, און דער זאָגט: אין מיין תחום זאָל עס ווערן געבויט. האָט הקדוש ברוך הוא צו זיי געזאָגט: שבטים, וואָס אַמפּערט איר זיך? איר אַלע זענט שבטים, איר אַלע זענט צדיקים, אָבער איר זענט דאָך גנבים („גבנונים" טייטשט ער: גנבים). פאַרוואָס? ווייל איר אַלע זענט געווען שותפים ביים פאַרקויפן יוסף'ן; אָבער בנימין, וואָס האָט זיך דאָרטן נישט באַטייליקט — איז „דער באַרג וואָס גאָט האָט אויסגעוויילט פאַר זיין וווינונג".

* * *

רבי יוחנן בן נורי

צווישן די חכמי יבנה האָט זיך געפונען אַ באַזונדער אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט מיטן נאָמען: רבי יוחנן בן נורי. קודם כל האָט ער זיך אויסגעצייכנט פון אַנדערע דערמיט וואָס ער איז נעבעך געווען אַן אָרעמאַן. אַזאַ אָרעמאַן וואָס האָט זיך מפרנס געווען פון לקט, פון דעם וואָס די אָרעמעלייט האָבן געפלעגט צונויפקלייבן די זאַנגען אין פעלד נאָכן שניט. אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט שאָדן ברענגען אַנדערע אָרעמעלייט, איז ער אַרויסגעגאַנגען קלויבן די זאַנגען ערשט נאָכדעם ווי אַנדערע האָבן שוין געהאַט געקליבן. דאָס הייסט אַז ער האָט זיך באַטייליקט נאָר אין דער צווייטער רונדע. ווערט צוגעגעבן אַז דאָס איז געווען די קוועלע צו לעבן דערפון אַ גאַנץ יאָר:

רבי יוחנן בן נורי היה יוצא עם הנמושות ומביא פרנסתו על כל השנה[1].

*

זיין עקאָנאָמישע לאַגע האָט נישט געשטערט זיין אָנזען און זיין ווירקונג צווישן די חכמים. עס ווערט דערציילט אַז רבן גמליאל האָט אים געהאַט באַשטימט, צוזאַמען מיט זיין חבר רבי אלעזר בן חסמא אויף אַ העכערער שטעלע אין דער ישיבה, אָבער צוליב זייער באַשיידנקייט, האָבן זיי עס נישט געוואָלט אָננעמען, ביז רבן גמליאל האָט זיי אויפגעוויזן, אַז זיי טאָרן זיך נישט אָפּזאָגן דערפון[2].

עס ווערט אויך דערציילט, ווי עס איז שוין געוואָרן געבערענגט אינעם ערשטן טייל, ווי ער האָט אַמאָל קאַטעגאָריש אַרויסגעטרעטן קעגן דעם באַרימטן תנא פונעם פריערדיקן דור, רבי יהושע בן חנניה:

לאחר פטירתו של רבן גמליאל נכנס רבי יהושע להפר את דבריו. עמד רבי יוחנן בן נורי על רגליו ואמר: חזי אנא

---

1. ירושלמי פאה, ח, א.
2. ספרי דברים, טז.

דבתר רישא גופה אָזיל, כל ימיו של רבן גמליאל קבענו הלכה כמותו, עכשיו אַתה מבקש לבטל דבריו?! יהושע, אין שומעין לך, שכבר נקבעה הלכה כרבן גמליאל, ולא היה אָדם שערער בדבר כלום[3].

נאָך דער פטירה פון רבן גמליאל איז רבי יהושע אַריינגעגאַנגען אין אַפּוּוענדן, האָט זיך אויפגעשטעלט רבי יוחנן בן נורי און געזאָגט: איך פאַרשטיי אַז דער קערפּער פאָלגט נאָך דעם קאָפּ; ווען רבן גמליאל האָט געלעבט האָט מען לויט אים פעסטגעשטעלט די הלכה, ווילסטו יעצט דאָס אָפּוּוענדן?! יהושע, מיר וועלן דיך נישט פאָלגן. עס איז שוין געהאַט געוואָרן פעסטגעשטעלט די הלכה ווי רבן גמליאל און קיינער איז נישט געווען דאַקעגן.

*

ער איז אָפט זיך מתווכח מיט רבי עקיבא, און מאַנכעס מאָל גאָר שאַרף:

...והתיר רבי עקיבא, ואָסר רבי יוחנן בן נורי. אָמר לו רבי עקיבא לרבי יוחנן בן נורי: עד מתי אַתה מכלה ממונן של ישראל? אָמר לו רבי יוחנן בן נורי לרבי עקיבא: עד מתי אַתה מאכיל לישראל נבלות?[4]

ביי אַ געוויסן דין איז געווען אַ פּלוגתא צווישן רבי יוחנן בן נורי און רבי עקיבא ווי רבי יוחנן בן נורי איז געווען דער מחמיר. זאָגט צו אים רבי עקיבא: ווי לאַנג וועסטו אויסברענגען יידיש געלט? זאָגט צו אים רבי יוחנן בן נורי: ווי לאַנג וועסטו מאַכן יידן עסן נבלות? (טרפות).

וואָס לערנט רבי יוחנן בן נורי

רבי יוחנן בן נורי האָט זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיט הלכה. עס זענען פון אים געבליבן הלכות אין דער משנה, און נאָך מער אין דער

3. עירובין, מא, א. תוספתא תענית, ב, 217.
4. בכורות, מ, א.

תוספתא, און אויך פיל פון זיי וואָס ווערן געברענגט אין דער גמרא. ווען רבי יהודה הנשיא, דער מסדר המשנה, האָט כאַראַקטעריזירט די חכמים, האָט ער באַצייכנט רבי יוחנן בן נורי אַלס אַן אוצר פון הלכות[5]. עס איז אָבער פון אים געבליבן זייער ווייניק אין אַגדה.

*

רבי שמעון בן אלעזר אומר משום חילפא בר אגרא שאָמר משום רבי יוחנן בן נורי: המקרע בגדיו בחמתו, והמשבר כליו בחמתו, והמפזר מעותיו בחמתו — יהא בעיניך כעובד עבודה זרה[6].

מען האָט נאָך געזאָגט אינעם נאָמען פון רבי יוחנן בן נורי: דער וואָס אין כעס צערייסט זיינע קליידער, אָדער צעברעכט זיין געפעס, אָדער צעוואַרפט זיין געלט — זאָל ער זיין אין דיינע אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט געדינט די עבודה זרה.

*

אַ מאמר וועגן דער ווערט פון דער פרוי:

אָמר רבי יוחנן בן נורי: אַתה מוצא: עד שלא נבראָה האשה, כתיב[7]: „לא טוב היום האָדם לבדו"; אבל משנבראָה, כתיב: „וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד"[8].

רבי יוחנן בן נורי זאָגט: דו געפינסט אַז איידער די פרוי איז באַשאַפן געוואָרן, איז געשריבן: „עס איז נישט גוט אַז דער מענטש זאָל זיין אַליין", אָבער נאָך דעם ווי זי איז באַשאַפן געוואָרן, איז געשריבן: „און גאָט האָט געזען אַז אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, איז עס זייער גוט".

*

5. אָבות דרבי נתן, נו"א, יח.
6. שבת, קה, ב. תוספתא בבא קמא, ט, 366.
7. אָנפאַנג בראשית.
8. ילקוט שמעוני, משלי, 957.

הגם רבי יוחנן בן נורי איז געהאַט געווען אַן אָרעמאַן, זעט מען אים אויך געמיטלעך:

אָמר רבי: פעם אַחת היינו באין, אני ורבי אלעזר ברבי צדוק, אצל רבי יוחנן בן נורי בבית שערים, והיינו אוכלין תאנים וענבים חוץ לסוכה[9].

רבי גיט איבער: אַמאָל זענען מיר, איך און רבי אלעזר ברבי צדוק, געהאַט געווען ביי רבי יוחנן בן נורי אין בית שערים, האָבן מיר געגעסן פייגן און ווינטרויבן חוץ לסוכה.

*

רבי יוחנן בן נורי האָט זיך אידענטיפיצירט מיט יראת שמים:

הרואה רבי יוחנן בן נורי בחלום — יצפה ליראַת חטא[10].

אַז מען זעט רבי יוחנן בן נורי אין חלום, איז עס אַ גוטער סימן אויף יראת שמים.

**
*

---

9. תוספתא סוכה, ב, 193.
10. אָבות דרבי נתן, נו"א, מ.

רבי חנינא בן תרדיון
רבי יוסי בן קיסמא
רבי יוחנן בן תורתא
פּאַפּוס און יוליאַנוס

רבי חנינא בן תרדיון

אין יענעם גרויסן דור, ווען יידן האָבן זיך אַזוי מוסר נפש געווען פאַר תורה און, בכלל, פאַר יידישקייט, און ביי די גרויזאַמסטע אומשטענדן זענען זיי גערנווילליק געגאַנגען אויף קידוש השם; אפילו דאַמאָלט ציי־כענען זיך באַזונדער אויס: רבי יהודה בן בבא און אַזוי אויך זיין חבר, רבי חנינא (חנניה) בן תרדיון מיט זייערן אַזוי אויסערגעווענלעך־טראַגישן אומקומען אויף קידוש השם.

לאָמיר קודם כל לערנען ביי רבי חנינא בן תרדיון די משנה אין אָבות וועגן תורה:

> רבי חנניה בן תרדיון אומר: שנים שיושבין ואין ביניהן דברי תורה, הרי זה מושב לצים, שנאמר[1]: „ובמושב לצים לא ישב, כי אם בתורת ה׳ חפצו". אבל שנים שיושבין ויש ביניהם דברי תורה, שכינה ביניהם, שנאמר[2]: „אָז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו, ויקשב ה׳ וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו, ליראי ה׳ ולחושבי שמו". אין לי אלא שנים, מניין שאפילו אחד שיושב ועוסק בתורה, שהקדוש ברוך הוא קובע לו שכר? שנאמר[3]: „ישב בדד וידום כי נטל עליו"[4].

רבי חנניה בן תרדיון זאָגט: צוויי מענטשן זיצן און עס איז צווישן זיי נישטאָ קיין דברי תורה, איז עס אַ מושב לצים, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „אין קיין מושב לצים איז ער נישט געזעסן, נאָר צו דער תורה פון גאָט איז זיין באַגער". אָבער אַז צוויי מענטשן זיצן און זענען יאָ עוסק אין דברי תורה — איז די שכינה צווישן זיי, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „דענסמאָל האָבן די גאָטספאָרכטיקע גערעדט איינער צום אַנדערן, און גאָט האָט פאַרנומען און צוגעהערט, און אַ

1. תהלים, א, א—ב.
2. מלאכי, ג, טז.
3. איכה, ג, כח.
4. משנה אָבות, ג, ב.

ספר זכרון איז אָנגעשריבן געוואָרן ביי אים פאַר די וואָס פאָרכטן גאָט און טראַכטן אָן זיין נאָמען". דאָס איז ביי צוויי, פון וואַנען איז אָבער געדרינגען אַז אפילו איינער אַליין וואָס איז עוסק בתורה, באַשטימט אים דער רבונו של עולם זיין שכר? ווייל עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ער זאָל זיצן און זיין רואיק, וואָס מען האָט אויף אים אַרויפ־געלייגט".

אויפגעגאַנגען אין פלאַמען

כשחלה רבי יוסי בן קיסמא, הלך רבי חנינא בן תרדיון לבקרו. אָמר לו: חנינא אָחי, אי אַתה יודע שאומה זו מן השמים המליכוה; שהחריבה את ביתו, ושרפה את היכלו, והרגה את חסידיו, ואבדה את טוביו — ועדיין היא קיימת. ואני שמעתי עליך, שאַתה יושב ועוסק בתורה, ומקהיל קהילות ברבים, וספר תורה מונח לך בחיקך! אָמר לו: מן השמים ירחמו! אָמר לו: אני אומר לך דברים של טעם, ואַתה אומר לי: מן השמים ירחמו?! תמה אני אם לא ישרפו אותך ואת ספר תורה באש!

אָמרו: לא היו ימים מועטים עד שנפטר רבי יוסי בן קיסמא, והלכו כל גדולי רומי לקברו, והספידוהו הספד גדול. ובחזרתן מצאוהו לרבי חנינא בן תרדיון, שהיה יושב ועוסק בתורה, ומקהיל קהילות ברבים, וספר תורה מונח לו בחיקו. הביאוהו וכרכוהו בספר תורה, והקיפוהו בחבילי זמורות, והציתו בהן את האור, והביאו ספוגין של צמר ושראום במים והניחו על לבו, כדי שלא תצא נשמתו מהרה. אָמרו לו תלמידיו: רבי, מה אַתה רואה? אָמר להן: גווילין נשרפין ואותיות פורחות[1].

ווען רבי יוסי בן קיסמא איז קראַנק געוואָרן איז רבי חנינא בן תרדיון אים געגאַנגען מבקר חולה זיין. האָט ער אים געזאָגט: מיין ברודער חנינא, ווייסטו דען נישט אַז עס איז אַ גזירה פון הימל אַז די דאָזיקע אומה זאָל קיניגן? זי האָט חרוב געמאַכט זיין הויז און פאַר־

1. עבודה זרה, יח, א.

ברענט זיין היכל און האָט אויסגעגאָסן הרג״עט זיינע אויסדערוויילטע און אומגעברענגט זיינע בעסטע; און זי עגזיסטירט נאָך! האָב איך געהערט וועגן דיר, אַז דו זיצסט און ביזט עוסק אין דער תורה, און דו מאַכסט עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, און די ספר תורה ליגט אין דיין שויס! זאָגט אים רבי חנינא בן תרדיון: פון הימל וועט מען זיך מרחם זיין! זאָגט אים רבי יוסי בן קיסמא: איך רעד צו דיר לאָגישע רייד, און דו ענטפערסט מיר: פון הימל וועט מען זיך מרחם זיין?! איך האָב שטאַרק מורא אַז זיי זאָלן נישט דיך צוזאַמען מיט דער ספר תורה פאַר־ברענען אין פייער!

האָט מען דערציילט אַז קוים אַ פּאָר טעג דערנאָך, איז רבי יוסי בן קיסמא נפטר געוואָרן, און אַלע רוימישע גרויסע לייט האָבן אים באַגלייט און האָבן אים שטאַרק באַוויינט. צוריקגייענדיק, האָבן זיי גע־טראָפן רבי חנינא בן תרדיון, ווי ער זיצט און איז עוסק אין דער תורה עפנטלעך, און די ספר תורה ליגט אין זיין שויס. האָבן זיי אים גע־נומען און איינגעוויקלט אין דער ספר תורה, און אים אַרומגעלייגט בינטלעך צווייגן, און אָנגעצונדן דערמיט דאָס פייער. זיי האָבן אויך געלייגט אויפן האַרץ נאַסע וואָלענע שוואַמען אַז ער זאָל נישט שנעל שטאַרבן.

האָבן זיינע תלמידים אים געפרעגט: רבי, וואָס זעסטו? האָט ער זיי געענטפערט: די פּאַרמעטן ברענען אָבער די אותיות פליען...

*

וועגן רבי יהודה בן בבא ווערט געברענגט צום סוף.

***

רבי יוסי בן קיסמא

האָט רבי יוסי בן קיסמא געהערט צווישן די מעסיקע חכמים. ער האָט געהאַלטן אַז מען טאָר נישט צופּיל אַרויסווייזן די שנאה צו די רוי־מישע אָקופּאַנטן, און איז אַוודאַי געווען קעגן אַן אויפשטאַנד און פירן מלחמה מיט די רוימער.

פון זיין צוואה צו זיינע תלמידים זעט מען אַז ער האָט געהאַט געהאָפט אַז פּאַרטע וועט מלחמה האַלטן מיט די רוימער, און וועט אַרויסראַטעווען ארץ ישראל פון זייערע הענט[1].

עס איז ווייניק פון אים געבליבן. זאָל מען לערנען זיינס אַ מאמר אין דעם שפּעטערדיקן טייל פון מסכת אָבות:

אָמר רבי יוסי בן קיסמא: פעם אַחת הייתי מהלך בדרך, ופגע בי אָדם אחד, ונתן לי שלום והחזרתי לו שלום. אָמר לי: רבי, מאיזה מקום אַתה? אָמרתי לו: מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אָני. אָמר לי: רבי, רצונך שתדור עמנו במקומנו? ואני אתן לך אלף אלפים דינרי זהב ואבנים טובות ומרגליות. אָמרתי לו: בני, אם אַתה נותן לי כל כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות שבעולם, איני דר אלא במקום תורה, לפי שבשעת פטירתו של אָדם, אין מלוין לו לאָדם, לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד, שנאמר[2]: „בהתהלכך תנחה אותך, בשכבך תשמור עליך, והקיצות היא תשיחך”. „בהתהלכך תנחה אותך” — בעולם הזה. „בשכבך תשמור עליך” — בקבר. „והקיצות היא תשיחך” — לעולם הבא. וכן כתוב בספר תהלים על ידי דוד מלך ישראל[3]: „טוב לי תורת פיך מאַלפי זהב וכסף”. ואומר[4]: „לי הכסף ולי הזהב, אָמר ה׳ צבאות”[5].

---

1. סנהדרין, צח, א.
2. משלי, ו, כב.
3. תהלים, קיט, עב.
4. חגי, ב, ח.
5. אָבות, ו, ט.

רבי יוסי בן קיסמא האָט געזאָגט: אַמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג און איך האָב געטראָפן אַ מענטש. האָט ער מיך באַגריסט און איך האָב אים געענטפערט. האָט ער מיך געפרעגט: רבי, פון וואַנען ביסטו? האָב איך אים געענטפערט: איך בין פון אַ גרויסער שטאָט מיט חכמים און שרייבער. האָט ער מיך געפרעגט: רבי, אפשר וואָלסטו געוואָלט וווינען ביי אונז, און איך וועל דיר געבן טויזנטער גאָלדענע רענדלעך און טייערע שטיינער און פערל? האָב איך אים געזאָגט: מיין קינד, אפילו דו וואָלסט מיר געגעבן דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד און טייערע שטיינער און פערל פון דער גאַנצער וועלט, וועל איך אין ערגעץ נישט וווינען נאָר אין אַ מקום תורה. ווייל ווען דער מענטש שטאַרבט, באַגלייטן אים נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין טייערע שטיינער און פערל. אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: „ווען דו וועסט גיין וועט עס דיך פירן, ווען דו וועסט ליגן וועט עס דיך היטן, און ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן וועט עס רעדן צו דיר". „ווען דו וועסט גיין וועט עס דיך פירן" — מיינט מען אויף דער וועלט. „ווען דו וועסט ליגן וועט עס דיך היטן" — מיינט מען אין קבר. „און ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן וועט עס רעדן צו דיר" — מיינט מען לעולם הבא. און אַזוי איז אויך געשריבן אין תהלים דורך דוד מלך ישראל: „מיר איז בעסער די תורה פון דיין מויל איידער טויזנטער גאָלד און זילבער". און דער נביא זאָגט: „צו מיר געהערט דאָס זילבער און צו מיר געהערט דאָס גאָלד, זאָגט גאָט".

***

רבי יוחנן בן תורתא

ווי עס זעט זיך אויס, איז די מערהייט פון די חכמי ישראל אין יענער צייט געהאַט געוועזן געשטימט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דער רוימישער אָקופּאַציע און נישט פאָלגן אירע אויסטערלישע פאַראָרדענונ־גען. עס איז אָבער צו פאַרשטיין אַז עס האָבן זיך אויך אַוודאי געמוזט געפונען צווישן די חכמים אויך אַזעלכע וואָס זענען געהאַט געווען קעגן דעם, און האָבן געהאַלטן פאַר אויסזיכטסלאָז דאָס שטעלן בכלל אַ ווי־דערשטאַנד אַזאַ שטאַרקער מאַכט ווי די דאַמאָלטיקע רוימישע אימפּעריע. דאָך איז אונז זייער ווייניק באַקאַנט אַזעלכע, אויסער רבי יוסי בן קיסמא, וואָס איז דאָ אויבן געוואָרן געברענגט, און אויך רבי יוחנן בן תורתא, וואָס איז אונז באַקאַנט מיט זיין שטרענגען רעאַגירן קעגן רבי עקיבא׳ס שטעלונג לגבי בר כוכבא, ווי עס ווערט ווייטער געברענגט.

פון דעם אַרט רעאַגירן גאָר שאַרף קעגן רבי עקיבא, איז געדרינגען אַז רבי יוחנן בן תורתא האָט געמוזט זיין זייער אָנגעזען צווישן די חכמים, אַז ער זאָל זיך אַזעלכעס קאָנען דערלויבן. עס איז אָבער פון אים זייער ווייניק געבליבן, נישט אין הלכה און נישט אין אַגדה. דאָ ווייטער ווערט געברענגט פון אים אַ זייער מערקווירדיקער און גאָר באַלערנדיקער מאמר, וואָס געפינט זיך, אגב, אי אין דער תוספתא, אי אין תלמוד ירושלמי און, אין אַ ברייטערן פאָרם, אויך אין תלמוד בבלי:

> אָמר רבי יוחנן בן תורתא: מפני מה הרבה שילה? מפני בזיון קדשים שבתוכה. ירושלים בנין הראשון מפני מה חרבה? מפני עבודה זרה וגלוי עריות ושפיכת דמים שהיה בתוכו. אבל באחרונה, מכירין אָנו בהן, שהן עמלין בתורה וזהירין במעשרות, מפני מה גלו? מפני שאוהבין את הממון, ושונאין איש את רעהו. ללמדך שקשה שנאת איש את רעהו לפני המקום, ושקלה הכתוב כנגד עבודה זרה וגלוי עריות ושפיכות דמים[1].

1. תוספתא, סוף מנחות. ירושלמי יומא, א; בבלי, ט, א.

רבי יוחנן בן תורתא האָט געזאָגט: פאַרוואָס איז חרוב געוואָרן שילה? ווייל זיי האָבן דאָרטן פאַרשעמט די הייליקייטן. דאָס ערשטע בית המקדש אין ירושלים פאַרוואָס איז חרוב געוואָרן? ווייל עס איז דאָרטן געווען עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכות דמים. אָבער לעצטנס (ביים צווייטן חורבן בית המקדש), וואָס מיר ווייסן אַז זיי האָבן זיך געמיט אין דער תורה, און זענען געווען אָפּגעהיט אין מעשרות, פאַר־וואָס זענען זיי געוואָרן פאַרטריבן? ווייל זיי האָבן ליב געהאַט געלט, און האָבן פיינט געהאַט איינער דעם אַנדערן. זאָל דאָס דיך לערנען, ווי שווער עס איז ביי גאָט דאָס פיינט האָבן יענעם, וואָס לויט עס איז גע־שריבן, איז עס אַזוי ווי די אַלע דריי אויבן אויסגערעכנטע עברות.

*

אגב איז דאָ צו באַמערקן אַז די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן: דאָס ליב האָבן געלט און דאָס פיינט האָבן מענטשן, האָבן עפּעס אַ שייכות איינס צום אַנדערן: אַז מען האָט צופיל ליב געלט, האָט מען אויך, ממילא, נישט ליב קיין מענטשן.

**

פּאַפּוס און לוליאַנוס

די דאָזיקע צוויי ברידער, פּאַפּוס און לוליאַנוס, האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט זייער איבערגעגעבנקייט לטובת דעם יידישן פאָלק און מיט זייער מוט און העלדישקייט קעגן דער רוימישער אָקופּאַציע.

„ושברתי את גאון עוזכם"[1], זה בית המקדש, וכן הוא אומר[2]: „הנני מחלל את מקדשי גאון עוזכם". רבי עקיבא אומר: „ושברתי את גאון עוזכם", אלו הגבורים בישראל, כגון יואָב בן צרויה וחבריו. אחרים אומרים: „ושברתי גאון עוזכם", אלו הגיאים, שהם גאונם של ישראל, כגון: פפוס בן יהודה ולולינוס אַלכסנדרי וחבריו[3].

„און איך וועל צעברעכן אייער שטאָלצער מאַכט", מיינט מען דאָס בית המקדש, אַזוי ווי יחזקאל הנביא זאָגט אין נאָמען פון גאָט וועגן בית המקדש: „זע, איך פאַרשוועך מיין הייליקטום, דער שטאָלץ פון אייער מאַכט". רבי עקיבא זאָגט: דאָס מיינט מען די יידישע גבורים ווי יואָב בן צרויה און זיינס גלייכן. אַנדערע זאָגן: דאָס מיינט מען די גרויסע לייט, דער שטאָלץ פון יידישן פאָלק, ווי למשל: פּאַפּוס בן יהודה און לוליאַנוס פון אַלכסנדריא און זיינע חברים.

*

וכשתפס טריינוס את פפוס ואת לוליינוס אָחיו בלודקיא, אָמר להם: אין אַתם מעמן של חנניה מישאל ועזריה, יבוא אלהיכם ויציל אתכם מידי. אָמרו לו: חנניה מישאל ועזריה כשרים היו, ונבוכדנצר היה הגון שיעשה נס על ידו; אבל אַתה, (מלך) רשע אַתה, ואין אַתה הגון שיעשה נס על ידך[4]

1. ויקרא, בחוקותי, כו, יט.
2. יחזקאל, כד, כא.
3. ספרא בחוקותיו, ב, ה.
4. ספרא אמור, ח. ט, ה. תענית, יח, ב. לויט דקדוקי סופרים.

ווען טריאַנוס[5] האָט פאַרכאַפּט די צוויי ברידער פּאַפּוס און לוליאַנוס אין לודקיא, האָט ער צו זיי געזאָגט: אויב איר זענט פונעם פאָלק פון חנניה מישאל ועזריה, טאָ זאָל גאָט אייך אַרויסראַטעווען פון מיינע הענט. האָבן זיי אים געזאָגט: חנניה מישאל און עזריה זענען געווען צדיקים, און נבוכדנצר איז געהאַט געווען גענוג אַנשטענדיק אַז עס זאָל ביי אים געשען אַ נס; אָבער דו ביסט אַ רשע און דו ביסט נישט ווערט אַז עס זאָל ביי דיר געשען אַ נס.

*

שפּעטער, אין די ערשטע יאָרן פון קיסר אַדריאַנוס, ווען ער האָט געזאָלט דערלויבן צוריק אויפצושטעלן דאָס בית המדרש, זאָלן דאַמאָלט די דאָזיקע צוויי ברידער, פּאַפּוס און לוליאַנוס, געווען טעטיק צו ברענגען הילף די יידן וואָס זענען זיך דאַמאָלט צוזאַמענגעקומען[6].

*

די דאָזיקע צוויי איידעלע ברידער זענען אומגעקומען אויף קידוש השם. וועגן פּאַפּוס'ן ווערט ווייטער געברענגט ווי ער האָט זיך געטראָפן אין דער תפיסה מיט רבי עקיבא'ן, און דער שמועס צווישן זיי[7].

***

---

5 אייגנטלעך: דער מיליטערישער קאָמענדאַנט אין ארץ ישראל: קיעטוס, וואָס איז דערנאָך געוואָרן אומגעברענגט דורך דעם קיסר אַדריאַנוס.

6. בראשית רבה, תולדות, סד, י.

7. ברכות, סא, ב.

רבי אלעזר בן פּרטא
און
רבי חנניה בן חכינאי

רבי אלעזר בן פרטא

פון רבי אלעזר בן פרטא איז דאָ אַ מאמר אין דער משנה[1]. און מע־רערע מאמרים אין דער תוספתא, אין תלמוד און אין די מדרשים. דברי הלכה און דברי אַגדה.

לאָמיר ביי אים לערנען ווי האַרב עס איז די עבירה פון לשון הרע:

רבי אלעזר בן פרטא אומר: הרי הוא אומר[2]: „וימותו האנשים מוציאי דבת האָרץ רעה". על מה הוציאו שם רע? על עצים ועל אבנים. והלא דברים קל וחומר: ומה אם אלו שלא הוציאו שם רע אלא על עצים ועל אבנים, נענשו, ולא עונש מועט אלא עונש מרובה, ולא עונש לשעה אלא עונש לדורות — המוציא שם רע על חברו כיוצא בו, על אחת כמה וכמה[3].

רבי אלעזר בן פרטא זאָגט: עס איז געזאָגט אין דער תורה (וועגן די מרגלים): „די מענטשן וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שם רע אויפן לאַנד זענען געשטאָרבן". אויף וואָס האָבן זיי, אייגנטלעך, אַרויסגעלאָזט אַ שם רע? אויףביימער און אויף שטיינער. טאָ, אויב זיי וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שם רע נאָר אויף ביימער און אויף שטיינער, זענען גע־וואָרן אַזוי שווער באַשטראָפט אויף אייביק — טאָ ערשט, אַז איינער לאָזט אַרויס אַ שם רע אויף אַ מענטשן, זיינס גלייכן.

*

אַ מאמר וועגן שבת:

רבי אלעזר בן פרטא אומר: כל המשמר את השבת, כאילו

1. משנה גיטין, ג, ד.
2. במדבר, שלח, יד, לז.
3. תוספתא ערכין, ב, יא, 545; בבלי, טו, א.

עשה השבת, שנאמר[4]: „ושמרו בני ישראל את השבת, לעשות את השבת"[5].

רבי אלעזר בן פרטא זאָגט: דער וואָס היט שבת, איז אַזוי ווי ער וואָלט געמאַכט דעם שבת, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „די בני ישראל זאָלן היטן שבת, צו מאַכן שבת".

*

מעשה שבאו לגדולי ציפורי כתבים רעים מן המלכות. הלכו ואָמרו לרבי אלעזר בן פרטא: רבי, כתבים רעים באו לנו מן המלכות, מה אַתה אומר, נברח? והיה מתירא לומר להם: ברחו, ואָמר להם ברמז: ולי אַתם שואלים? לכו ושאלו את יעקב, ואת משה, ואת דוד; מה כתיב ביעקב[6]: „ויברח יעקב", וכן במשה[7]: „ויברח משה", וכן בדוד[8]: „וילך ויברח וימלט"[9].

אַ מעשה, צו די גרויסע לייט פון דער שטאָט ציפורי זענען אָנגעקומען שלעכטע שריפטן פון דער רעגירונג. זענען זיי געקומען צו רבי אלעזר בן פרטא און אים געזאָגט: רבי, שלעכטע שריפטן זענען צו אונז אָנגעקומען פון דער רעגירונג, וואָס זאָגסטו, לאָמיר אַנטלויפן? האָט ער מורא געהאַט זיי צו זאָגן בפירוש: אַנטלויפט! האָט ער זיי געזאָגט: איר פרעגט מיך? גייט און פרעגט יעקב'ן, משה'ן און דוד'ן; וואָס איז געשריבן ביי יעקב'ן? „און יעקב איז אַנטלאָפן", און אַזוי אויך ביי משה'ן: „און משה איז אַנטלאָפן", און אַזוי אויך ביי דוד'ן: „און ער איז אַוועק און איז אַנטלאָפן און אַנטרונען געוואָרן".

*

כשנתפסו רבי אלעזר בן פרטא ורבי חנינא בן תרדיון, אָמר לו רבי אלעזר בן פרטא לרבי חנינא בן תרדיון: אַשריך

4. שמות, כי תשא, לא, טז.
5. מכילתא כי תשא, סוף הפרשה.
6. הושע, יב, יג.
7. שמות, ב, טו.
8. שמואל א, יט. יב.
9. במדבר רבה, ריש פרשת מסעי; מדרש תנחומא.

שנתפסת על דבר אחד, אוי לי שנתפסתי על חמשה דברים. אָמר לו רבי חנינא: אַשריך שנתפסת על חמשה דברים ואַתה ניצול, אוי לי שנתפסתי על דבר אחד ואיני ניצול; שאַת עסקת בתורה ובגמילות חסדים, ואני לא עסקתי אלא בתורה בלבד"[10].

ווען רבי אלעזר בן פרטא און רבי חנינא בן תרדיון זענען געוואָרן אַרעסטירט, האָט רבי אלעזר געזאָגט צו רבי חנינא׳ן: ווויל איז דיר אַז דו ביזט געוואָרן אַרעסטירט צוליב איין זאַך, ווי׳ איז מיר וואָס איך בין געוואָרן אַרעסטירט צוליב פינף זאַכן. האָט צו אים געזאָגט רבי חנינא: ווויל איז דיר וואָס דו ביזט געוואָרן אַרעסטירט צוליב פינף זאַכן, און דו וועסט ווערן געראַטעוועט, אָבער ווי׳ איז מיר, וואָס איך בין געוואָרן אַרעסטירט צוליב איין זאַך, און איך וועל נישט ווערן געראַטעוועט; דו ביזט עוסק געווען אין תורה און אין גמילות חסדים, אָבער איך בין נאָר בלויז עוסק געווען אין תורה.

*

ווערט דאָרטן ווייטער דערציילט ווי רבי אלעזר בן פרטא האָט טאַקע גאַנץ געשיקט זיך אַרויסגעדרייט פון די אַלע פינף באַשולדיקונגען, אָבער וועגן רבי חנינא בן תרדיון ווערט דערציילט אַז ווען מען האָט אים גע־פרעגט: פאַרוואָס ביזטו עוסק געווען אין דער תורה? האָט ער גאַנץ דרייסט געענטפערט:

כאשר צווני ה׳ אלהי.

אַזוי ווי מיין גאָט האָט מיר געבאָטן.

***

10. עבודה זרה, יז, ב.

רבי חנניה בן חכינאי

אין די תלמודישע מקורות ווערט ער, מאַנכעס מאָל, אָנגערופן נאָר: חנניה בן חכינאי, אָן רבי, ווייל ער האָט אַוודאַי נישט באַקומען קיין סמיכה, ער איז נישט געוואָרן באַשטימט אַלס ריכטער. ער האָט געהערט צו די חכמים, וואָס הגם זיי זענען געווען גרויסע געלערנטע, און זענען אפילו געווען באַרימט אַלס צדיקים, האָבן זיי, צוליב פאַרשידענע אומבאַקאַנטע סיבות, דאָך נישט באַקומען קיין סמיכה. צווישן זיי האָבן אויך געהערט: בן עזאי, בן זומא, חנן המצרי און שמעון התימני[1]. זיי אַלע ווערן נישט אָנגערופן „רבי״. בן עזאי ווערט מערערע מאָל, אי אין דער משנה, אי אין תלמוד, יאָ אָנגערופן: רבי שמעון בן עזאי[2].

*

פון רבי חנניה בן חכינאי איז פאַרבליבן מערערע דברי הלכה און דברי אַגדה. עס ווערט אויך איבערגעגעבן, אַז ער האָט געלערנט ביי רבי עקיבאָ'ן מעשה מרכבה, מיסטישע לערע וועגן געטלעכקייט[3].

ווי עס זעט זיך אויס, איז רבי חנניה בן חכינאי געווען פון רבי עקיבא'ס ערשטע תלמידים. ער ווערט אויך גערעכנט צווישן די חכמי יבנה וואָס האָבן געקענט פיל שפראַכן[4].

*

חנניה בן חכינאי אומר: „וכחש בעמיתו״[5], אין אָדם כחש בעמיתו עד שכופר בעיקר[6].

אויף דעם פסוק אין דער תורה ווו עס רעדט זיך אַז עמיצער ווערט

1. סנהדרין, יז, ב.
2. משנה יבמות, ד, יג. מנחות, קי, א.
3. תוספתא חגיגה, ב, 234; בבלי, יד, ב.
4. ירושלמי שקלים, ה, א.
5. ויקרא, ה, כא.
6. תוספתא שבועות, ג, 449.

פאַלש פאַרלייקענען ביי זיין חבר, זאָגט רבי חנניה בן חכינאי: אַ מענטש פאַרלייקנט נישט פאַלש ביי זיין חבר, ביז ער פאַרלייקנט נישט אין גאָט.

*

וועגן לערנען תורה:

רבי חנניה בן חכינאי אומר: הנעור בלילה והמהלך בדרך יחידי, ומפנה לבו לבטלה, סימן רע לו. אינו צריך להיות עסוק אלא בדברי תורה, שנאמר[7]: „בהתהלכך תנחה אותך"[8].

רבי חנניה בן חכינאי זאָגט, אַז איינער איז וואַכנדיק ביינאַכט, אָדער ער גייט אַליין אין פעלד, און ער טראַכט וועגן דברים בטלים — איז עס פאַר אים אַ שלעכטער סימן. ער דאַרפט נאָר עוסק צו זיין אין דברי תורה, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: „אַז דו וועסט גיין, וועט עס דיך פירן".

*

רבי חנניה בן חכינאי הוא קאזיל לבי רב בשילהי הלוליה דרבי שמעון בן יוחאי. אָמר ליה: איעכב לי עד דאָתי בהדך. לא איעכבא ליה. אָזיל יתיב תרי סרי שני בבי רב. עד דאָתי אישתנו שבילי דמתא ולא ידע למיזל לביתיה. אָזיל יתיב אַגודא דנהרא. שמע לההיא רביתא דהוו קרו לה: בת חכינאי, בת חכינאי, מלי קולתך ותא ניזיל. אָמר: שמע מינה: האי רביתא דדן. אָזיל בתרה. הוה יתיבה דביתהו קא נהלה קמחא. דל עינה חזיתיה סוי לבה, פרח רוחה. אָמר לפניו: רבונו של עולם, ענייה זו, זה שכרה?! בעא רחמי עלה וחייה[9].

רבי חנניה בן חכינאי האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין צום רבי'ן, באַלד נאָך דער חתונה פון רבי שמעון בן יוחאי. האָט רבי שמעון צו אים געזאָגט: וואַרט צו אויף מיר, וועט מען גיין צוזאַמען. האָט ער נישט געוואַרט נאָר איז אַליין געגאַנגען, און איז געוועזן ביים רבי'ן צוועלף

7. משלי, ו, כב.
8. אָבות דרבי נתן, נו"ב, לד. אין דער משנה אָבות, ג, ד, איז דער דאָזיקער מאמר אין אַ מער שטרענגערן פאָרם.
9. כתובות, סב, ב. ויקרא רבה, אַחרי, כא, ח.

יאָר. ווען ער איז דערנאָך אַהיים געקומען, האָבן זיך שוין געהאַט אַזוי געענדערט די גאַסן אין דער שטאָט, אַז ער האָט נישט אַהיים געטראָפן. איז ער געגאַנגען און זיך געזעצט ביים טייך. האָט ער געהערט ווי מען זאָגט צו אַ מיידל: חכינאי׳ס טאָכטער, פיל אָן דיין קרוג און לאָמיר גיין! האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז זיין אייגענע טאָכטער, איז ער איר נאָכגעגאַנגען. אין דער שטוב איז זיין ווייב געזעסן און געזופט מעל, האָט זי אויפגעהויבן די אויגן, און אַזוי ווי זי האָט אים דערזען האָט איר האַרץ נישט אויסגעהאַלטן, און עס איז איר אויסגעגאַנגען די נשמה. זאָגט רבי חנניה בן חכינאי: רבונו של עולם, די דאָזיקע אָרעמע פרוי, נעבעך, איז טאַקע דאָס איר שכר?! האָט ער געבעטן פאַר איר רחמים און זי האָט צוריק אויפגעלעבט.

*

די דאָזיקע פרוי פון רבי חנניה בן חכינאי איז בכלל געוואָרן גערימט אַלס מוסטערהאַפטע גוטע פרוי:

„אעשה לו עזר כנגדו״[10], אם זכה — עזר, ואם לאו — כנגדו. אָמר רבי יהושע בן נחמיה: אם זכה — כאשתו של רבי חנניה בן חכינאי, ואם לאו — כאשתו של רבי יוסי הגלילי״[11].

ביים באַשאַפן די פרוי ווערט געזאָגט אין דער תורה, ווערטלעך: „איך וועל אים מאַכן אַ געהילף קעגן אים״, איז ער זוכה — איז זי אַ געהילף, איז ער נישט זוכה — איז זי קעגן אים. האָט געזאָגט רבי יהושע בן נחמיה: איז מען זוכה — איז זי אַזוי ווי די פרוי פון רבי חנניה בן חכינאי, איז מען נישט זוכה — איז זי ווי די פרוי פון רבי יוסי הגלילי (ווי עס איז אויבן געוואָרן געברענגט).

***

10. בראשית, ב, יח.
11. בראשית רבה, יז, ג.

תורה אין חוץ לארץ

רבי יהודה בן בתירה
רבי מתיה בן חרש
רבי חנניה בן אחי רבי יהושע
רבי יונתן

תורה אין חוץ לארץ

ביי דער טראַגישער לאַגע, דאַמאָלט, אין ארץ ישראל, בעת דער אַזוי ברוטאַלער רוימישער אָקופּאַציע; ביי די שרעקלעכע גזרות אויף יידן, אויף יידישקייט, און דער עיקר: דאָס נישט דערלאָזן לערנען תורה ברבים — האָבן זיך געפונען עטלעכע גרויסע יידישע חכמים וואָס האָבן דאָך זיך דעצידירט צו פאַרלאָזן ארץ ישראל כדי צו פירן ישיבות און פאַרשפּרייטן תורה אין חוץ לאָרץ, ווו עס איז שוין, אגב, געהאַט געוועזן דאָרטן מער יידן ווי אין ארץ ישראל.

ווערט רירנדיק איבערגעגעבן מיט וואָס פאַרע טרויעריקע געפילן האָבן דאַמאָלט די דאָזיקע יידישע חכמים פאַרלאָזט ארץ ישראל:

מעשה ברבי יהודה בן בתירה ורבי מתיה בן חרש ורבי חנניה בן אחי רבי יהושע ורבי יונתן, שהיו יוצאים חוצה לאָרץ והגיעו לפלטום וזכרו את ארץ ישראל. זקפו עיניהם וזלגו דמעותיהם וקרעו בגדיהם וקראו את המקרא הזה[1]: „וירשתם אותה וישבתם בה. ושמרתם לעשות את כל החוקים ואת המשפטים". אָמרו: ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצוות שבתורה[2].

אַ מעשה ביי רבי יהודה בן בתירה, רבי מתיה בן חרש, רבי חנניה דער ברודערן־זון פון רבי יהושע (בן חנניה) און רבי יונתן, אַז זיי זענען אַרויסגעגאַנגען קיין חוץ לארץ, און זענען צוגעקומען צו פּאַלטום (ביי דער גרענעץ), געדענקענדיק ארץ ישראל, האָבן זיי פאַרגלייצט די אויגן און טרערן האָבן פון זיי געגאַנגען. זיי האָבן אויף זיך צעריסן זייערע קליידער און דערמאָנט דעם פּסוק אין דער תורה: „און איר וועט עס אַרבן און זיך באַזעצן דערינען, זאָלט איר היטן צו טוען אַלע געזעצן און משפּטים".

1. דברים, ראה, יא, לא—לב.
2. ספרי דברים, ראה, פ.

האָבן זיי געזאָגט: ישוב ארץ ישראל איז אַזוי ווי דאָס מקיים זיין די גאַנצע תורה.

*

האָבן טאַקע די דאָזיקע חכמים, דערנאָך, געפירט ישיבות אין חוץ לאָרץ: רבי יהודה בן בתירה אין נציבין, אין בבל. רבי מתיה בן חרש אין רוים. רבי חנניה בן אחי רבי יהושע אין נהר פקוד, אויך אין בבל.

אַז די דאָזיקע ישיבות אין חוץ לאָרץ זענען געווען זייער חשוב, זעט מען פון דעם פאָלגנדיקן מאמר אין תלמוד בבלי:

תנו רבנן: „צדק צדק תרדוף"[3], הלך אַחר חכמים לישיבה: אַחר רבי אליעזר ללוד, אַחר רבן יוחנן בן זכאי לברור חיל, אַחר רבי יהושע לפקיעין, אַחר רבי עקיבא לבני ברק, אַחר רבן גמליאל ליבנה, אַחר רבי מתיה בן חרש לרומי, אַחר רבי חנינא בן תרדיון לסיכנין, אַחר רבי יוסי לציפורי, אַחר רבי יהודה בן בתירה לנציבין, אַחר רבי חנניה בן אחי רבי יהושע לגולה, אַחר רבי לבית שערים, אַחר חכמים ללשכת הגזית[4].

די חכמים האָבן געלערנט דעם פסוק אין דער תורה: „נאָך גערעכטיקייט, נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן!", דו זאָלסט גיין נאָך די חכמים אין דער ישיבה: נאָך רבי אליעזר — קיין לוד, נאָך רבן יוחנן בן זכאי — קיין ברור חיל, נאָך רבי יהושע — קיין פקיעין, נאָך רבי עקיבא — קיין בני ברק, נאָך רבן גמליאל — קיין יבנה, נאָך רבי מתיה בן חרש — קיין רוים, נאָך רבי חנינא בן תרדיון — קיין סיכנין, נאָך רבי יוסי — קיין ציפורי, נאָך רבי יהודה בן בתירה — קיין נציבין, נאָך רבי חנינה דער ברודערן־זון פון רבי יהושע — קיין חוץ לאָרץ, נאָך רבי — קיין בית שערים, נאָך די חכמים אין לשכת הגזית (ווו עס זענען געזעסן די סנהדרין).

3. דברים שופטים, טז, כ.
4. סנהדרין, לב, ב. לויט דקדוקי סופרים.

רבי יהודה בן בתירה

האָט רבי יהודה בן בתירה געפירט אַ ישיבה אין נציבים. ווערט דער־ציילט:

מעשה ברבי אלעזר בן שמוע ורבי יוחנן הסנדלר שהיו הולכים לנציבין אצל רבי יהודה בן בתירה ללמוד ממנו תורה והגיעו לצידון וזכרו את ארץ ישראל וכו׳. אָמרו: ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצוות שבתורה. חזרו ובאו להם לארץ ישראל[1].

אַ מעשה ביי רבי אלעזר בן שמוע און רבי יוחנן הסנדלר (רבי עקיבא׳ס תלמידים), אַז זיי זענען געהאַט געגאַנגען קיין נציבין צו רבי יהודה בן בתירה כדי ביי אים צו לערנען תורה, און זענען צוגעקומען קיין צידון (ביי דער גרענעץ), געדענקענדיק ארץ ישראל... האָבן זיי געזאָגט: ישוב ארץ ישראל וועגט אַזוי ווי דאָס מקיים זיין אַלע מצוות אין דער תורה. האָבן זיי זיך אויסגעדרייט און צוריק אַהיים געגאַנגען.

*

רבי יהודה בן בתירה איז געהאַט געווען צווישן די וויכטיקע חכמי יבנה. רבי אליעזר בן הורקנוס האָט אויף אים געזאָגט אַז ער איז אַ חכם גדול[2]. עס איז פון אים געבליבן פיל הלכות און אויך דברי אַגדה.

*

עטלעכע זיינע פלוגתות מיט רבי עקיבא׳ן אין דברי אַגדה זענען געווען כדי מלמד זכות צו זיין אויף יידן. אַז רבי עקיבא האָט אַמאָל גע־האַט אויסגעדריקט אַ שלעכטע מיינונג וועגן דעם באַוווסטן צלפחד, וואָס איז געשטאָרבן אין מדבר און איבערגעלאָזט פינף טעכטער, איז רבי יהודה

1. ספרי דברים, ראה, פ.
2. משנה נגעים, ט, ג; יא, ז.

בן בתירה געווען דאַקעגן. אַזוי אויך איז ער געווען קעגן רבי עקיבא׳ס אַ נישט גינסטיקער מיינונג וועגן אַהרן הכהן. אין די דאָזיקע ביידע פאַלן מאָטיווירט ער זיין קעגנערשאַפט אויפן זעלביקן אופן:

אָמר לו רבי יהודה בן בתירה: עקיבא, בין כך ובין כך אַתה עתיד ליתן את הדין! אם כדבריך — התורה כיסתו ואַתה מגלה אותו, ואם לאו — אַתה מוציא לעז על אותו צדיק[3].

זאָגט צו אים רבי יהודה בן בתירה: עקיבא, יעדנפאַלס ביזטו אומ־גערעכט: אויב עס איז טאַקע אמת אַזוי ווי דו זאָגסט — טאָ האָט דאָך די תורה דאָס פאַרדעקט, און דו אַנטפּלעקסט דאָס; אויב עס איז אָבער נישט אמת — ביזטו דאָך מוציא שם רע אויף דעם דאָזיקן צדיק.

אַזוי איז רבי יהודה בן בתירה נישט אַזוי שטרענג ווי רבי עקיבא לגבי דעם דור המבול[4], און גאַנץ באַזונדער לגבי עדת קורח[5].

*

אַ מאמר וועגן אַרבעט:

רבי יהודה בן בתירה אומר: אָדם שאין לו מלאכה לעשות, מה יעשה? אם יש לו חצר חרבה או שדה חרבה, ילך ויתעסק בה, שנאמר[6]: „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך", ומה תלמוד לומר: „ועשית כל מלאכתך"? להביא את מי שיש לו חצרות או שדות חרבות, ילך ויעסק בהן[7].

רבי יהודה בן בתירה זאָגט: אַ מענטש אַז ער האָט נישט וואָס צו טוען, וואָס זאָל ער דאָך טוען? אויב ער האָט אַ וויסטן הויף אָדער אַ וויסט פעלד, זאָל ער זיך דערמיט פאַרנעמען, אַזוי ווי עס איז געזאָגט אין דער תורה: „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און זאָלסט טוען אַלע דיינע מלאכות", וואָס באַדייט: „און זאָלסט טוען אַלע דיינע מלאכות"? מיינט מען טאַקע למשל אַזאַ באַאַרבעטן די וויסטע הייף אָדער וויסטע פעלדער.

3. שבת, צו, ב.
4. סנהדרין, קח, א.
5. סנהדרין, קט, ב.
6. שמות, יתרו, כ, ט.
7. אָבות דרבי נתן, נו"א, יא.

*

עס ווערט דערציילט אין תלמוד אַז אַמאָל, בשעת הסכנה, ווען רבי עקיבא איז געזעסן אין תפיסה, האָט מען געדינגען אַ מענטשן צו שיקן קיין נציבין, כדי צו פרעגן ביי רבי יהודה בן בתירה אַ שווערע שאלה[8].

*

עס זענען געווען, לכל הפחות, צוויי חכמים מיטן נאָמען רבי יהודה בן בתירה, איינער איז געהאַט געווען מיט אַ צוויי דורות פריער, אויך אין נציבין. בכלל איז עס געהאַט געווען אַ באַרימטע משפחה, בני בתירה, שוין אין די צייטן פון הילל הזקן, ווי עס ווערט, אגב, געברענגט אינעם ערשטן טייל[9].

* * *

8. יבמות, קח, ב.
9. זייט 128 און 132.

רבי מתיה בן חרש

ווי שוין אויבן דערמאָנט האָט רבי מתיה בן חרש געפירט אַ ישיבה אין רוים. עס ווערט מערערע מאָל געברענגט זיינע שמועסן מיט די חכמי ארץ ישראל, ווען עס איז זיי אויסגעקומען צו זיין אין רוים[1].

אין דער משנה זאָגט רבי מתיה בן חרש:

וכל ספק נפשות דוחה את השבת[2].

אפילו ווען עס איז נאָר אַ ספק צי עס איז סכנת נפשות, איז עס דוחה שבת.

*

אין דער משנה, אין אָבות ווערט פון אים געברענגט:

רבי מתיה בן חרש אומר: הוי מקדים בשלום כל אָדם. והוי זנב לאריות, ואַל תהי ראש לשועלים[3].

דו זאָלסט שטענדיק פריער גריסן צו יענעם. און דו זאָלסט ליבערשט זיין אַן עק צו לייבן, איידער אַ קאָפּ צו פוקסן.

*

אין תלמוד ירושלמי ווערט געברענגט:

מתניתא אָמרה: הוי זנב לאריות, ואַל תהי ראש לשועלים; מתלא אָמר הוי ראש לשועלים, ואַל תהי זנב לאריות[4].

---

1. יומא, נג, ב; פד, א; פו, א. מעילה, יז, ב.
2. משנה יומא, ח, ו.
3. אָבות, ד, טו.
4. ירושלמי סנהדרין, ד, ח.

די משנה האָט געזאָגט אַז דו זאָלסט ליבערשט זיין אַן עק צו לייבן, איידער אַ קאָפּ צו פוקסן; אָבער אַ שפּריכוואָרט זאָגט פאַרקערט: דו זאָלסט ליבערשט זיין אַ קאָפּ צו פוקסן, איידער אַן עק צו לייבן.

*

רבי מתיה בן חרש איז געווען באַרימט אויך אַלס צדיק, און עס ווערט וועגן אים דערציילט פאַרשידענע נסים[5].

***

5. ילקוט שמעוני, חלק א, קסא, בשם מדרש אבכיר.

רבי חנניה בן אחי רבי יהושע

רבי חנניה דער ברודערן־זון פון רבי יהושע בן חנניה. אַזוי ווערט ער טאַקע שטענדיק גערופן: חנניה בן אחי רבי יהושע. ער האָט שפּעטער געפירט אַ ישיבה אין נהר פּקוד, אין בבל.

אין דער משנה ווערט ער, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט דערמאָנט, אפשר טאַקע צוליב זיין באַציאונג צו ארץ ישראל. ער ווערט אַמאָל דערמאָנט אין דער תוספתא און מערערע מאָל אין תלמוד ירושלמי און אין תלמוד בבלי.

פריער איז ער געהאַט געווען פון די חכמי יבנה, אָבער באַקאַנט איז ער מער צוליב זיין שפּעטערדיקער טעטיקייט אין בבל.

*

ווי עס איז באַוווסט איז דאַמאָלט, אין יענע צייטן, נאָך נישט געהאַט געווען איינגעפירט דער סטאַבילער לוח, דער ערשט שפּעטער פעסטגע־שטעלטער יידישער קאַלענדאַר. יעדעס יאָר איז געוואָרן באַשטימט, צי עס איז אַ געוויינלעך יאָר, צי אַן עיבור־יאָר, דאָס הייסט: צי דאָס יאָר האָט צוועלף אָדער דרייצן חדשים. אַזוי איז אויך יעדער חודש באַזונדער געוואָרן באַשטימט צי ער האָט ניין און צוואַנציק אָדער דרייסיק טעג.

אַזוי ווי דאָס באַשטימען דאָס יאָר און די חדשים איז דאָך זייער וויכטיק, עס זענען דאָך דערין אָפּהענגיק אַלע יידישע ימים טובים, האָט דאָס געהערט נאָר אויסשליסלעך צו דער קאָמפּעטענץ פונעם נשיא פון די סנהדרין; ער פּערזענלעך, אָדער דורך אים אַ ספּעציעל דערצו באַ־שטימטער פאַרטרעטער.

איז עיבור השנים און קידוש החודש, די פּריווילעגיע פונעם נשיא אין ארץ ישראל, געוואָרן דער סימבאָל פון דער גייסטיקער סווערעניטעט פון ארץ ישראל לגבי די גלות־לענדער, וואָס זענען געווען אָפּהענגיק פון ארץ ישראל ביים באַשטימען די ימים טובים.

האָט דער דאָזיקער רבי חנניה בן אחי רבי יהושע געוואָלט אינ־גאַנצן איגנאָרירן די דאָזיקע טראַדיציע, און האָט אָנגעהויבן אַליין דאָס איינצופירן ביי זיך אין בבל.

פאַרשטייט זיך אַז די יידישע פירערשאַפט אין ארץ ישראל האָט דערצו נישט געוואָלט דערלאָזן און האָט טאַקע געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. ווערט דראַמאַטיש דערציילט ווי מען האָט פון ארץ ישראל געשיקט צו אים אַ דעלעגאַציע פון צוויי גרויסע תלמידי חכמים: רבי יצחק און רבי נתן[1]. וואָס האָבן אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן צעשטערט די דאָזיקע פאַרשווערונג[2].

עס ווערט דאָרטן אויך צוגעגעבן ווי רבי חנניה האָט זיך געוואָנדן נאָך הילף צו רבי יהודה בן בתירה, וואָס האָט אויך געוווינט אין בבל, אָבער צו זיין אַנטוישונג, האָט רבי יהודה בן בתירה דעצידירט לטובת ארץ ישראל. איז ער אַליין אַרומגעפאָרן, געזוניער: געריטן אויף אַ פערד, אין די אַלע שטעט אין בבל ווו יידן האָבן געוווינט, און מודיע געווען אַז עס בלייבט אַזוי ווי פריער: אַז מעבר השנים און מקדש החודש איז מען נאָר אין ארץ ישראל.

***

1. אין תלמוד בבלי איז אָנגעגעבן: רבי יוסי בן קיפר ובן בנו של זכריה בן קבוטל.
2. ירושלמי נדרים, ו, ח; סנהדרין, א, ב. ברכות, סג, א.

רבי יונתן

צווישן די אויבן דערמאָנטע פיר יידישע חכמים וואָס האָבן דאַמאָלט פאַרלאָזט ארץ ישראל כדי צו פאַרשפּרייטן תורה אין חוץ לארץ, ווערט אויך דערמאָנט רבי יונתן.

רבי יונתן איז געווען רבי ישמעאל׳ס תלמיד. ער ווערט אָפט דער־מאָנט אין דער מכילתא, אין ספרא און אין תלמוד, ווי ער איז געווענלעך מחולק מיט רבי יאשיה, אויך אַ תלמיד פון רבי ישמעאל. זייערע פּלוגתות זענען אָפט וועגן מדרש הכתובים, ווי אַזוי אויסצוטייטשן פסוקים אין דער תורה.

פון דעם זעלבן רבי יונתן ווערט אויך געבריינגט אין דער משנה פון אָבות אַ מאמר וועגן תורה[1].

*

לאָמיר דאָ לערנען ביי אים וועגן מסירת נפש פאַר יידן:

רבי יונתן אומר: לא הלך יונה אלא לאַבד עצמו בים, שנאמר[2]: „ויאמר אליהם: שאוני והטילוני אל הים". וכן אַתה מוצא שהאָבות והנביאים נתנו נפשם על ישראל. במשה מה הוא אומר?[3]: „ועתה עם תשא חטאתם, ואם אַין, מחני נא מספרך אשר כתבת", „ואם ככה אַתה עושה לי הרגני נא הרוג, אם מצאתי חן בעיניך, ואַל אראה ברעתי"[4]. בדוד מה הוא אומר?[5]: „הנה אָנכי חטאתי ואָנכי העויתי, ואלה הצאן מה עשו? תהי נא ידך בי ובבית אָבי". הא בכל מקום אַתה מוצא האָבות והנביאים נתנו נפשם על ישראל[6].

---

1. אָבות, ד, ט.
2. יונה, א, יב.
3. שמות, כי תשא, לב, לב.
4. במדבר, בהעלותך, יא, טו.
5. שמואל ב, כד, יז.
6. מכילתא, פרשת בא, א.

רבי יונתן זאָגט: יונה איז באַלד לכתחילה געגאַנגען דאַרויף אַז ער זאָל אומקומען אין ים, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט: „האָט ער צו זיי געזאָגט: הייבט מיך אויף און וואַרפט מיך אַריין אין ים אַריין״. און אַזוי געפינסטו אַז די אָבות און די נביאים האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר יידן. ווי אַזוי איז געזאָגט ביי משה׳ן?: „איז יעצט, אויב דו וועסט פאַרגעבן זייערע זינד (איז גוט), אויב נישט, מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דיין ספר וואָס דו האָסט געשריבן״. און נאָך: „אויב דו טוסט אַזוי צו מיר, הרג׳נען הרג׳ע מיך, איך בעט דיך, אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, און לאָמיך נישט זען מיין אומגליק״. ווי איז געשריבן ביי דוד׳ן?: „איך האָב טאַקע געזינדיקט און איך האָב פאַרבראָכן, אָבער די דאָזיקע שאָף, וואָס האָבן דען זיי געטוען? בעט איך דיך, זאָל דיין האַנט ליבערשט זיין אויף מיר און אויף מיין פאָטערס הויז״. איבעראַל זעט מען ווי די אָבות און די נביאים האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר יידן.

**
*

אלישע בן אביה

אלישע בן אביה

צווישן די תנאים, די יידישע חכמים אין יענער אַזוי שטורמישער עפּאָכע אין ארץ ישראל, האָט זיך געפונען אַ זייער אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, אפשר אַן איין און איינציקער אויסנאַם ביי יענע אומשטענדן. זיין נאָמען איז אלישע בן אביה, באַקאַנט אונטערן, שפּעטער צוגעגעבענעם, צונאָמען: אחר, וואָס דער ווערטלעכער טייטש דערפון איז: אַן אַנדערער.

פון דעם אַלעם וואָס עס איז וועגן אים איבערגעגעבן אין דער תלמודישער ליטעראַטור, קאָן מען דאָך נישט וויסן גענוי, וואָס אייגנטלעך, האָט ער טאַקע מיט זיך פאָרגעשטעלט. ווי עס זעט זיך אויס, איז מיט דעם דאָזיקן, אין געוויסע הינזיכטן, מיסטעריעזן אלישע בן אביה פאָרגעקומען עפּעס אַ טיפע טראַגעדיע, וואָס האָט אים געברענגט צו אַ שווערער אַנטוישונג אינעם רעליגיעזן יידישקייט. ער איז אַרויסגעטרעטן פון דעם דאַמאָלטיקן יידישן רעליגיעזן אַרט לעבן, און גענומען פּרעדיקן צו פאַרלאָזן די רעליגיעזע מצוות. ווערט דאָס אַלץ באַטראַכט אַז ער איז אויסגעגאַנגען לתרבות רעה.

עס איז אינטערעסאַנט מיט וואָס פאַר אַ טאָלעראַנץ, מיט מיטלייד און, ווי אויסטערליש עס זאָל נישט אויסזען, אויך מאַנכעס מאָל, מיט עפּעס אַ באַזונדער איינזעעניש, די יידישע חכמים האָבן זיך באַצויגן צום דאָזיקן אָפּטריניקן פון זיי, ווי עס ווערט שטענדיק אָקצענטירט זיין גרויסקייט אין דער תורה.

גאַנץ באַזונדער איז עס רירנדיק און ממש צו באַוואונדערן, ווי איבערגעגעבן עס איז אים געוועזן, און טראָץ אַלעם פאַרבליבן, זיין תלמיד, דער באַרימטער תנא רבי מאיר.

*

ער ווערט איינמאָל געברענגט אין דער משנה, אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט:

אלישע בן אביה אומר: הלומד ילד, למה הוא דומה? לדיו

כתובה על ניר חדש; והלומד זקן, למה הוא דומה? לדיו כתובה על ניר מחוק[1].

אלישע בן אביה זאָגט: לערנען אין דער יוגנט איז אַזוי ווי געשריבן אויף ניי פּאַפּיר, אָבער לערנען אויף דער עלטער, איז אַזוי ווי געשריבן אויף אָפּגעמעקט פּאַפּיר.

*

אין דעם שפּעטערדיקן אָבות דרבי נתן ווערן געברענגט מערערע מאמרים פון אלישע בן אביה וועגן לערנען תורה, תורה צוזאַמען מיט מעשים טובים[2].

*

עס ווערט געברענגט, אַז דער תנא רבי צדוק האָט געהאַט לגבי זיך עפּעס אַ שווערע שאלה, איז ער געקומען פרעגן ביי אלישע בן אביה און די זקנים וואָס זענען געווען ביי אים[3].

*

שוין נאָך דעם, זעט זיך אויס, ווי ער איז געהאַט אויסגעגאַנגען לתרבות רעה, ווערט ער נאָך גערעכנט צווישן די תלמידי חכמים[4].

ארבעה נכנסו לפרדס

אַרבעה נכנסו לפרדס: בן עזאי ובן זומא, אַחר ורבי עקיבא. בן עזאי הציץ ומת. עליו הכתוב[5] אומר: „יקר בעיני ה׳ המותה לחסידיו". בן זומא הציץ ונפגע. עליו הכתוב[6] אומר:

1. אָבות, ד, כ.
2. אָבות דרבי נתן, נו"א, כד; נו"ב, לה.
3. מועד קטן, כ.
4. ברכות, נז, ב.
5. תהלים, קטז, טו.
6. משלי, כה, טז.

„דבש מצאת אכול דיך”. אַחר הציץ וקיצץ בנטיעות. עליו הכתוב[7] אומר: „אַל תתן את פיך לחטיא את בשרך”. רבי עקיבא נכנס בשלום ויצא בשלום. עליו הכתוב אומר[8]: „משכני אַחריך נרוצה”[9].

פיר זענען אַריינגעדרינגען אינעם פּרדס (אינעם גאָרטן פון חכמה און געטלעכקייט): בן עזאי, בן זומא, אַחר און רבי עקיבא. בן עזאי האָט אַריינגעקוקט (אין דער לערע פון געטלעכקייט) און איז געשטאָרבן. אויף אים איז געפּאַסט דער פּסוק אין תהלים: „שווער איז ביי גאָט דער טויט פון זיינע אויסדערוויילטע”. בן זומא האָט אַריינגעקוקט און עס האָט אים פאַרשאַט. איז אויף אים געפּאַסט דער פּסוק אין משלי: „האָסטו געפונען האָניק, עס נאָר וויפיל עס איז גענוג פאַר דיר”. אַחר האָט אַריינגעקוקט און געהאַקט צווייגן[10]. איז אויף אים געפּאַסט דער פּסוק אין קהלת: „זאָלסט נישט לאָזן דיין מויל צו פאַרזינדיקן זיך”. רבי עקיבא איז אַריין בשלום און אַרויס בשלום. איז אויף אים געפּאַסט דער פּסוק אין שיר השירים: „צי מיך נאָך דיר, לאָמיר לויפן...”.

*

עס איז דאָ איבערגעגעבן גאַנץ קאָנדענסירט, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי די דאָזיקע פיר פאַרשידנאַרטיקע יידישע חכמים פון יענער צייט אין ארץ ישראל, וואָס זייער געמיינזאַמע כאַראַקטעריסטיק איז געווען דאָס שטרעבן זיך צו דערגרונטעווען צום זין פון לעבן.

וועגן בן עזאי און בן זומא ווערט ווייטער גערעדט באַזונדער, יעצט האַלט מען דאָ ביי אלישע בן אביה, וואָס וועגן אים איז אויבן געוואָרן געזאָגט אַז קצץ בנטיעות, אַז ער האָט געהאַקט צווייגן אינעם יידישן גאָרטן.

לויט דעם תלמוד ירושלמי האָט ער שטאַרק באַקעמפט די יידישע חכמים פון יענער צייט, וואָס זענען אַזוי פיל אויסגעשטאַנען פון דער רוימישער אָקופּאַציע־מאַכט. ער האָט אויך אַגיטירט אַז די יידישע

7. קהלת, ה, ה.
8. שיר השירים, א, ד.
9. תוספתא חגיגה, ב, 234; ירושלמי, ב, א; בבלי, יד: אין ירושלמי איז על פי טעות: בן עזאי הציץ ונפגע, בן זומא הציץ ומת.
10. זיין קעגנערשאַפט צו פרומקייט ווערט פאַרגעשטעלט ווי „האַקן צווייגן” און צעשטערן דעם גאָרטן, דעם פּרדס.

ייִנגלעך זאָלן נישט לערנען תורה, נאָר זאָלן זיך ליבערשט פאַרנעמען מיט מלאכה.

אין תלמוד בבלי ווערט אים פאַרגעוואָרפן אַז ער האָט זיך צופיל פאַרנומען מיט דער גריכישער פּאָעזיע און מיט די ביכער פון די פאַר־שידענע סעקטן.

אויסגעגאַנגען לתרבות רעה

לאָמיר זיך באַמיען אַריינצודרינגען אין דער גייסטיקער וועלט פון יענע פאַרצייטישע יידישע חכמים, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַזוי לייכט פאַרלאָזן זייערס אַ חבר, אַ תלמיד חכם, וואָס איז נעבעך אויסגעגאַנגען לתרבות רעה. אַלס סיבה וואָס האָט צוגעפירט צום קריזיס, ווערט דער־ציילט אין תלמוד ירושלמי:

וכל דא מן הן אָתת ליה? אלא, פעם אַחת היה יושב ושונה בבקעת גינוסר, וראָה אָדם אחד עלה לראש הדקל ונטל אם על הבנים, וירד בשלום. למחר ראָה אָדם אחד שעלה לראש הדקל ונטל את הבנים, ושילח את האם, וירד משם והכישו נחש ומת. אָמר: כתיב[11]: „שלח תשלח את האם, ואת הבנים תקח לך, למען ייטב לך והארכת ימים", איכן היא טובתו של זה? איכן היא אריכות ימים של זה? ולא היה יודע שדרשה רבי יעקב לפנים ממנו: „למען ייטב לך" — לעולם הבא, שכולו טוב, „והארכת ימים" — לעתיד שכולו אָרוך.

ויש אומר: על ידי שראָה לשונו של רבי יהודה הנחתום נתון בפי הכלב שותת דם. אָמר: זו תורה וזה שכרה?! זהו הלשון שהיה מוציא דברי תורה כתיקנן! זהו הלשון שהיה יגע בתורה כל ימיו! זו תורה וזה שכרה?! דומה שאין מתן שכר, ואין תחית המתים[12].

פון וואַנען איז דאָס אַלץ געקומען? אַמאָל איז ער געזעסן און גע־

11. דברים, כי תצא, כב, ז.
12. ירושלמי חגיגה, ב, א. רות רבה, ו, ו; קהלת רבה, ז, יח; ילקוט שמעוני, 974.

לערנט אינעם טאָל גינוסר, האָט ער געזען אַ מענטש איז אַרויף אויף אַ בוים און גענומען (טויבן) די מוטער מיט די קינדער, און איז בשלום אַראָפּגעקומען. צומאָרגנס האָט ער ווידער געזען ווי אַן אַנדערער מענטש איז אַרויף אויף אַ בוים, און גענומען נאָר די יונגע טייבעלעך, אָבער די מוטער האָט ער אַוועקגעשיקט (אַזוי ווי עס שטייט אין דער תורה) און איז אַראָפּ, האָט אים געביסן אַ שלאַנג און איז געשטאָרבן. האָט ער געזאָגט: עס איז געשריבן אין דער תורה: „די מוטער (די טויב) זאָלסטו אַוועקשיקן, נאָר די יונגע טייבעלעך זאָלסטו נעמען פאַר דיר, וועט דיר גוט זיין, און וועסט מאריך ימים זיין", טאָ ווו איז זיין גוטס? ווו איז זיין אריכות ימים? ער האָט אָבער נישט געוווּסט וואָס רבי יעקב, נאָך פאַר אים, האָט געהאַט גע'דרש'נט: „עס וועט דיר גוט זיין" — מיינט מען: אויף יענער וועלט, וואָס איז גאָר גוט. „וועסט מאריך ימים זיין" — מיינט מען אויך, אויף יענער וועלט, וואָס איז אייביק.

עס איז אויך דאָ אַן אַנדערע ווערסיע: ער האָט געזען די צונג פון רבי יהודה הנחתום רינען בלוט אין פּיסק פון אַ הונט (ביי אַ פּאָגראָם), האָט ער געזאָגט: דאָס איז די תורה, און דאָס איז דער שכר?! די צונג וואָס האָט אַזוי שיין אַרויסגעברענגט דברי תורה, און האָט זיך געמיט אין דער תורה כל ימיו — איז דאָס די תורה, און דאָס איז דער שכר?! זעט זיך אויס אַז עס איז גאָרנישט דאָ קיין שכר, און נישט קיין תחית המתים.

*

יצתה בת-קול ואָמרה[13]: „שובו בנים שובבים", חוץ מאַחר, שידע כבודי ומרד בי. אָמר: הואיל ולית ליה תקנה ליזיל וליתהני בהאי עלמא. נפק אַחר לתרבות רעה וחזייה להההיא זונה, תבעה. אָמרה ליה: ולאו אלישע בן אביה אַת ששמך יצא בכל האָרץ? עקר פוגלא מאַרעא בשבת ויהיב לה. אָמרה: אַחר הוא![14]

איז אַרויס אַ בת־קול: „טוט תשובה ווילדע קינדער", אויסער אַחר, וואָס האָט געהאַט געוווּסט פון דער געטלעכקייט און דאָך האָט ער ווי־

13. ירמיהו, ג, יד.
14. חגיגה, טו, א. טיילווייז לויט דקדוקי סופרית.

דערגעשפעניקט! האָט ער געזאָגט: אויב איך האָב סיי ווי נישט קיין תקנה, טאָ זאָל איך כאַטשיק הנאָה האָבן פון דער וועלט. איז ער אויס־געגאַנגען לתרבות רעה. האָט ער געזען אַ זונה און האָט איר פאַרלאַנגט. האָט זי אים געזאָגט: ביסטו דען נישט דער אַזוי באַרימטער אלישע בן אביה? האָט ער, הגם עס איז געהאַט געווען אום שבת, אַרויסגעריסן אַ רעטעך פון דער ערד און איר געגלאַנגט. האָט זי געזאָגט: אַחר! ער איז דאָך אַן אַנדערער.

אגב, זאָל דאָס הייסן, אַז פון דאַמאָלט זאָל טאַקע שטאַמען דער צו־נאָמען: אַחר.

דער רבי און דער תלמיד לערנען תורה

רבי מאיר הוה יתיב דרש בבית מדרשא דטיבריה, עבר אלישע רביה רכיב על סוסייא ביום שובתא. אַתון ואַמרין ליה: הא רבך לבר. פסק ליה מן דרשה ונפק לגביה, אַמר ליה: מה הויתה דרש יומא דין? אַמר ליה: „וה׳ ברך את אַחרית איוב מראשיתו"[15]. אַמר ליה: ומה פתחת ביה? אַמר ליה: „ויסף ה׳ את כל אשר לאיוב למשנה", שכפל לו את כל ממונו. אַמר: ווי דמובדין ולא משכחין! עקיבא רבך לא הוה דריש כן, אלא: „וה׳ ברך את אַחרית איוב מראשיתו" — בזכות מצוות ומעשים טובים שהיה בידו מראשיתו.

אַמר ליה: ומה הוית דריש תובן? אַמר ליה: „טוב אַחרית דבר מראשיתו"[16]. אַמר ליה: ומה פתחת ביה? אַמר ליה: לאָדם שהוליד בנים בנערותו — ומתו, ובזקנותו — נתקיימו, הוי: „טוב אַחרית דבר מראשיתו"; לאָדם שעשה סחורה בילדותו — והפסיד, ובזקנותו — ונשתכר, הוי: „טוב אַחרית דבר מראשיתו"; לאָדם שלמד תורה בנעורתו — ושכחה, ובזקנותו — וקיימה, הוי: „טוב אַחרית דבר מראשיתו". אַמר: ווי דמובדין ולא משכחין! עקיבא רבך לא הוה דריש

15. איוב, מב, יב.
16. קהלת, ז, ח.

כן, אלא: „טוב אַחרית דבר מראשיתו" — בזמן שהוא טוב מראשיתו[17].

אַמאָל אין אַ שבת איז רבי מאיר געזעסן אין בית המדרש אין טבריה און גע׳דרש׳נט, איז אלישע זיין רבי פאַרבייגעריטן אויף אַ פערד. איז מען געקומען און געזאָגט רבי מאיר׳ן: דיין רבי איז אין דרויסן. האָט ער איבערגעריסן די דרשה, און איז צו אים אַרויסגעגאַנגען. האָט אים אלישע געפרעגט: וואָס האָסטו היינט גע׳דרש׳נט? האָט רבי מאיר אים געזאָגט: „גאָט האָט געבענטשט איוב׳ס סוף, מער ווי פון זיין אָנהייב". פרעגט ער אים: ווי אַזוי האָסטו דאָס דערקלערט? ענטפערט ער אים: אַזוי ווי אין פסוק שטייט: „און גאָט האָט געמערט אַלץ וואָס איוב האָט געהאַט אויף טאָפּלט", דאָס הייסט: געטאָפּלט זיין פאַרמעגן. זאָגט אלישע: אַ שאָד די פאַרלוירענע וואָס מען געפינט שוין נישט! עקיבא דיין רבי האָט נישט אַזוי גע׳דרש׳נט, נאָר: „וה׳ ברך את אַחרית איוב", „גאָט האָט געבענטשט די ענדע פון איוב", אין דעם זכות פון מצוות און פון מעשים טובים „מראשיתו", „פון זיין אָנהייב".

פרעגט אים אלישע: וואָס נאָך האָסטו גע׳דרש׳נט? זאָגט אים רבי מאיר: „טוב אַחרית דבר מראשיתו", „בעסער דער סוף ווי זיין אָנהייב". פרעגט ער אים: ווי אַזוי האָסטו דאָס דערקלערט? זאָגט ער אים: למשל, אַ מענטש האָט געהאַט קינדער אין דער יוגנט און זיי זענען געשטאָרבן, האָט ער געהאַט אויף דער עלטער און זיי לעבן; אָדער למשל, אַ מענטש האָט געהאַנדלט, אין דער יוגנט האָט ער אָנגעווירן, און אויף דער עלטער האָט ער פאַרדינט; אָדער למשל, אַ מענטש האָט געלערנט אין דער יוגנט און האָט פאַרגעסן, האָט ער געלערנט אויף דער עלטער, און געדענקט, דאָס הייסט: „בעסער דער סוף ווי זיין אָנהייב". זאָגט אלישע: אַ שאָד די פאַרלוירענע, וואָס מען געפינט שוין נישט! עקיבא דיין רבי האָט נישט אַזוי גע׳דרש׳נט, נאָר: טוב אַחרית דבר, גוט איז דער סוף, מראשיתו, ווען ער איז גוט פון זיין אָנהייב.

*

שאַל אחר את רבי מאיר, לאַחר שיצא לתרבות רעה, אָמר לו: מאי דכתיב[18]: „גם את זה לעומת זה עשה אלהים"?

17. ירושלמי חגיגה, ב, א. רות רבה, ו, ו; קהלת רבה, ז, יח; ילקוט שמעוני, 974.
18. קהלת, ז, יד.

אָמר לו: כל מה שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו, ברא כנגדו, ברא הרים — ברא גבעות, ברא ימים — ברא נהרות. אָמר לו: עקיבא רבך לא כך אָמר, אלא: ברא צדיקים — ברא רשעים, ברא גן עדן — ברא גיהנם. כל אחד ואחד יש לו שני חלקים, אחד בגן עדן, ואחד בגיהנם, זכה צדיק — נוטל חלקו וחלק חברו בגן עדן; נתחייב רשע — נוטל חלקו וחלק חברו בגיהנם".[19]

אַחר האָט געפרעגט רבי מאיר׳ן, שוין נאָכדעם ווי ער איז שוין געהאַט אויסגעגאַנגען לתרבות רעה: וואָס איז דער טייטש פונעם פסוק אין קהלת: „אויך דאָס קעגן יענץ האָט גאָט געמאַכט"? האָט ער אים געענטפערט: אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן אויף דער וועלט, האָט ער אויך באַשאַפן קעגנאיבערדיקע: ער האָט באַשאַפן בערג — האָט ער באַשאַפן בערגלעך, ער האָט באַשאַפן ימים — האָט ער אויך באַשאַפן טייכן. זאָגט ער אים: עקיבא דיין רבי האָט נישט אַזוי געזאָגט, נאָר: ער האָט באַשאַפן צדיקים — האָט ער באַשאַפן רשעים, ער האָט באַשאַפן דעם גן עדן — האָט ער באַשאַפן דעם גיהנם. יעדער מענטש האָט צוויי חלקים, איין חלק אין גן עדן, און איין חלק אין גיהנם; איז דער צדיק זוכה — נעמט ער זיין חלק און יענעמס חלק אין גן עדן, איז דער רשע זינדיק — נעמט ער זיין חלק און יענעמס חלק אין גיהנם.

דאָ קומט צום אויסדרוק אַ טיפער געדאַנק, וואָס איז גאָרנישט אַזוי פשוט, אפשר וועט נאָך אויסקומען זיך צו פאַרנעמען דערמיט. זאָל יעדער אַליין זיך פאַרטיפן אינעם דאָזיקן ענין.

תשובה

שאַל אַחר את רבי מאיר, לאַחר שיצא לתרבות רעה: מאי דכתיב[20]: „לא יערכנה זהב וזכוכית, ותמורתו כלי פז"? אָמר לו: אלו דברי תורה שקשין לקנותן ככלי זהב וכלי פז, ונוחין לאַבדן ככלי זכוכית. אָמר לו: עקיבא רבך לא כך אָמר, אלא: מה כלי זהב וכלי זכוכית הללו, אַף על פי שנשתברו — יש להם תקנה, אַף תלמיד חכם, אַף על פי

19. חגיגה, טו, א.
20. איוב, כח, יז.

שסרח — יש לו תקנה. אָמר לו: אַף אַתה חזור בך! אָמר לו והלא כבר שמעתי מאחורי הפרגוד: „שובו בנים שובבים"[21], חוץ מאַחר"[22].

אַחר האָט געפרעגט רבי מאיר'ן, שוין נאָכדעם ווי ער איז געהאַט אויסגעגאַנגען לתרבות רעה: וואָס איז דער טייטש פונעם פסוק אין איוב: „גאָלד און גלאָז (דאַמאָלט איז גלאָז געווען זייער טייער) זענען נישט איר גלייכן, און מען קאָן עס נישט אויסטוישן אויף גינגאָלד"? זאָגט ער אים: דאָס מיינט מען דברי תורה וואָס איז שווער זיי צו דערווערבן אַזוי ווי גאָלד און גינגאָלד, אָבער עס איז לייכט זיי אָנצוווערן, אַזוי ווי גלאָזוואַרג. זאָגט ער אים: עקיבא דיין רבי האָט נישט אַזוי געזאָגט, נאָר: אַזוי ווי די גאָלדענע און גלעזענע כלים, אַז זיי ווערן צעבראָכן קאָן מען זיי צוריק אויפשטעלן, אַזוי אויך אַ תלמיד חכם, הגם ער איז קאַליע געוואָרן, קאָן ער דאָך האָבן אַ תקנה. זאָגט אים רבי מאיר: טאָ טו תשובה! זאָגט ער אים: איך האָב דאָך שוין געהערט פון הינטער די קוליסן: „טוט תשובה, ווילדע קינדער!", אויסער אַחר.

*

מעשה באַחר שהיה רוכב על הסוס בשבת, והיה רבי מאיר מהלך אַחריו ללמוד תורה מפיו, כיון שהגיע לתחום שבת, אָמר לו: מאיר, חזור לאחוריך, שכבר שיערתי בעקבי הסוס: עד כאן תחום שבת. אָמר לו: אַף אַתה חזור בך! אָמר לו: ולא כבר אָמרתי לך? כבר שמעתי מאחורי הפרגוד: „שובו בנים שובבים", חוץ מאַחר.

אַחר איז אַמאָל געריטן אויף אַ פערד אום שבת, און רבי מאיר איז אים נאָכגעגאַנגען לערנענדיק ביי אים תורה. ווען ער איז צוגעקומען צום תחום שבת (צוויי טויזנט איילן הינטער דער שטאָט), זאָגט ער אים: מאיר, גיי צוריק, לויט די טריט פונעם פערד, האָב איך באַמערקט אַז ביז דאַנען איז דער תחום שבת. זאָגט ער צו אים: טאָ גיי דו אויך צוריק! (דאָס הייסט: טו תשובה!). זאָגט ער אים: איך האָב דען דיר נאָך נישט געזאָגט, אַז איך האָב געהערט פון הינטער די קוליסן: „טוט תשובה, ווילדע קינדער!", אויסער אַחר.

21. ירמיהו, ג, יד.
22. חגיגה, טו, א.

עס ווערט איבערגעגעבן מערערע מאָל ווי רבי מאיר האָט אַלץ געוואָלט באַוועגן זיין רבי'ן אַז ער זאָל תשובה טוען, נאָר יענער האָט אָבער געהאַלטן אַז ביי אים וועט סיי ווי נישט העלפן קיין תשובה. צום סוף האָט רבי מאיר געוואָלט נאָך פּרווון אַ, דאַמאָלט אָנגענומען, פאָלקס־טימלעך מיטל: פרעגן ביי אַ קינד דעם פּסוק וואָס ער לערנט.

תקפיה ועייליה לבי מדרשא. אָמר ליה לינוקא: פסוק לי פסוקך. אָמר ליה: „אין שלום, אָמר ה׳ לרשעים״[23]. עייליה לבי כנישתא אַחריתי, אָמר ליה לינוקא: פסוק לי פסוקך. אָמר ליה: „כי אם תכבסי בנתר, ותרבי לך בורית, נכתם עונך לפני״[24]. עייליה לבי כנישתא אַחריתי. אָמר ליה לינוקא: פסוק לי פסוקך. אָמר ליה: „ואַת שדוד, מה תעשי כי תלבשי שני? כי תעדי עדי זהב? כי תקרעי בפוך עיניך? לשוא תתיפי״[25]. עייליה לבי כנישתא אַחריתי, עד דעייליה לתליסר בי כנישתא. כולהו פסקו ליה כי האי גוונא לבישותא. לבתרא, אָמר ליה: פסוק לי פסוקך. אָמר ליה: „ולרשע אָמר אלהים: מה לך לספר חוקי?״[26]. ההוא ינוקא הוה מגמגם בלישניה, אשתמע כמה דאָמר ליה: ולאלישע אָמר אלהים[27].

האָט ער אים אַריינגענומען אין אַ בית המדרש און האָט געזאָגט צו אַ קינד: זאָג מיר דיין פּסוק. האָט עס געזאָגט: „נישטאָ קיין שלום, זאָגט גאָט, פאַר די רשעים״. האָט ער אים אַריינגענומען אין אַן אַנדערן בית המדרש, זאָגט אַ קינד: „אפילו דו זאָלסט זיך וואַשן מיט סודע, און זאָלסט מערן אויף דיר זייף, איז געפלעקט דיין זינד פאַר מיר״. נעמט ער אים אַריין אין אַן אַנדערן בית המדרש, זאָגט דאָרטן אַ קינד: „און דו באַרויבטע, וואָס טוסטו, דאָס דו קליידסט דיך אין רויט, וואָס דו צירסט זיך מיט צירונג פון גאָלד, וואָס דו רייסט אויף דיינע אויגן מיט פאַרב? אומזיסט מאַכסטו זיך שיין!״. אַזוי האָט ער אים אַריינגענומען אין דרייצן בתי מדרש, און אַלע קינדער האָבן אים געזאָגט אַזעלכע ענלעכע פּסוקים, אַלץ צום בייזן. אין לעצטן בית המדרש האָט דאָס קינד

23. ישעיהו, מח, כב.
24. ירמיהו, ב, כג.
25. ירמיהו, ד, ל.
26. תהלים, נ, טז.
27. חגיגה, טו, א.

איהּ געזאָגט: „און צום רשע האָט גאָט געזאָגט, ווי קומסטו צו דער־ציילן מיינע געזעצן?!". דאָס דאָזיקע קינד האָט געשטאַמלט, איז אַרויס־געקומען אַזוי ווי ער וואָלט אָנשטאָט „ולרשע", געזאָגט: ולאלישע.

##ביים שטאַרבן

לאַחר ימים חלה אלישע, אָתון ואָמרון לרבי מאיר: הא רבך באיש. אָזל בעי מבקרתיה ואַשכחיה באיש. אָמר ליה: לית אַת חזור בך?! אָמר ליה: ואין חזרין מתקבלין? אָמר ליה: ולא כן כתיב?[28]: „תשב אנוש עד דכא ותאמר: שובו בני אָדם", עד דיכדוכה של נפש מקבלין. באותה שעה בכה אלישע ונפטר ומת. והיה רבי מאיר שמח בלבו ואומר: דומה שמתוך תשובה נפטר רבי. מן דקברוניה ירדה אש מן השמים ושרפה את קברו. אָתון ואָמרון לרבי מאיר: הא קבריה דרבך אייקד. נפק בעי מבקרתיה ואַשכחין אייקד, מה עבד? נסב גולתיה ופרסיה עלוי, אָמר: „ליני הלילה והיה בבוקר, אם יגאָלך טוב יגאַל, ואם לא יחפץ לגאָלך, וגאַלתיך אָנכי, חי ה'!"[29] „ליני הלילה", בעולם הזה שדומה ללילה. „והיה בבוקר", זה העולם הבא שכולו בוקר. „אם יגאָלך טוב יגאַל", זה הקדוש ברוך הוא שהוא טוב, דכתיב[30] ביה: „טוב ה' לכל, ורחמיו על כל מעשיו". „ואם לא יחפץ לגאָלך, וגאַלתיך אָנכי, חי ה'!" ואיטפיית[31].

אַז אלישע איז קראַנק געוואָרן, איז מען געקומען זאָגן רבי מאיר'ן: דיין רבי איז קראַנק. איז ער געגאַנגען אים באַזוכן, האָט ער אים טאַקע געטראָפן קראַנק. פרעגט ער אים: האַלסטו נישט ביי תשובה טוען? פרעגט ער צוריק: און אַז מען טוט תשובה ווערט מען דען אָנגענומען? ענטפערט רבי מאיר: עס איז דען נישט געשריבן: „ברענגסט דעם מענטשן ביז דערשלאָגנקייט, און זאָגסט: מענטשן, טוט תשובה!", ביז מען איז דערשלאָגן צו שטאַרבן, נעמט מען אָן תשובה. האָט אלישע גע־

28. תהלים, צ, ג.
29. רות, ג, יג.
30. תהלים, קמה, ט.
31. ירושלמי חגיגה, ב, א.

וויינט און איז געשטאָרבן. איז רבי מאיר געווען צופרידן און געזאָגט: עס זעט אויס אַז דער רבי איז געשטאָרבן אין תשובה.

נאָכדעם ווי מען האָט אים קובר געווען, איז אַראָפּ אַ פייער פון הימל און געברענט אויפן קבר. איז מען געקומען זאָגן רבי מאיר׳ן: דיין רבי׳נס קבר ברענט! איז ער געקומען און געזען אַז דער קבר ברענט טאַקע, וואָס האָט ער געטוען? ער האָט אויסגעטוען זיין מאַנטל און אים אויסגעשפרייט אויפן קבר און האָט (מיט די ווערטער פון אַ פסוק אין רות) געזאָגט: ליני הלילה, נאַכטיק די נאַכט, מיינט מען די וועלט, וואָס איז גליך צו דער נאַכט. והיה בבוקר, מיינט מען יענע וועלט, וואָס איז שטענדיק פרימאָרגן. והיה אם יגאָלך טוב יגאַל, אויב ער וועט דיך אויסלייזן, גוט זאָל ער אויסלייזן, מיינט מען הקדוש ברוך הוא, וואָס איז גוט, אַזוי ווי עס איז געשריבן: „גאָט איז גוט צו אַלע, און זיין רחמנות איז אויף אַלע זיינע ווערק". ואם לא יחפוץ לגאָלך, וגאַלתיך אָנכי, חי ה׳! — און אויב ער וועט דיך נישט אויסלייזן, וועל איך דיך אויסלייזן, אַזוי ווי גאָט לעבט!

איז דאָס פייער געוואָרן פאַרלאָשן.

נאָכן שטאַרבן

כי נח נפשיה דאַחר, אָמרי: לא מידן לידייניה ולא לעלמא דאָתי ליתי. לא מידן לידייניה, משום דעסק בתורה; ולא לעלמא דאָתי ליתי, משום דחטא. אָמר רבי מאיר: מוטב דלידייניה וליתי לעלמא דאָתי. מתי אָמות ואעלה עשן מקברו. כי נח נפשיה דרבי מאיר, סליק קוטרא מקבריה דאַחר. אָמר רבי יוחנן: גבורתא למיקלייה רביה בנורא, חד הוה ביננא ולא מצי לאַצוליה?! מתי אָמות, ואיפסיק עשן מקברו! כי נח נפשיה דרבי יוחנן פסק קוטרא מקבריה דאַחר[32].

ווען אַחר איז געשטאָרבן האָט מען געזאָגט: זאָל מען אים נישט משפט׳ן, און זאָל ער נישט האָבן קיין חלק לעולם הבא; זאָל מען אים נישט משפט׳ן ווייל ער איז עוסק געווען אין דער תורה, אָבער קיין עולם

32. חגיגה, טו, ב.

הבא זאָל ער נישט האָבן ווייל ער האָט דאָך געזינדיקט. זאָגט רבי מאיר: בעסער מען זאָל אים ליבערשט יאָ משפּט׳ן, און זאָל יאָ האָבן עולם הבא. ווען וועל איך שטאַרבן און אַרויסברענגען אַ רויך פון זיין קבר! ווען רבי מאיר איז געשטאָרבן איז טאַקע אויפגעגאַנגען אַ רויך פון אַחר׳ס קבר. זאָגט רבי יוחנן: אַ קונץ צו לאָזן ברענען דעם רבי׳ן! איינער אַזעלכער איז געווען צווישן אונז, זאָל מען אים נישט קאָנען אָפּראַטעווען?! ווען וועל איך שטאַרבן און אָפּשטעלן דעם רויך פון קבר. ווען רבי יוחנן איז געשטאָרבן, האָט טאַקע אויפגעהערט דער רויך פון אַחר׳ס קבר.

*

אָמרון לרבי מאיר: אין אָמרין לך בההוא עלמא: למאן אַת בעי למבקרה, לאָביך או לרבך? אָמר לון: אנא מיקרב לרבי קדמיי, ובתר כן לאבא. אָמרון ליה: ושמעין לך? אָמר לון: ולא כן תנינן?: מצילין תיק הספר עם הספר, תיק תפילין עם התפילין — מצילין לאלישע בזכות תורתו[33].

מען האָט געפרעגט רבי מאיר׳ן: אויב מען וועט דיך פרעגן אויף יענער וועלט: וועמען ווילסטו באַזוכן, דיין טאַטן אָדער דיין רבי׳ן? האָט ער זיי געענטפערט: איך וועל פריער זיך דערנענטערן צום רבי׳ן און דערנאָך צום טאַטן. פרעגן זיי אים: וועט מען דיך פאָלגן? זאָגט ער זיי: האָבן מיר דען נישט געלערנט אַז מען ראַטעוועט די שייט פון אַ ספר צוזאַמען מיטן ספר, די שייט פון תפילין צוזאַמען מיט די תפילין — אַזוי אויך ראַטעוועט מען אלישע׳ן אין זכות פון זיין תורה.

*

בתו של אחר אתאי לפני רבי. אָמרה ליה: רבי, פּרנסני. אָמר לה: בתי, של מי אַת? אָמרה: בתו של אַחר אני. אָמר: יש מזרעו בעולם? והכתיב[34]: „לא נין ולא נכד בעמו". אָמרה לו: רבי, זכור תורתו ואַל תזכור למעשיו. ירדה אש

33. ירושלמי, חגיגה, ב, א. אין מדרש איז פאַרקערט: פריער דער טאַטע און דערנאָך דער רבי. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ירושלמי איז מער אויטענטיש.
34. איוב, יח, יט.

מן השמים וסכסכה ספסלו של רבי. בכה רבי ואָמר: למתגנין בתורה, כך; למשתבחין בה — על אחת כמה וכמה[35].

אַחר׳ס טאָכטער איז געקומען צו רבי (רבי יהודה הנשיא. ער איז געווען רייך, האָט ער ביי אַ הונגער געעפנט פאַרן פאָלק זיינע שפּייכלער מיט תבואה) און אים געזאָגט: רבי, שפּייז מיך. זאָגט ער איר: מיין טאָכטער, ווער ביסטו? זאָגט זי אַחר׳ס טאָכטער. זאָגט רבי: האָט ער קינדער אויף דער וועלט? עס איז דאָך געשריבן: „ער האָט נישט קיין קינד און קיין אייניקל אין זיין פאָלק". זאָגט זי: רבי, געדענק זיין תורה, און געדענק נישט זיינע מעשים. איז אַראָפּ אַ פייער פון הימל און אָפּגעזענקט רבי׳ס באַנק. האָט רבי געוויינט און געזאָגט: צו די (תלמידי חכמים) וואָס גאַרזשן מיט דער תורה, איז אַזוי — טאָ ערשט צו די וואָס באַשיינען איר, איז דאָך אוודאי און אוודאי.

*

אַשכחיה רבה בר רב שילא לאליהו, אָמר לו: מאי קא עביד קודשא בריך הוא? אָמר לו: קאָמר שמעתא מפומייהו דכולהו רבנן, ומפומייה דרבי מאיר לא קאָמר. אָמר לו: אמאי? משום דקא גמר שמעתא מפומיה דאַחר. אָמר לו: אמאי? רבי מאיר רמון מצא, תוכו אָכל, קליפתו זרק. אָמר לו: השתא קאָמר: מאיר בני, כך הוא אומר...

רבה בר רב שילא האָט געטראָפן אליהו הנביא, האָט ער אים געבעטן אַז ער זאָל אים עפּעס דערציילן וועגן הקדוש ברוך הוא. האָט ער אים געזאָגט: הקדוש ברוך הוא פלעגט זאָגן דברי תורה אין נאָמען פון די חכמים, אויסער פון רבי מאיר׳ן. פרעגט ער אים: פאַרוואָס? זאָגט ער: ווייל ער האָט געלערנט ביי אַחר׳ן. טאָ וואָס איז? רבי מאיר האָט געפונען אַ מילגראַם, האָט ער געגעסן דעם תוך, אָבער די שאָל האָט ער אַוועקגעוואָרפן. זאָגט אים שפּעטער אליהו הנביא: יעצט זאָגט שוין דער רבונו של עולם: מאיר מיין קינד זאָגט אַזוי און אַזוי.

*

צום סוף איז דאָרטן צוגעגעבן אַ גאָר מערקווירדיקער מאמר, אַז

35. חגיגה, טו, ב.

אַפילו רבי עקיבא איז געהאַט געווען איינגעשטעלט אַז עס זאָל אים נישט פאַרשאַטן אין פּרדס:

ואף רבי עקיבא, בקשו מלאכי השרת לדוחפו, אָמר להם הקדוש ברוך הוא: הניחו לו לזקן זה, שראוי להשתמש בכבודי.

אויך רבי עקיבא'ן האָבן די מלאָכים געוואָלט פאַרטשעפן, האָט הקדוש ברוך הוא צו זיי געזאָגט: טשעפּעט נישט דעם דאָזיקן זקן! ער איז ראוי זיך צו פאַרנעמען מיט געטלעכקייט.

* *
*

רבי שמעון בן עזאי
און
רבי שמעון בן זומא

רבי שמעון בן עזאי

עס איז שוין איבן געוואָרן געשריבן וועגן אַרבעה שנכנסו לפרדס, וועגן די פיר חכמים צווישן די תנאים, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין די מיסטישע לערעס וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט און וועגן זיין פון לעבן.

מיסטישע לערעס. לעולם איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן, אין תוך גענומען, די גרויסע מיסטעריע, נאָר מענטשן זענען, געוועגלעך, דערצו צוגעווינט, באַמערקט מען גאָרנישט דאָס מיסטעריעזע דערפון. דאָך זענען אָבער שטענדיק פאַרהאַנדן יחידים, גייסטיקע מענטשן, וואָס זענען יאָ איבערגענומען מיט דער דאָזיקער מיסטעריע, וואָס איז פאַרהוילן און איז פאַרשטעלט דורך דער נאַטור, דורך דער טאָג־טעגלעכקייט פון לעבן.

אין יענעם גרויסן דור, אין יענער אַזוי שטורמישער עפּאָכע ביי יידן, זענען זיכער געווען מערערע יידישע מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין דער דאָזיקער מיסטעריע וואָס איז לעבן. פונדעסטוועגן ווערן דאַמאָלט דאָך אַרויסגעהויבן די דאָזיקע פיר חכמים שנכנסו לפרדס, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין דער באַשאַפונג פון דער וועלט, און פון לעבן בכלל, און טאַקע פונעם לעבן פון יידישן פאָלק בפרט. די דאָזיקע פיר חכמים, ווי שוין איבן דערמאָנט, זענען: בן עזאי, בן זומא, אלישע בן אביה און רבי עקיבא.

*

די דאָזיקע פיר חכמים, וואָס האָבן געלעבט צוזאַמען אין איין צייט אין ארץ ישראל, צייכענען זיך אויס יעדערער באַזונדער אין זיין אייגנ־אַרטיקייט, און זיי אַלע פיר זענען, גאַנץ פאַרשטענדלעך, זייער ווייט פון דורכשניטלעכקייט.

בן עזאי, אין יענער אויסערגעוועינלעכער עפּאָכע, צווישן חורבן ירו־שלים און חורבן ביתר, וואָס דאַמאָלט איז געווען דער גרויסער אויפ־שוואונג פון דער תורה, פון דער תורה שבעל פה — איז בן עזאי, אפילו דאַמאָלט, געווען באַרימט און אויסגעצייכנט מיט זיין אינגאַנצן זיך וויד־מענען דער תורה.

דוד מלכי

וואָס לערנט בן עזאי

ווי עס איז באַקאַנט, איז אין פרקי אָבות, לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר פון די תנאים, געברענגט בקיצור זייער לערע וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדערן פון זיי. פון בן עזאי ווערט געברענגט:

> בן עזאי אומר: הוי רץ למצוה קלה כבחמורה, ובורח מן העברה; שמצוה גוררת מצוה, ועברה גוררת עברה. ששכר מצוה — מצוה, ושכר עברה — עברה.
>
> הוא היה אומר: אַל תהי בז לכל אָדם, ואַל תהי מפליג לכל דבר; שאין לך אָדם שאין לו שעה, ואין לך דבר שאין לו מקום[1].

בן עזאי זאָגט: דו זאָלסט לויפן צו טוען אפילו אַ גרינגע מצוה, און זאָלסט אַנטלויפן פון אַן עברה; ווייל איין מצוה ברענגט אַן אַנדערע מצוה, און איין עברה ברענגט אַן אַנדערע עברה. דער שכר פון דער מצוה איז די מצוה, און דער שכר פון אַן עברה איז די עברה.

ער האָט געפלעגט צו זאָגן: דו זאָלסט נישט גרינגשעצן קיין שום מענטש, און נישט פאַרוואַרפן קיין שום זאַך; עס איז נישטאָ דער מענטש וואָס האָט נישט זיין שעה, און עס איז נישטאָ קיין זאַך וואָס האָט נישט איר אָרט.

*

הגם יעדערער פון אונז וואָס האָט אַמאָל געלערנט אין „חדר", דערמאָנט זיך אַוודאַי, די דאָזיקע צוויי משניות, וואָס מען האָט געהאַט געלערנט אין די זומער־שבתים — איז דאָס נישט גענוג; עס זענען לעבנסלערעס וואָס מען דאַרפט שטענדיק געדענקען, און טאַקע דער עיקר: וויסן ווי אַזוי זיי אַנצוווענדן אין לעבן.

*

1. אָבות, ד, ב—ג.

שמעון בן עזאי אומר: „ובכל נפשך"[2], אוהבהו עד מיצוי הנפש[3].

אויף דעם פּסוק אין דער תּורה: דו זאָלסט ליבן גאָט בכל נפשך, זאָגט שמעון בן עזאי: דו זאָלסט אים ליבן ביז דער טיפעניש פון דער נשמה.

*

„רק חזק לבלתי אכול הדם"[4], אָמר רבי שמעון בן עזאי: והרי שלוש מאות מצוות עשה בתורה כיוצא בזו, ולא אָמר בהם רק חזק כזאת, לומר לך: מה הדם, שאין בכל המצוות קל ממנו, הזהירך הכתוב עליו — שאַר כל המצוות, על אַחת כמה וכמה[5].

אין דער תּורה איז געשריבן: „אָבער שטאַרק זיך נישט צו עסן קיין בלוט", זאָגט רבי שמעון בן עזאי: עס זענען אַזוי דריי הונדערט מצוות עשה אין דער תּורה, און אין ערגעץ איז נישט אַזוי געשריבן: שטאַרק זיך. מיינט עס צו זאָגן: אַזוי ווי נישט צו עסן קיין בלוט, וואָס עס איז נישטאָ קיין לייכטערער געבאָט (ווייל עס איז דאָך עקלהאַפט), ווערט אַזוי געוואָרנט, טאָ ביי אַנדערע געבאָטן מוז מען דאָך אַוודאי זיך שטאַרקן.

תּורה ביי בן עזאי

עס ווערט איבערגעגעבן אַ שמועס צווישן די תּנאים: רבי אליעזר בן הורקנוס, רבי אלעזר בן עזריה, רבי עקיבא און בן עזאי, ווי וויכטיק עס איז די מצוה פּריה ורביה, פירן אַ פאַמיליע־לעבן און געבירן קינ־דער. בן עזאי איז געווען עקסטרעם מער ווי די אַנדערע חכמים. ווערט דערציילט:

---

2. דברים, ואתחנן, ו, ה.
3. ספרי ואתחנן, לב.
4. דברים, ראה, יב, כג.
5. ספרי דברים, ראה, עו.

אָמרו לו לבן עזאי: יש נאה דורש ונאה מקיים, נאה מקיים ואין נאה דורש, ואַתה נאה דורש, ואין נאה מקיים. אָמר להם בן עזאי: ומה אעשה שנפשי חשקה בתורה? אפשר לעולם שיתקיים על ידי אחרים[6].

האָבן זיי געזאָגט צו בן עזאי'ן: עס איז פאַרהאַנדן אַז מען דרש'נט שיין און מען איז שיין מקיים, עס איז אויך פאַרהאַנדן אַז מען איז שיין מקיים אָבער מען דרש'נט נישט שיין; דו אָבער, דרש'נסט שיין, אָבער דו ביזט נישט שיין מקיים!

זאָגט צו זיי בן עזאי: וואָס זאָל איך טוען אַז איך בין פאַרליבט אין דער תורה? קאָן די וועלט עגזיסטירן דורך אַנדערע.

*

איז טאַקע באַוווּסט אַז בן עזאי האָט נישט חתונה געהאַט. אָבער ווען עס רעדט זיך וועגן דער אויפירונג פון רחל'ן לגבי רבי עקיבא, ווערט דאָרטן צוגעגעבן:

ברתיה דרבי עקיבא עבדה ליה לבן עזאי הכי, והיינו דאָמרי אינשא: רחילא בתר רחילא אָזלא, כעובדיה אמה כך עובדי ברתא[7].

רבי עקיבא'ס טאָכטער האָט זיך אויך אַזוי געפירט לגבי בן עזאי, ווי זאָגן לייט: איין שעפּסעלע גייט נאָך דאָס אַנדער'ע, אַזוי ווי די מוטער, אַזוי פירט זיך אויך די טאָכטער.

איז אָנגענומען אַז זיי זענען טאַקע געהאַט געווען חתן־כלה, אָבער זיי האָבן נישט חתונה געהאַט[8].

*

איז בן עזאי געווען פאַרליבט אין דער תורה.

בן עזאי היה יושב ודורש, והאש מתלהטת סביבותיו. אָמרו

---

6. יבמות, סג, ב; תוספתא, ט, 250.
7. כתובות, סג, א.
8. תוספות ד"ה: ברתיה.

ליה: שמא בסדרי מרכבה אתה עוסק? אמר להם לאו, אלא מחריז דברי תורה לנביאים, ונביאים לכתובים, ודברי תורה שמחים כיום נתינתם בסיני. עיקר נתינתם באש נתנו, הדא הוא דכתיב[9]: „וההר בוער באש״[10].

בן עזאי איז געזעסן און גע׳דרש׳נט, און אַ פייערדיקע אַטמאָספּערע האָט אים אַרומגענומען, האָט מען אים געפרעגט: אפשר ביסטו גאָר עוסק אין סדרי מרכבה?[11] האָט ער געענטפערט: ניין, נאָר איך פלעכט דברי תורה מיט נביאים, און נביאים מיט כתובים. נאָר די דברי תורה פרייען זיך אַזוי ווי אין דעם טאָג ווען זיי זענען געגעבן געוואָרן אין סיני, וואָס זיי זענען געגעבן געוואָרן אין פייער, אַזוי ווי עס איז געשריבן: „און דער באַרג ברענט אין פייער״.

*

בן עזאי איז געווען רבי עקיבא׳ס תלמיד, אייגנטלעך, זיין חבר און תלמיד[12]. עס איז אינטערעסאַנט אַז אין מדרש רבה ווערט מאַנכעס מאָל בן עזאי דערמאָנט פאַר רבי עקיבא[13]. בן עזאי איז געווען אַזוי באַרימט אַז ער איז אַזש געווען אַ מוסטער אַלס אויטאָריטעט אין דער תורה. רבא, דער גרויסער אויטאָריטעט אין בבל האָט געזאָגט אויף זיך: איך בין דער היגער בן עזאי[14]. אַזוי אויך רבא[15] און אביי[16] האָבן געזאָגט אויף זיך: איך בין אַזוי ווי בן עזאי אין טבריא.

אויך בן עזאי אַליין האָט געוווסט זיין אייגענעם ווערט. אַמאָל האָט ער זייער דראַסטיש זיך אויסגעדריקט אַז אַלע חכמי ישראל (פון זיין צייט) זענען ביי אים כקליפת השום, אַזוי ווי די שאָל פון קנאָבל, אויסער רבי עקיבא[17].

*

9. דברים, ואתחנן, ד, יא.
10. ויקרא רבה, מצורע, ט, ד; שיר השירים רבה, א, נב.
11. סדרי מרכבה און מעשה מרכבה ווערן באַנוצט אַלס באַצייכענונג פאַר תורת הנסתר, פאַר מיסטישער לערע וועגן דער געטלעכקייט.
12. בבא בתרא, קנח, ב; ירושלמי, סוף פרק ט.
13. בראשית רבה, כד, ז; וישלח, פא, ב; קהלת רבה, י, א.
14. ירושלמי פאה, ו, ג; סוטה, ט, ב.
15. עירובין, כט, א.
16. קידושין, כ, א. סוטה, מה, א. ערכין, ל, ב.
17. בכורות, נח, א.

פונדעסטוועגן האָט בן עזאי באַדויערט אַז ער האָט נאָך ווייניק געלערנט. רבי יונתן זאָגט וועגן בן עזאי:

> ובלשון הזה אָמר לי: חבל על בן עזאי שלא שימש את רבי ישמעאל[18].

אַזוי האָט ער אויסדריקלעך געזאָגט: ווי צו בן עזאי וואָס האָט נישט באַדינט (דאָס הייסט: געלערנט אַלס תלמיד) רבי ישמעאל׳ן.

ער האָט אויך באַדויערט אַז ער האָט ווייניק געלערנט ביי רבי עקיבא:

> בלשון הזה אָמר בן עזאי: חבל עליך בן עזאי שלא שימשת את רבי עקיבא[19].

*

בן עזאי האַלט אַז מען דאַרפט אויך מיט די טעכטער לערנען תורה:

> מכאן אָמר בן עזאי: חייב אָדם ללמד את בתו תורה[20].

*

בן עזאי ווערט גערעכנט צווישן די פיר חכמים אין יבנה, וואָס האָבן געקענט פיל שפראַכן[21].

> משמת בן עזאי בטלו השקדנים[22].

ווען בן עזאי איז געשטאָרבן איז בטל געוואָרן דאָס מין מתמידים (אין דער תורה).

*

---

18. חולין, עא, א.
19. נדרים, עד, ב.
20. משנה סוטה, ג. ד.
21. ירושלמי שקלים, ה, א.
22. מ סוטה, ג, ט; סוף בבלי, סוף ירושלמי: פסקו השקדנים.

וועגן מענטש

„ואהבת לרעך כמוך"[23], רבי עקיבא אומר: זה כלל גדול בתורה. בן עזאי אומר: „זה ספר תולדות אדם ביום ברוא אלהים אדם, בדמות אלהים עשה אותו"[24], זה כלל גדול מזה[25].

אין דער תורה איז געשריבן: „זאלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך זעלבסט", זאָגט רבי עקיבא: דאָס איז אַ וויכטיקער כלל אין דער תורה. בן עזאי זאָגט אַז דער פסוק: „אין געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים גע־מאַכט", איז אַ וויכטיקערער כלל.

*

אמר בן עזאי: משלך יתנו לך, ובשמך יקראוך, ובמקומך יושיבוך, ואין שכחה לפני המקום, ואין אדם נוגע במוכן לחברו[26].

בן עזאי זאָגט (צום מענטש): געבן וועט מען דיר דאָס וואָס גע־הערט צו דיר, און ביי דיין נאָמען וועט מען דיך רופן, און אויף דיין אָרט וועט מען דיך זעצן, און עס איז נישטאָ קיין פאַרגעסן ביים רבונו של עולם, און אַ מענטש רירט נישט אָן דאָס וואָס איז אָנגעגרייט פאַר אַן אַנדערן.

*

בן עזאי אומר: כל שלקה גופו מפני חכמתו, סימן יפה לו; כל שלקה חכמתו מפני גופו, סימן רע לו. הוא היה אומר: כל שנטרפה דעתו מפני חכמתו, סימן יפה לו; וכל שנטרפה חכמתו מפני דעתו, סימן רע לו[27].

בן עזאי זאָגט: דער וואָס זיין גוף ווערט געשעדיקט צוליב זיין חכמה, איז עס אַ גוטער סימן פאַר אים; דאַקעגן אָבער, אַז זיין חכמה ווערט געשעדיקט צוליב זיין גוף, איז עס אַ שלעכטער סימן פאַר אים.

---

23. ויקרא קדושים, יט, יח.
24. בראשית, ה, א.
25. ספרא קדושים, יט, יח. ירושלמי נדרים, ט, ד.
26. תוספתא יומא, ב, ז, 185; בבלי, לח, ב; אין ירושלמי, ג, ט: בן זומא.
27. תוספתא ברכות, ג, ד, 6.

ער האָט געפּלעגט צו זאָגן: דער וואָס זיין וויסן איז געוואָרן צע־רודערט צוליב זיין חכמה, איז עס אַ גוטער סימן פאַר אים; דאַקעגן אָבער, אַז זיין חכמה איז געוואָרן צערודערט צוליב זיין וויסן, איז עס אַ שלעכטער סימן פאַר אים.

*

„ויאמר: אם שמוע תשמע לקול ה׳ אלהיך״[28], שמעון בן עזאי אומר: „שמוע״, מה תלמוד לומר: „תשמע״? מכאן: שאם רצה אָדם לשמוע — משמיעים אותו, לשכוח — משכיחין אותו[29].

„און ער האָט געזאָגט: אויב צוהערן וועסטו צוהערן צו דעם קול פון ה׳ דיין גאָט״, זאָגט שמעון בן עזאי: „צוהערן״, אָבער צו וואָס נאָך אַמאָל: „וועסטו צוהערן״? איז דערפון געדרינגען, אַז אויב אַ מענטש וויל טאַקע זיך צוהערן — מאַכט מען אים הערן; וויל ער אָבער פאַרגעסן — מאַכט מען אים פאַרגעסן.

*

בן עזאי אומר: „יקר בעיני ה׳ המותה לחסידיו״[30], ואימתי הקדוש ברוך הוא מראה להם היקר שהוא מתוקן להם? סמוך למיתתם[31].

אויף דעם פסוק אין תהלים: „שווער איז ביי גאָט דער טויט פון זיינע אויסדערוויילטע״, זאָגט בן עזאי: ווען ווייזט זיי הקדוש ברוך הוא דאָס טייערקייט (יקר, איז אי שווער אי טייער) וואָס איז פאַר זיי אָנגעברייט? — נאָענט פאַרן טויט.

*

הוא היה אומר: מת מתוך הישוב (ישוב הדעת) — סימן

28. שמות, בשלח, טו, כו.
29. מכילתא בשלח, 158.
30. תהלים, קטז, טו.
31. בראשית רבה, חיי שרה, סב, ב.

יפה לו, מתוך הטירוף — סימן רע לו. מתוך הדבור — סימן יפה לו, מתוך השתיקה — סימן רע לו. מתוך דברי תורה — סימן יפה לו, מתוך דברי סחורה — סימן רע לו. מתוך דבר מצוה — סימן יפה לו, מתוך דבר בטלה — סימן רע לו. מתוך שמחה — סימן יפה לו, מתוך עצבות — סימן רע לו. מתוך השחוק — סימן יפה לו, מתוך בכיה — סימן רע לו[32].

ער האָט געזאָגט: אַז אַ מענטש שטאַרבט ביים ישוב הדעת — איז עס אַ גוטער סימן פאַר אים, שטאַרבט ער אַ צעדרייטער — איז עס אַ שלעכטער סימן פאַר אים. רעדנדיק — איז עס אַ גוטער סימן, שווייגנ־דיק — איז עס אַ שלעכטער סימן. ביים רעדן דברי תורה — איז עס אַ גוטער סימן, ביים רעדן געשעפטלעך — איז עס אַ שלעכטער סימן. ביי אַ מצוה־זאַך — איז עס אַ גוטער סימן, ביי אַ נאַרישקייט — איז עס אַ שלעכטער סימן. פריילעך — איז עס אַ גוטער סימן, טרויעריק — איז עס אַ שלעכטער סימן. לאַכנדיק — איז עס אַ גוטער סימן, ווײ־נענדיק — איז עס אַ שלעכטער סימן.

וועגן קרבנות

אָמר רבי שמעון בן עזאי: בוא וראה מה כתוב בפרשת קרבנות, שלא נאמר בהן: אל, אלהים, אלא: ה׳; שלא ליתן פתחון פה לבעל הדין לחלוק וכו׳. לא אָמרתי אליכם: זבחו, כדי שלא תאמר: אעשה רצונו ויעש רצוני. לא לרצוני אַתם זובחים, אלא: לרצונכם, שנאמר[33]: „לרצונכם תזבחוהו"[34].

רבי שמעון בן עזאי האָט געזאָגט: קום און זע וואָס עס איז געשריבן אין דער פרשה פון קרבנות. עס איז דאָרטן נישט געזאָגט: אל אָדער אלהים, נאָר: ה׳, כדי נישט צו געבן אַ מעגלעכקייט שלעכט אויסצוטייטשן.

איך האָב אייך נישט געזאָגט: אַז איר זאָלט שחט'ן קרבנות, כדי

32. אָבות דרבי נתן, נו״א, כה.
33. ויקרא, קדושים, יט, ה.
34. מנחות, קי, א. ספרי פנחס, קמג.

דו זאָלסט נישט קאָנען זאָגן: איך וועל טוען זיין ווילן און ער זאָל טוען מיין ווילן; ניין, נישט מיין ווילן איז עס אַז איר זאָלט שחט'ן קרבנות, נאָר אייער ווילן איז עס, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: לרצונכם, אַז איר ווילט.

***

רבי שמעון בן זומא

בן זומא אומר: איזהו חכם? הלומד מכל אָדם, שנאמר[1]: „מכל מלמדי השכלתי". איזהו גבור? הכובש את יצרו, שנאמר[2]: „טוב ארך אפים מגבור, ומושל ברוחו מלוכד עיר". איזהו עשיר? השמח בחלקו, שנאמר[3]: „יגיע כפיך כי תאכל, אַשריך וטוב לך"; אַשריך — בעולם הזה, וטוב לך — לעולם הבא. איזהו מכובד? המכבד את הבריות, שנאמר[4]: „כי מכבדי אכבד, ובוזי יקלו"[5].

בן זומא זאָגט: ווער איז אַ חכם? דער וואָס לערנט זיך פון אַלע־מען, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „פון אַלע מיינע לערער האָב איך זיך געלערנט".

ווער איז אַ גבור? דער וואָס באַהערשט זיינע ליידנשאַפטן, אַזוי ווי עס איז געזאָגט אין משלי: „בעסער אַ געדולדיקער — איידער אַ גבור, און דער וואָס געוועלטיקט איבער זיין געמיט — איידער דער וואָס באַצווינגט אַ שטאָט".

ווער איז אַ רייכער? דער וואָס פרייט זיך מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט, אַזוי ווי עס איז געזאָגט אין תהלים: „די מי פון דיינע הענט אַז דו עסט — ביסטו גליקלעך און עס איז דיר גוט". „ביסטו גליקלעך" — מיינט מען אויף דער וועלט, „און עס איז דיר גוט" — מיינט מען אויף יענער וועלט.

ווער איז אַ מכובד? דער וואָס איז מכבד מענטשן, אַזוי ווי עס איז געשריבן: „ווייל די וואָס זענען מיך מכבד — וועל איך זיי מכבד זיין, און די וואָס זענען מיך מבזה — וועלן ווערן פאַראַכטעט".

---

1. תהלים, קיט, צט.
2. משלי, טז, לב.
3. תהלים, קכח, ב.
4. שמואל א, ב, ל.
5. אָבות, ד. א.

דוד מלכי

השמח בחלקו

געוועגלעך איז מען זיך טועה אין פשט פון שמח בחלקו, אויב מען מיינט אַז דער טייטש איז, אַז מען זאָל זיך באַניגן לאָזן מיט דעם וואָס מען האָט.

לעולם פאַרמאָגט יעדער מענטש פיל רייכקייטן. וואָס איז דען, אייגנטלעך, רייכקייט? מענטשן מיט אַ קנאַפּער השגה מיינען אַז זיין גליקלעך איז נאָר אַז מען איז רייך, און רייך איז מען נאָר אַז מען האָט אַ סך געלט.

עס איז אַ גרויס גליק אַז עס איז נישט אַזוי! ווען עס וואָלט טאַקע אַזוי געווען, וואָלט גאָר געווען אָך און ווי!

דער טייטש פון שמח בחלקו איז פשוט: מען זאָל ממש הנאה האָבן פון דעם וואָס מען פאַרמאָגט יאָ. פיל מענטשן ווייסן גאָרנישט און פילן גאָרנישט וואָס זיי פאַרמאָגן. זיי זעען נאָר שטענדיק, דאָס וואָס יענער פאַרמאָגט; אָבער זייער אייגנס האָט נישט ביי זיי קיין ווערט. נאָר וואָס דען? דאַמאָלט ווען מען פאַרלירט עפּעס, ווערט מען ערשט דאַמאָלט געוווּיער, וואָס מען האָט געהאַט פאַרמאָגט. אַז עס געשעעט, חלילה, עפּעס אַן אומגליק, זעט מען, ערשט דאַמאָלט, ווי גליקלעך מען איז געהאַט געווען פריער. טאָ פאַרוואָס זאָל מען פריער דאָס נישט וויסן?

לערנט בן זומא דעם מענטש אַז ער זאָל זיין אַ שמח בחלקו, אַז ער זאָל זיך פרייען מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט, אַז ער זאָל הנאה האָבן פון דעם וואָס ער האָט. איז דאָס דער זין פון: יגיע כפיך כי תאכל, אַשריך וטוב לך. אויב מען ווייסט דאָס, ווי געהעריק, אָפּצושאַצן, און מען איז נישט אַזוי נאַריש צו מיינען, אַז גליקלעך איז נאָר צו זיין רייך, און רייכקייט הייסט נאָר אַז מען פאַרמאָגט אַ סך געלט.

ווייסן אָפּצושאַצן דעם פּראָגרעס

בן זומא כשראה אוכלסא בהר הבית אומר: ברוך שנתן כל אלו לשרתני. הוא היה אומר: הרבה יגיעות יגע אָדם הראשון עד שמצא פת לאכול, ואני משכים ומוצא כולם מוכנים לפני. הוא היה אומר: הרבה יגיעות יגע אָדם הראשון עד שמצא בגד ללבוש: עד שגזז וליבן וטווה וארג,

ותפר, ואחר כך לבש; ואני משכים ומוצא כולם מוכנים לפני[6].

בן זומא, ווען ער האָט געזען אַ מאַסע מענטשן אויפן באַרג פון בית המקדש, האָט ער געזאָגט, געבענטשט איז ער וואָס האָט די אַלע באַשאַפן מיך צו באַדינען (דורך זייער אַרבעט). ער פלעגט זאָגן: אָדם הראשון האָט זיך געמוזט שטאַרק מיען ביז ער האָט געהאַט ברויט צום עסן; אָבער איך שטיי אויף אין דער פרי און געפין שוין דאָס אַלץ צוגעגרייט פאַר מיר. ער האָט אויך געזאָגט: אָדם הראשון האָט זיך געמוזט שטאַרק מיען ביז ער האָט געהאַט אַ בגד זיך אָנצוטוען: ביז ער האָט געשוירן און געבלייכט און געשפּינט און געוועבט און גענייט, און ערשט נאָכדעם האָט ער געהאַט זיך אָנצוטוען; אָבער איך שטיי אויף אין דער פרי און געפין דאָס אַלץ צוגעגרייט פאַר מיר.

*

זאָל מען דאָ שוין ברענגען, פון די זעלבע קוועלן, נאָך אַ מאמר פון בן זומא:

הוא היה אומר: אורח טוב, מהו אומר? כמה טרחות טרח בעל הבית בשבילי! כמה יין הביא לפני! כמה גלוסקאות הביא לפני! וכל מה שטרח בעל הבית, לא טרח אלא בשבילי! אורח רע, מהו אומר: מה טורח טרח בעל הבית זה? פת אַחת אָכלתי, חתיכה אַחת אָכלתי, כוס אחד שתיתי, כל שטרח, לא טרח אלא בשביל אשתו ובניו.

ער האָט געפלעגט צו זאָגן: וואָס זאָגט אַ גוטער גאַסט? וואָס פאַר אַ באַמיאונגען האָט דער בעל הבית זיך באַמיט צוליב מיר! וויפיל ווייַן האָט ער פאַר מיר געברענגט! וויפיל קיכלעך האָט ער פאַר מיר געברענגט! די אַלע באַמיאונגען זענען נאָר געווען צוליב מיר! אָבער אַ שלעכטער גאַסט זאָגט: וואָס האָט ער זיך דאָ באַמיט, דער בעל הבית? איך האָב געגעסן אַ שטיקל ברויט, אַ שטיקל (פליייש), און איך האָב געטרונקען אַ בעכערל ווייַן. אַלץ וואָס ער האָט זיך באַמיט, איז געווען פאַר זיין ווייב און קינדער.

6. ברכות, נח, א. לויט דקדוקי סופרים; תוספתא, ז, ב, 14; ירושלמי, ט, א.

דוד מלכי

בן זומא הציץ ונפגע

בן זומא איז אפילו צווישן די חכמים געווען באַרימט אַלס חכם. אַז מען האָט געזען בן זומא'ן אין חלום, האָט מען עס באַטראַכט אַלס אויסדרוק פון חכמה[7]. ער איז אויך געווען צווישן די פיר חכמים אין יבנה, וואָס האָבן געקענט פיל שפּראַכן[8]. ספּעציעל איז ער געווען באַרימט אַלס דרשן:

משמת בן זומא בטלו הדרשנים[9].

*

ווי מיר ווייסן, איז מיט בן זומא'ן נישט צוגעגאַנגען אַלץ אַזוי גלאַטיק.

בן זומא איז איינער פון די פיר וואָס נכנסו לפרדס, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין מיסטישע פּראָבלעמען, ווי עס איז אויבן באַשריבן. ווערט דאָרט געזאָגט:

בן זומא הציץ ונפגע.

בן זומא האָט אַריינגעקוקט און עס האָט אים פאַרשאַט.

וואָס, אייגנטלעך, האָט אים פאַרשאַט ווייסט מען נישט גענוי. מען ווייסט נאָר אַז ער האָט עוסק געווען אין מעשה בראשית, אַז ער האָט זיך געראַנגלט אין זיינע געדאַנקען וועגן דער וועלט-באַשאַפונג.

וועגן אַ פּסוק אין דער תורה: „ויעש אלהים את הרקיע"[10], ווערט דערציילט:

זה אחד מן המקראות שהרעיש בן זומא את העולם[11].

דאָס איז איינער פון די פּסוקים וואָס בן זומא האָט וועגן זיי מרעיש עולם געווען.

*

7. ברכות, נז, ב.
8. ירושלמי שקלים, ה, א.
9. משנה, ירושלמי, בבלי, סוף סוטה.
10. בראשית, א, ז.
11. בראשית רבה, ד, ו.

אין די תלמודישע ווערק ווערט איבערגעגעבן, אין אַ דראַסטישן פאָרם, אַזאַ שמועס צווישן רבי יהושע בן חנניה און בן זומא וועגן מעשה בראשית, וואָס צום סוף ווערט דאָרטן דערציילט:

אָמר להם רבי יהושע לתלמידיו: ככבר בן זומא מבחוץ! ולא היו ימים מועטים עד שנסתלק בן זומא"[12].

האָט רבי יהושע געזאָגט צו זיינע תלמידים: בן זומא איז שוין אין דרויסן. און נאָך אַ קורצער צייט איז בן זומא געשטאָרבן.

*

גאַנץ גענוי קאָן מען אפשר נישט וויסן, נאָר ווי עס זעט זיך אויס, האָט עס געהאַט אַ שייכות צו דואַליזם.

יעדנפאַלס איז בן זומא געבליבן אַנערקענט אַלס גרויסער חכם און איינער פון די חכמי המשנה, די באַרימטע תנאים.

* * *

12. תוספתא חגיגה, ב, ה, 234; ירושלמי, ב, א; בבלי, טו, א. בראשית רבה, ב, ד.

רבי ישמעאל בן אלישע

רבי ישמעאל בן אלישע

רבי ישמעאל בן אלישע, נאָענטער חבר און, זייער אָפט, דער בעל פּלוגתא פון רבי עקיבא. לויט ווי עס איז אָנגענומען, איז ער פון די עשרה הרוגי מלכות, פון די צען גדולי ישראל וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם. רבי ישמעאל איז געווען אַ כהן, און ווערט, מאַנכעס מאָל, פאַרטוישט מיט רבי ישמעאל בן אלישע כהן גדול, וואָס מען ווייסט נישט גענוי ווער יענער איז געווען[1].

רבי טרפון שטעלט אים פאַר אַלס חכם גדול ובקי באַגדות[2]. רבי יהושע בן חנניה, וואָס איז געווען פיל עלטער פון אים, איז צו אים געקומען פרעגן אַ הלכה[3]. רבי יהושע האָט אים אַמאָל אויך געפרעגט וועגן אַ געוויסן פסוק אין שיר השירים[4].

*

וועגן זיין קינדהייט ווערט דערציילט אַ מעשה, וואָס איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר דער לאַגע דאַמאָלט, נאָכן חורבן ירושלים.

מעשה ברבי יהושע בן חנניה שהלך לכרך גדול שברומי. אָמרו לו: תינוק אחד יש בבית האסורים, יפה עינים וטוב רואי וקווצותיו סדורות לו תלתלים. הלך ועמד על פתח בית האסורים ואָמר: „מי נתן למשיסה יעקב, וישראל לבוזזים"[5]. ענה אותו תינוק ואָמר: „הלוא ה', זו חטאנו לו ולא אָבו בדרכיו הלוך, ולא שמעו בתורתו". אָמר: מובטחני בו שמורה הוראָה בישראל, העבודה! שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שפוסקין עליו. אָמרו: לא זז משם עד שפדאו בממון

1. עס נעמט זיך אַוודאי פון אַ מאמר אין תוספתא, חלה, א, 98.
2. מועד קטן, כח, ב.
3. משנה, כלאים, ו, ד; תוספתא, ד, 78.
4. משנה, עבודה זרה, ב, ה.תוספתא פרה, י, 639
5. ישעיהו, מב, כד.

הרבה, ולא היו ימים מועטים עד שהורה הוראה בישראל. ומנו? רבי ישמעאל בן אלישע[6].

ווען רבי יהושע בן חנניה איז געהאַט געווען אין רוים האָט מען אים געזאָגט אַז עס געפינט זיך דאָרטן אין געפענגעניש אַן אײדל ייִנגעלע מיט שיינע אויגן און געלאָקטע האָר. האָט רבי יהושע זיך געשטעלט נעבן געפענגעניש און אויסגערופן דעם פּסוק אין ישעיהו: „ווער האָט געגעבן יעקב צו אויסרויבונג, און ישראל צו רויבער?". האָט דאָס ייִנגעלע אָפּגעענטפערט מיט דער אַנדערער העלפט פונעם זעלבן פּסוק: „דאָס איז גאָט, וואָס מיר האָבן קעגן אים געזינדיקט, און נישט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן, און זיך נישט צוגעהערט צו זיין תורה". זאָגט רבי יהושע: איך בין אין אים זיכער אַז ער וועט מיט ייִדן לערנען תורה. אַ שבועה! אַז איך וועל פון דאַנען נישט אַוועק ביז איך וועל אים אויס־לייזן פאַר יעדן פּרייז וואָס מען וועט פאַר אים פאַרלאַנגען. האָט מען דערציילט אַז ער האָט אים טאַקע אויסגעלייזט פאַר אַ סך געלט, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי ער האָט טאַקע געלערנט מיט ייִדן תורה. נו, ווער איז ער? רבי ישמעאל בן אלישע.

*

דאָס וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלעבט האָט נישט געווירקט, זעט מען, אויף זיין כאַראַקטער, אויף זיין גוטסקייט און געמיטלעכקייט, און אַזוי האָט רבי ישמעאל זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין שיינקייט[7].

זיין פּירונג

ומעשה באחד שנדר מבת אחותו הניה, והכניסוה לבית רבי ישמעאל, ויפוה. אמר לו רבי ישמעאל: בני, לזו נדרת? אמר לו: לאו. והתירו רבי ישמעאל. באותה שעה בכה רבי ישמעאל ואמר: בנות ישראל נאות הן, אלא שהעניות מנולתן. וכשמת רבי ישמעאל היו בנות ישראל נושאות

6. גיטין, נח, א. תוספתא הוריות, ב, 476.
7. עבודה זרה, יא, ב. חולין, קכג, א.

קינה ואומרות: בנות ישראל, אל רבי ישמעאל בכינה! וכן הוא אומר בשאול[8]: „בנות ישראל אל שאול בכינה!"[9].

אַמאָל האָט איינער געטוען אַ נדר קעגן זיין שוועסטערס טאָכטער אַז ער זאָל מיט איר נישט חתונה האָבן. האָט מען זי געבראַכט אין רבי ישמעאל'ס הויז אַריין און מען האָט זי געמאַכט שיין. האָט אים דאַמאָלט רבי ישמעאל געפרעגט: מיין זון, קעגן איר האָסטו געטוען דעם נדר? האָט יענער געענטפערט: ניין! האָט זיך רבי ישמעאל צעוויינט: די יידישע טעכטער זענען שיין, נאָר דאָס אָרעמקייט מאַכט זיי מיאוס, ווערט דאָרטן, אין דער משנה, ווייטער דערציילט: ווען רבי ישמעאל איז געשטאָרבן האָבן די פרויען אים באַוויינט: „יידישע טעכטער, באַוויינט רבי ישמעאל'ן!", אַזוי ווי די פרויען האָבן אַמאָל באַוויינט דעם ערשטן יידישן קעניג, שאול המלך.

*

תני רבי ישמעאל: „זה אלי ואַנוהו"[10], וכי אפשר לו לאָדם לנוואות את בוראו?! אלא אַנווהו לפניו במצוות: אעשה לו לולב נאה, סוכה נאָה, שופר נאה, ציצית נאין, תפילין נאין[11].

אין דער שירה ווערט געזאָגט: „דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען", לערנט רבי ישמעאל: קאָן דען אַ מענטש באַשיינען זיין באַשעפער?! נאָר איך וועל אים באַשיינען מיט באַשיינען די מצוות: אַ שיינער לולב, אַ שיינע סוכה, אַ שיינער שופר, שיינע ציצית, שיינע תפילין.

*

רבי ישמעאל איז געווען אַזוי איבערגענומען מיטן חורבן בית המקדש אַז ער האָט אַלץ געקלערט אַז מען טרויערט צו ווייניק:

אָמר רבי ישמעאל בן אלישע: מיום שחרב בית המקדש,

8. שמואל ב, א, כד.
9. משנה נדרים, ט, י; תוספתא, ה, 281.
10. שמות בשלח, טו, ב.
11. ירושלמי פאה, א, א.

דין הוא שנגזור על עצמנו שלא נאכל בשר ולא נשתה יין; אלא שאין גוזרין גזרה על הצבור, אלא אם כן רוב הצבור יכולים לעמוד בה"[12].

רבי ישמעאל בן אלישע האָט געזאָגט: פון דעם טאָג אָן וואָס דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, האָט מען, אייגנטלעך, געדאַרפט נעמען אויף זיך, נישט צו עסן קיין פלייש און נישט צו טרינקען קיין וויין; נאָר מען גיט נישט אַרויס קיין געזעץ וואָס די מערהייט פון דער באַפעלקערונג קאָן עס נישט אויספירן.

*

אַזוי האָט רבי ישמעאל זיך באַצויגן מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט צו ירושלים, וואָס איז דאַמאָלט געהאַט געווען חרוב און שרעקלעך שיקאַנירט, מער ווי גאַנץ ארץ ישראל:

רבי ישמעאל אומר: בזכות ירושלים אני אקרע להם את הים, שנאמר[13]: „עורי עורי, לבשי עוזך ציון, לבשי בגדי תפארתך, ירושלים עיר הקודש, כי לא יוסיף יבא בך עוד ערל וטמא". ואומר[14]: „עורי עורי לבשי עוז, זרוע ה', עורי כימי קדם דורות עולמים... השמה מעמקי ים דרך לעבור גאולים"[15].

רבי ישמעאל זאָגט אַז דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו משה'ן: צוליב ירושלים וועל איך פאַר זיי שפּאַלטן דעם ים, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „דערוועק זיך, דערוועק זיך, טו אָן דיין שטאַרקייט, ציון! טו אָן דיינע פּרעכטיקע קליידער ירושלים די הייליקע שטאָט, ווייל מער וועט נישט קומען אין דיר קיין ערל און קיין טמא". און נאָך האָט געזאָגט דער זעלבער נביא: דערוועק זיך, דערוועק זיך, טו אָן שטאַרקייט, גאָטס אָרעם; דערוועק זיך ווי אין די טעג פון אַמאָל, אין די דורות פון פאַרצייטן, וואָס האָט געמאַכט אַ וועג פאַר די אויסגעלייזטע אַריבערצוגיין".

12. בבא בתרא, ס. ב.
13. ישעיהו, נב, א.
14. ישעיהו, נא, ט—י.
15. מכילתא בשלח, ויהי, ג, 97.

*

רבי ישמעאל, זייער סובטעל און עמפינדלעך צו די אַזוי שווערע ליידן וואָס יידן זענען דאַמאָלט געהאַט אויסגעשטאַנען, האָט ער זיך צו זיי באַצויגן מיט פיל ליבשאַפט, און האָט געפלעגט זיך אויסצודריקן:

בני ישראל, אני כפּרתם[16].

גאַסט־פריינדלעכקייט

ווי עס איז שוין געוואָרן דערמאָנט, ווערט אין די קורץ־געפאַסטע דברי מוסר פון די חכמי המשנה, וואָס ווערן געבראַנגט אין פּרקי אָבות, געוועגלעך איבערגעגעבן דאָס וואָס עס איז פאַר זיי כאַראַקטעריסטיש. פון רבי ישמעאל ווערט געבראַנגט:

וֶהֱוֵי מקבל את כל אָדם בשמחה[17].

און דו זאָלסט יעדן מענטש אויפנעמען מיט פרייד.

*

תני דבי רבי ישמעאל: „ויבוא אַהרן וכל זקני ישראל לאכול לחם עם חותן משה לפני האלהים[18]", וכי לפני האלהים אָכלו? אלא מכין, שהמקבל פּני חברו, כאילו מקבל פּני שכינה[19].

„און אַהרן און אַלע עלטסטע פון ישראל זענען געקומען עסן ברויט מיט משה׳ס שווער פאַר גאָט", פרעגט רבי ישמעאל: וואָס הייסט: „זיי האָבן געגעסן פאַר גאָט"? נאָר, אַז מען נעמט אויף אַ גאַסט, איז עס אַזוי גוט ווי מען וואָלט געהאַט אויפגענומען די שכינה.

*

16. משנה נגעים, ב, א. ספרא תזריע, נגעים, א, ה.
17. משנה אָבות, ג, יג.
18. שמות יתרו, יח, יב.
19. ירושלמי, עירובין, ה, א.

מען דאַרפט אויפנעמען מענטשן מיט פרייד און מיט זיי געמיטלעך פאַרברענגען, אָבער נאָך וויכטיקער דערפון, האָלט רבי ישמעאל, איז זיך משתתף צו זיין, זיך צו באַטייליקן, אין יענעמס טרויער:

בית המשתה ובית האבל, בית המשתה קודם לבית האבל. רבי ישמעאל היה מקדים בית האבל לכולן, שנאמר[20]: „טוב ללכת לבית האבל מלכת אל בית המשתה"[21].

אַז אין דער זעלבער צייט האָט מען צו גיין, אי אין אַ הויז ווו עס קומט פאָר אַ סעודה, אי אין אַ הויז ווו מען טרויערט — האַלטן אַנדערע אַז מען זאָל ליבערשט גיין אויף דער סעודה; אָבער רבי ישמעאל האַלט פאַרקערט: שטענדיק איז פאָר אַלעם, דאָס הויז פון טרויער, אַזוי ווי עס זאָגט קהלת: „בעסער צו גיין אין הויז פון טרויער, איידער צו גיין אין הויז פון אַ סעודה".

*

רבי ישמעאל האָט אויסגעטייטשט חלומות צום גוטן, למשל:

שאל בן דמא בן אחותו של רבי ישמעאל את רבי ישמעאל: ראיתי את לחיי שנשרו. אמר: שני גדולי רומי יעצו עליך עצה רעה — ימותו[22].

בן דמא, רבי ישמעאל'ס שוועסטערס זון האָט געפרעגט רבי ישמעאל'ן: איך האָב געזען (אין חלום) אַז מיינע באַקן זענען אַרויסגעפאַלן. האָט ער אים געזאָגט: צוויי רוימישע גרויסע לייט האָבן געטראַכט שלעכטס קעגן דיר און זיי וועלן שטאַרבן.

זיין צוגאַנג צום לעבן

„ואספת דגנך"[23], מה תלמוד לומר: לפי שנאמר[24]: „לא ימוש

20. קהלת, ז, ב.
21. תוספתא מגילה, ד, 226.
22. ברכות, נו, ב.
23. דברים, עקב, יא, יד.
24. יהושע, א, ח.

ספר התורה הזה מפיך", יכול דברים ככתבם, תלמוד לומר: „ואספת דגנך": הנהג בהם מנהג דרך ארץ, דברי רבי ישמעאל[25].

„און דו וועסט איינזאמלען דיין קארן", וואס מיינט דאס צו זאגן? נאר ווייל עס איז געזאגט געווארן: „עס זאל זיך נישט אפטועז דאס דאזיקע ספר פון דער תורה, פון דיין מויל", וואלט מען דאך געקאנט מיינען אז דער טייטש איז ווערטלעך, לערנט אונז דער פסוק: „און דו וועסט איינזאמלען דיין קארן": אז דו זאלסט זיך פירן ווי דער שטייגער פון דער וועלט, אזוי האלט רבי ישמעאל.

אבער רבי שמעון בן יוחאי האלט אז דער פסוק מיינט טאקע ווערט־לעך, אז מען זאל שטענדיק לערנען תורה.

*

תני רבי ישמעאל: „ובחרת בחיים[26]", זו אומנות[27].

רבי ישמעאל האט געלערנט, אז דאס וואס עס שטייט אין דער תורה: „דו זאלסט אויסוויילן דאס לעבן", מיינט מען האנטווערק, פראָ־דוקטיווע ארבעט.

*

רבי ישמעאל האט געהערט צו בית הילל[28], און איז געוועזנלעך געווען בכלל געניגט צו פארלייכטערן. זיין פרינציפּ איז געווען:

כל המחמיר — עליו ראיה ללמד[29].

ווען עס קומט פאר א פלוגתא צווישן די חכמים, איז דער וואס איז מחמיר, דער וואס מאכט שווערער, דער מוז עס ספּעציעל באגרינדן.

זעט מען ווי רבי ישמעאל איז אמאל מקיל, ער פארלייכטערט, אפילו ביי גיטין און ביי חליצה[30].

25. ברכות, לה, ב. ספרי עקב, מב.
26. דברים, נצבים, ל, יט.
27. ירושלמי, קידושין, א. ז.
28. ברכות, יא, א; תוספתא, ריש ברכות.
29. משנה ידים, ד, ג.
30. תוספתא און ירושלמי ריש ברכות. תוספתא יבמות, יב, 255.

דוד מלכי

באַציאונג צו גויים

די לאַגע דאַמאָלט אין ארץ ישראל איז געהאַט געווען זייער אַ קריטישע אין אַלע הינזיכטן. אויסער אַלעם האָבן די גויים דאָרטן געהאַט פיל פּריווילעגיעס, און די יידן זענען אין אַלעם געוואָרן שיקאַנירט. איז דעריבער, געגנוג פאַרשטענדלעך דער ווייטערדיקער מאמר:

ישראל וכנעני אַנס שבאו לפניך לדין: אם אַתה יכול לזכהו בדיני ישראל — זכהו, ואמר לו: כך דיננו; בדיני כנענים — זכהו, ואמר לו: כך דינכם; ואם לאו — באין עליו בעקיפין, דברי רבי ישמעאל[31].

אַז אַ ייד און אַ ברוטאַלער כנעני (אַזוי ווערט געזאָגט בפירוש: כנעני אַנס) קומען צו דיר צו אַ משפט: קאָנסטו אים געבן רעכט לויט דעם יידישן דין — גיב אים, און זאָג: אַזוי איז אונזער דין; קאָנסטו אים געבן גערעכט לויט זייער דין — גיב אים, און זאָג: אַזוי איז אייער דין. אויב נישט: מאַך עפּעס אַ דריי, אַזוי האַלט רבי ישמעאל. רבי עקיבא האַלט אַז מען טאָר נישט אַזוי, נאָר מען מוז אים משפּט׳ן מיט גערעכטיקייט.

*

רבי ישמעאל איז קאַטעגאָריש קעגן געמישטע חתונות צווישן יידן און גויים:

תני רבי ישמעאל: זה שהוא נושא נכרית ומוליד בנים, מעמיד אויבים ממנה למקום[32].

רבי ישמעאל לערנט: דער ייד וואָס האָט חתונה מיט אַ גויה און האָט מיט איר קינדער, ברענגט ער אויף דער וועלט שונאים קעגן רבונו של עולם.

*

31. בבא קמא, קיג, א. ספרי דברים, טז.
32. ירושלמי סנהדרין, ט, ז.

גוי אחד פגע ברבי ישמעאל ובירכו, אָמר ליה: כבר מילתך אמורה. אַחר פגע בו וקיללו, אָמר ליה: כבר מילתך אמורה. אָמרו ליה תלמידיו: רבי, היך מה דאמרת לדין אמרת לדין?! אָמר לון: ולא כן כתיב[33]: „אורריך — אָרור, ומברכיך — ברוך"[34].

אַ גוי האָט געטראָפן רבי ישמעאל'ן און האָט אים געבענטשט, האָט רבי ישמעאל צו אים געזאָגט: דיינס איז שוין געזאָגט געוואָרן. האָט אים געטראָפן אַן אַנדערער גוי און האָט אים געשאָלטן, האָט ער אויך געזאָגט דאָס זעלבע: דיינס איז שוין געזאָגט געוואָרן. האָבן זיינע תלמידים געפרעגט: רבי, דאָס זעלבע וואָס דו האָסט געזאָגט צו יענעם, האָסטו אויך געזאָגט צו אים! האָט ער זיי געענטפערט: איז דען נישט געשריבן אין דער תורה: „דיינע שעלטער זענען פאַרשאָלטן, און דיינע בענטשער זענען געבענטשט".

*

אַזוי ווי די אַנדערע יידישע חכמים, אַזוי ווי רבי טרפון און רבי עקיבא, און אפשר נאָך שטרענגער, איז רבי ישמעאל געווען קעגן די מינים, די דאַמאָלטיקע סעקטע ביי יידן, אַנהענגער פון ישו הנוצרי. עס ווערט, למשל, דערציילט:

מעשה ברבי אלעזר בן דמה שנשכו נחש ובא יעקב איש כפר סמא לרפאותו משום ישוע בן פנטרא, ולא הניחו רבי ישמעאל. אָמר לו: אי אַתה רשאי בן דמה. אָמר לו: אני אביא לך ראיה שירפאני, ולא הספיק להביא ראיה עד שמת. אָמר רבי ישמעאל: אַשריך בן דמה שיצאת בשלום ולא פרצת גדרן של חכמים, שכל הפורץ גדרן של חכמים, לסוף פורענות בא עליו, שנאמר: „ופורץ גדר ישכנו נחש"[35].

אַ מעשה מיט רבי אלעזר בן דמא: אַ שלאַנג האָט אים געהאַט געביסן, איז צו אים געקומען אַ געוויסער יעקב פון דאָרף סמא, אים

33. בראשית, תולדות, כז, כט.
34. ירושלמי סוכה, ג, י; ברכות, סוף פרק ח.
35. קהלת, י, ח. תוספתא חולין, ב, 503. ירושלמי שבת, סוף פרק יד; עבודה זרה, ב, ב; בבלי, כז, ב.

צו היילן לויט ישוע בן פנטרא. נאָר רבי ישמעאל האָט דערצו נישט צוגעלאָזט. זאָגט ער צו אים: איך וועל דיר ברענגען אַ באַווייז אַז ער מעג מיך יאָ היילן. האָט ער אָבער נישט באַוויזן דאָס אַרויסצוברענגען און איז געשטאָרבן. האָט רבי ישמעאל געזאָגט: ווייל איז דיר בן דמא, אַז דו ביזט אַרויס בשלום, און דו האָסט נישט אויפגעבראָכן דעם צוים פון די חכמים; ווייל אַז מען ברעכט אויף דעם צוים פון די חכמים, ברענגט מען אויף זיך אַ שטראָף, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין קהלת: „און דער וואָס ברעכט אויף אַ צוים, וועט אים בייסן אַ שלאַנג״.

*

וועגן זייערע שריפטן, די ספרי מינים, דריקט זיך אויס רבי ישמעאל:

שמטילין איבה בין ישראל לאביהם שבשמים[36].

ווייל זיי ברענגען אַריין אַ שנאה צווישן די יידן און זייערן פאָטער אין הימל.

חילול השם

שאל רבי מתיא בן חרש את רבי אלעזר בן עזריה ברומי: שמעת ארבעה חילוקי כפרה שהיה רבי ישמעאל דורש? אמר לו: שלשה הן, ותשובה עם כל אחת ואחת: עבר על „עשה״ ושב — אינו זז משם עד שמוחלין לו מיד, שנאמר[37]: „שובו בנים שובבים״. עבר על „לא תעשה״ ועשה תשובה — תשובה תולה ויום הכפורים מכפר, שנאמר[38]: „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם״. עבר על כריתות ומיתות בית דין ועשה תשובה — תשובה ויום הכפורים תולין, ויסורין ממרקים, שנאמר[39]: „ופקדתי בשבט פשעם, ובנגעים עונם״. אבל מי שיש חילול השם בידו — אין כח לא בתשובה לתלות, ולא ביום הכפורים לכפר, ולא

36. תוספתא שבת, יג, 129; בבלי, קטז, א.
37. ירמיהו, ג, יד.
38. ויקרא, אחרי, טז, ל.
39. תהלים, פט, לג.

ביסורים למרק, אלא כולן תולין, ומיתה ממרקת, שנאמר[40]: „ונגלה באזני ה׳ צבאות, אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון״[41].

ווען רבי אלעזר בן עזריה איז געהאט געווען אין רוים, האט אים דארטן רבי מתיא בן חרש געפרעגט: האסטו אפשר געהערט וועגן די פירערליי ארט זינד־פארגעבונג, וואס רבי ישמעאל האט געלערנט? האט רבי אלעזר בן עזריה אים געענטפערט: דריי זענען זיי, אבער שטענדיק מוז זיין דערביי תשובה:

איז ער באגאנגען אן עברה אן „עשה״ (ער האט נישט געטוען קיין מצוה), און האט געטוען תשובה — ווערט עס אים באלד פארגעבן, אזוי ווי עס זאגט דער נביא: „טוט תשובה, ווילדע קינדער!״.

איז ער באגאנגען אן עברה א „לא תעשה״ (א פארבאט), מוז זיין אי תשובה אי יום כפור, אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין דער תורה: „ווייל אין דעם דאזיקן טאג וועט מען אייך פארגעבן, אייך צו רייניקן״.

איז ער באגאנגען א גאר שווערע עברה און האט געטוען תשובה — איז תשובה און יום כפור נישט גענוג נאר אויך יסורים. אזוי ווי עס ווערט געזאגט אין תהלים: „איך וועל שטראפן מיט א רוט פאר זייער פארברעכן, און מיט פלאגן פאר זייערע זינד״.

איז עס אבער פארבונדן מיט חלול השם — איז דאס אלץ נישט גענוג: אי תשובה אי יום כפור אי יסורים, נאר דאס אלץ צוזאמען, ביז ער שטארבט, אזוי ווי עס זאגט דער נביא: „און גאט האט זיך אנטפלעקט פאר מיינע אויערן: אויב די דאזיקע זינד וועט אייך ווערן פארגעבן ביז איר וועט שטארבן״.

*

היה רבי ישמעאל אומר: מניין שאם אומרים לו לאדם: עבוד עבודה זרה ואל תהרג, שיעבוד ואל יהרג? תלמוד לומר[42]: „וחי בהם״, ולא שימות בהם. יכול אפילו בפרהסיא? תלמוד לומר[43]: „ולא תחללו את שם קדשי״[44].

---

40. ישעיהו, כג, יד.
41. יומא, פו, א; תוספתא, ה, 190. ירושלמי סנהדרין, י, א. אפשר דארפט אנשטאט ראב״ע זיין: רבי אלעזר ברבי יוסי.
42. ויקרא, אחרי, יח, ה.
43. ויקרא, אמור, כב, לב.
44. עבודה זרה, כז, ב. סנהדרין, עד, א. ספרא אחרי, ט, יג, יד.

רבי ישמעאל האָט געפּלעגט צו זאָגן: פון וואַנען קאָן מען לערנען אַז ביי סכנת נפשות, מעג מען עובר זיין אויף דער עברה פון עבודה זרה? ווייל עס איז געזאָגט אין דער תורה: וחי בהם, און ער לעבט מיט זיי, (מיט די געזעצן אין דער תורה) — זענען זיי צום לעבן, אָבער נישט צום שטאַרבן. אַז עס איז אָבער בפרהסיא, אין דער עפנטלעכקייט — טאָר מען נישט, ווי עס לערנט די תורה: „און איר זאָלט נישט פאַר־שוועכן דעם נאָמען פון מיין הייליקייט".

*

„ויחר אף משה וישלח מידיו את הלוחות וישבר אותם תחת ההר", תני רבי ישמעאל: הקדוש ברוך הוא אמר לו שישברם, שנאמר: „ואכתוב על הלוחות את הדברים אשר היו על הלוחות הראשונים אשר שברת", אמר לו: יפה עשית ששיברת"[45].

אין דער תורה איז געשריבן: „האָט געגרימט דער צאָרן פון משה'ן און האָט אַ וואָרף געטוען פון זיינע הענט די לוחות, און האָט זיי צעבראָכן אונטערן באַרג", האָט רבי ישמעאל געלערנט: הקדוש ברוך הוא האָט געהייסן משה'ן זיי צו צעברעכן, אַזוי ווי עס שטייט שפּעטער אין דער תורה אַז גאָט זאָגט: „און איך וועל אויפשרייבן אויף די לוחות די ווער־טער וואָס זענען געהאַט געוועזן אויף די ערשטע לוחות וואָס דו האָסט צעבראָכן", דאָס הייסט: דו האָסט גוט געטוען וואָס דו האָסט זיי צע־בראָכן.

*

„ואנשי קודש תהיון לי", רבי ישמעאל אומר: כשאתם קדושים — הרי אתם שלי"[46].

אין דער תורה איז געשריבן: „מענטשן פון הייליקייט זאָלט איר מיר זיין!", זאָגט רבי ישמעאל: אַז איר זענט הייליק — זענט איר מיינע.

45. שמות, כי תשא, לב, יט. דברים, י, ב. ירושלמי תענית, ד, ה.
46. שמות, משפטים, כב, ל. מכילתא אויפן זעלבן פסוק, זייט 320.

רבי ישמעאל און רבי עקיבא

ווען רבי עקיבא איז אפילו שוין געהאַט געווען אויסגעוואַקסן אין זיין הויך און אין זיין קראַפט, און איז שוין געווען דער אַנערקענטער אויטאָריטעט, האָט ער אָבער נאָך געהאַט קעגנער צווישן די חכמי יבנה, וואָס האָבן מאַנכעס מאָל אפילו גאָר שאַרף זיך אויסגעדריקט קעגן זיינע זייער געוואָגטע אויסערונגען. עס זענען פאָרגעקומען פיל פלוגתות צווישן רבי עקיבא און די אַנדערע חכמים. גאַנץ באַזונדער זענען גאָר אָפט, הגם זייער פריינדלעך, פאָרגעקומען אַזעלכע פלוגתות צווישן רבי עקיבא און רבי ישמעאל. אגב, זייביידע ווערן באַצייכנט אַלס: אבות העולם[47].

*

די דאָזיקע צוויי חכמים זענען געווען גאַנץ פאַרשידנאַרטיק אין זייערע אייגנשאַפטן: אַזוי ווי רבי עקיבא האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הויכן שווונג, מיט דעם ברייטן אומפאַנג, מיט זיין שטאַרקן כאַראַק־טער און ברויזנדיקן טעמפעראַמענט: אַזוי האָט רבי ישמעאל זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רואיקייט, מיט זיין גלייכער לאָגיק, און אויך מיט אַ באַזונדערער באַשיידנקייט.

גאָר אָפט זענען די מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן די דאָזיקע צוויי חכמים געווען: ווי אַזוי אויסצוטייטשן די געזעצן אין דער תורה.

*

עס ווערט ווייטער געברענגט וועגן רבי עקיבא׳ן:

שעתיד לדרוש על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות[48].

ווי פון יעדן שטריך אין דער תורה אַרויסצוברענגען אַ מענגע הלכות. אָבער רבי ישמעאל האַלט אַז:

דברה תורה כלשון בני אָדם[49].

די תורה האָט גערעדט אַזוי ווי די מענטשלעכע שפּראַך.

47. ירושלמי שקלים, ג, א; ראש השנה, א, א.
48. מנחות, כט, ב.
49. סנהדרין, סד.

*

לויט רבי עקיבא איז אין דער תורה נישטאָ קיין איבעריקע ווערטער אָדער אותיות צוליב דעם סטיל און דעם גייסט און כאַראַקטער פון דער שפּראַך, נאָר יעדעס וואָרט און יעדעס אות האָט אַ באַזונדערע באַשטימטע באַדייטונג.

אָבער לויט רבי ישמעאל איז זיך צו רעכענען נאָר לויט דעם אינהאַלט פונעם פּסוק, נישט לויט זיין אויסערלעכער פאָרם.

*

אַזוי האַלט רבי ישמעאל:

אין מוקדם ומאוחר בתורה[50].

די תורה איז נישט געשריבן לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר.

*

ווי עס איז געברענגט אינעם ערשטן טייל (זייט [132]), האָט הילל הזקן געהאַט אַנטוויקלט זיבן מידות, אַזעלכע כללים ווי אַזוי צו דרש'נען די תורה:

שבע מידות שהתורה נדרשת בהן.

האָט רבי ישמעאל צוגעגעבן ביז דרייצן:

רבי ישמעאל אומר: בשלש עשרה מדות התורה נדרשת[51].

רבי ישמעאל האָט געפּלעגט צו דרש'נען די תורה לאָגיש און לויטן פּשוט'ן פּשט, און ווערט גערעכנט צווישן די גרויסע דרשנים. ער האָט געהאַלטן גאָר הויך דאָס אויסטייטשן די תורה דורך די חכמים. ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט:

---

50. קהלת רבה, א, לא. אין מכילתא בשלח, טו, ט, ווערט עס געברענגט סתם.
51 ברייתא דרבי ישמעאל, וואָס איז געברענגט אָנהייב ספרא. דאָרט ווערן זיי אַלע אויסגערעכנט און ברייט אַנטוויקלט.

לא מסרו הכתוב אלא לחכמים[52].

דער פסוק איז איבערגעגעבן נאָר צו די חכמים. (אַז זיי זאָלן אים געבן אויסטייטשן).

*

לויט רבי ישמעאל זענען אַמאָל מצוות דרבנן האַרבער ווי דאוריתא:

תני רבי ישמעאל: דברי תורה יש בהן איסור ויש בהן היתר, יש בהן קלין ויש בהן חמורין, אבל דברי סופרים כולן חמורין הן[53].

רבי ישמעאל האָט געלערנט: ביי דברי תורה איז פאַרהאַנדן איסור און היתר, לייכט און האַרב; אָבער ביי דברי סופרים איז אַלץ האַרב.

*

רבי ישמעאל איז נאָר געווען קעגן איבערטרייבן ביים דרש׳נען, ביים אויסטייטשן די תורה לויט דעם נישט פשוט׳ן פשט. עס איז זייער אינטערעסאַנט ווי אַזוי ער האָט אַמאָל וועגן דעם זיך געהאַט אויסגע־דריקט קעגן רבי אליעזר בן הורקנוס:

אָמר לו רבי ישמעאל: הרי אַתה אומר לפסוק: שתוק עד שאדרוש. אָמר לו רבי אליעזר: ישמעאל, דקל הרים אַתה[54].

רבי ישמעאל האָט אַמאָל צו אים געזאָגט: עס איז אַזוי ווי דו וואָלסט געזאָגט צום פסוק: „שווייג ביז איך וועל דרש׳נען!". האָט רבי אליעזר צו אים געזאָגט: ישמעאל, דו ביזט אַ באַרג־בוים! (דאָס הייסט: אַ טרוקענער בוים).

*

אַן אַנדערשט מאָל דריקט זיך רבי ישמעאל אויס אויף אַזוי אַן ענ־לעכן אופן לגבי רבי עקיבא:

52. ספרי ראה, קלה.
53. ירושלמי עבודה זרה, ב, ז; סנהדרין, יא, ד.
54. ספרא תזריע, ה, יג.

אָמר לו רבי עקיבא: ישמעאל אָחי, „בת ובת" אני דורש. אָמר לו: וכי מפני שאַתה דורש: „בת ובת", נוציא זו לשריפה ?![55]

*

עס איז אויך אַ פלוגתא צווישן די דאָזיקע צוויי חכמים וועגן דעם אַזוי אָפּט פאַרגעקומען וואָרט את. רבי ישמעאל האַלט עס פאַר אַ געווענלעך פאַרהעלטעניש־וואָרט, וואָס האָט נישט קיין איבעריקע באַדייטונג; אָבער רבי עקיבא האַלט אַז עס האָט יאָ שטענדיק אַ באַזונדערע באַדייטונג.

דער אמת איז אַז את האָט מאַנכעס מאָל דעם טייטש: מיט.

*

שאַל רבי ישמעאל את רבי עקיבא: אַתה ששמשת את נחום איש גם זו עשרים ושתים שנה, שהיה דורש כל אתין שבתורה — „את השמים ואת האָרץ", מה היה דורש בהו? אָמר לו: אלו נאמר: „שמים ואָרץ", הייתי אומר: שמים ואָרץ שמות של הקדוש ברוך הוא הן; ועכשיו שנאמר: „את השמים ואת האָרץ", שמים — שמים ממש, ארץ — ארץ ממש[56].

רבי ישמעאל האָט געפרעגט רבי עקיבאָ'ן: דו האָסט דאָך צוויי און צוואַנציק יאָר געלערנט ביי נחום איש גם זו, וואָס האָט גע'דרש'נט יעדן את אין דער תורה, טאָ ווי אַזוי האָט ער גע'דרש'נט: „את השמים ואת האָרץ"? האָט רבי עקיבא אים געענטפערט: ווען עס וואָלט געהאַט געווען געזאָגט: „שמים ואָרץ", וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז דאָס זענען נעמען פון הקדוש ברוך הוא; אָבער אַז עס איז געזאָגט: „את השמים ואת האָרץ", איז עס קלאָר אַז שמים זענען די הימלען, און אָרץ איז די ערד.

55. סנהדרין, נא, ב.
56. חגיגה, יב, א. לויט עין יעקב און דקדוקי סופרים. אויך אין בראשית רבה, א, יד.

ווי אַזוי לערנען די תורה

ווי אַזוי אַרויסצולערנען הלכות פון דער תורה, זענען רבי ישמעאל און רבי עקיבא געווען, דער עיקר, באַווירקט פון זייערע צוויי פאַרשיי־דענע לערער: רבי ישמעאל פון רבי נחוניא בן הקנה, און רבי עקיבא פון נחום איש גם זו. זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע לערער צוויי פאַרשידענע שיטות, צוויי אַזעלכע סיסטעמען, ווי אַזוי אויסצוטייטשן די תורה און אירע געזעצן.

> אָמר רבי יוחנן: רבי ישמעאל ששימש את רבי נחוניה בן הקנה שהיה דורש את כל התורה כולה בכלל ופרט, איהו נמי דריש כללי ופרטי. רבי עקיבא ששימש את נחום איש גם זו, שהיה דורש את כל התורה כולה בריבה ומיעוט, איהו נמי דריש ריבויי ומיעוטי[57].

רבי יוחנן האָט געזאָגט: אַזוי ווי רבי ישמעאל איז געווען דער תלמיד פון רבי נחוניא בן הקנה, האָט אויך ער אַזוי ווי זיין רבי גע־דרש׳נט די תורה לויט כלל און פרט. רבי עקיבא וואָס איז געווען דער תלמיד פון נחום איש גם זו, האָט אויך ער אַזוי ווי זיין רבי גע׳דרש׳נט די תורה לויט ריבה און מיעוט.

עס איז גאַר קאָמפּליצירט צו דערקלערן די דאָזיקע צוויי שיטות: כלל ופרט און ריבה ומיעוט. מען מוז זיין דערצו זייער באַהאַוונט אין דער תלמודישער ליטעראַטור. מען מוז קאָנען פאַרשטיין ווי געהעריק, אי די שפּראַך אי די לאָגיק אי דעם גאַנצן געדאַנקען־גאַנג און אויך די פאָרם פון אויסדריקן זיך פון די דאַמאָלטיקע חכמים.

ווער עס וויל דאָך זיך באַקענען מיטן דאָזיקן פּראָבלעם, מוז קודם כל לערנען די אַלע שטעלן אין תלמוד און אין זיינע מפרשים וואָס באַהאַנדלען דעם דאָזיקן ענין[58]. ספּעציעל די דערקלערונגען אין דעם וווּנדערלעכן פירוש רש״י[59].

57. שבועות, כו, א.
58. תוספתא שבועות, א, 446. סוטה, טז, א. סוכה, נ, ב. סנהדרין, מו, א. און נאָך דאָרטן אָנגעגעבענע קוועלן.
59. גאַנץ באַזונדער אין שבועות, ד, ב. רש״י ד״ה: דדריש ריבויי ומיעוטי, חולין, סז, א. רש״י, ד״ה: במים במים שתי פעמים.

דוד מלכי

וועגן מתן תורה

„וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים"[60], רואין את הנראה ושומעין את הנשמע, דברי רבי ישמעאל. רבי עקיבא אומר: רואין ושומעין את הנראה, רואין דבור של אש יוצא מפי הגבורה ונחצב על הלוחות, שנאמר[61]: „קול ה' חוצב להבות אש"[62].

„און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען די דונערן און די פלאַקערן", זאָגט רבי ישמעאל: זיי האָבן געזען דאָס זעבאַרע און געהערט דאָס הערבאַרע. רבי עקיבא זאָגט: זיי האָבן געזען און געהערט דאָס זעבאַרע, זיי האָבן געזען ווי דאָס פייערדיקע געטלעכע וואָרט ווערט איינגעקריצט אין די לוחות, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „גאָטס שטימע האַקט אויס פלאַמען פייער".

*

כתוב אחד אומר[63]: „כי מן השמים דברתי עמכם", וכתוב אחד אומר[64]: „וירד ה' על הר סיני אל ראש ההר", כיצד יתקיימו שני מקראות הללו? הכריע השלישי[65]: „מן השמים השמיעך את קולך ליסרך, ועל הארץ הראך את אשו הגדולה", דברי רבי ישמעאל. רבי עקיבא אומר: מלמד שהרכין הקדוש ברוך הוא שמים העליונים על ההר ודבר עמהם מן השמים, וכן הוא אומר[66]: „ויט שמים וירד, וערפל תחת רגליו"[67].

איין פסוק אין דער תורה זאָגט: „ווייל פון די הימלען האָב איך גערעדט צו אייך", און אַן אַנדערער פסוק זאָגט: „און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני, אויפן שפּיץ באַרג". ווי אַזוי איז צו פאַר־

60. שמות, יתרו, כ, טו.
61. תהלים, כט, ז.
62. מכילתא יתרו, כ, טו, 235.
63. שמות, יתרו, כ, יט.
64. שמות, יתרו, יט, כ.
65. דברים, ואתחנן, ד, לו.
66. תהלים, יח, י.
67. מכילתא יתרו, כ, יט, 238.

שטייט די דאָזיקע צוויי פּסוקים? איז אַ דריטער פּסוק מכריע צווישן זיי: „פון די הימלען האָט ער דיך געלאָזט הערן זיין שטימע דיך צו לערנען, און אויף דער ערד האָט ער דיר באַוויזן זיין גרויס פייער", אַזוי האַלט רבי ישמעאל.

רבי עקיבא זאָגט: דאָס לערנט אונז אַז הקדוש ברוך הוא האָט אַראָפּגענידריקט די אויבערשטע הימלען צום באַרג, אַזוי ווי עס איז געזאָגט אין תהלים: „און ער האָט געבייגט די הימלען און גענידערט מיט אַ נעפּל אונטער זיינע פיס".

פאַרשידענע פּלוגתות

„לחם אַבירים"[68], לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו, דברי רבי עקיבא. וכשנאמרו דברים לפני רבי ישמעאל, אָמר להם: צאו ואמרו לו לרבי עקיבא: טעית! וכי מלאכי השרת אוכלין לחם? והלא כבר נאמר[69]: „לחם לא אָכלתי ומים לא שתיתי". מה אני מקיים: „לחם אַבירים אָכל איש"? לחם שנבלע במאתים וארבעים ושמנה אברים[70].

וועגן דעם מן וואָס די יידן האָבן געגעסן אין מדבר ווערט געזאָגט אין תהלים: לחם אַבירים, זאָגט רבי עקיבא: אַזאַ ברויט וואָס מלאכים עסן. ווען מען האָט דאָס דערציילט רבי ישמעאל'ן, האָט ער געזאָגט: גייטס און זאָגט רבי עקיבא'ן: דו האָסט זיך טועה געווען: עסן דען מלאכים ברויט? עס שטייט דאָך אין דער תורה ווי משה זאָגט: „איך האָב נישט (אין הימל) געגעסן קיין ברויט און נישט געטרונקען קיין וואַסער". נאָר וואָס מיינט לחם אַבירים? ברויט וואָס צעגייט אין אַלע צוויי הונדערט אַכט און פערציק אברים.

*

„ועשית הישר והטוב בעיני ה'"[71], הטוב — בעיני שמים, והישר בעיני אדם. דברי רבי עקיבא. רבי ישמעאל אומר:

68. תהלים, עח, כה.
69. דברים, עקב, ט, ט.
70. יומא, עה, ב.
71. דברים, ואתחנן, ו, יח.

אַף הישר — בעיני שמים. הכריעו חכמים לקיים דברי רבי ישמעאל, שנאמר[72]: „כי תעשה הישר בעיני ה׳"[73].

„און זאָלסט טוען וואָס איז רעכטפאַרטיק און גוט אין די אויגן פון גאָט", זאָגט רבי עקיבא: גוט — מיינט מען אין די אויגן פון הימל, און רעכטפאַרטיק — מיינט מען אין די אויגן פון מענטשן. רבי ישמעאל זאָגט: אויך רעכטפאַרטיק — איז אין די אויגן פון הימל. האָבן די חכמים דעצידירט אַזוי ווי רבי ישמעאל, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „אַז דו וועסט טוען וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט".

*

„צדקתך כהררי אל, משפטיך תהום רבה"[74], רבי ישמעאל אומר: הצדיקים שעושין התורה שנתנה מהררי אל, הקדוש ברוך הוא עושה עמהם צדקה כהררי אל; אבל רשעים שאין עושים התורה שניתנה מהררי אל, הקדוש ברוך הוא מדקדק עמהן עד תהום רבה. רבי עקיבא אומר: אלו ואלו מדקדק עמהן: הצדיקים גובה מהם מיעוט מעשים רעים שעשו, בעולם הזה, בשביל ליתן להם שכר טוב לעתיד לבא; ומשפיע שלום לרשעים ומשלם להם מיעוט מעשים טובים שעשו, בעולם הזה, כדי ליפרע מהם לעתיד לבוא[75].

„דיין גערעכטיקייט איז אַזוי ווי די געטלעכע בערג, דיינע משפטים ווי דער גרויסער תהום", רבי ישמעאל זאָגט: די צדיקים וואָס זענען מקיים די תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן פון די געטלעכע בערג, טוט מיט זיי הקדוש ברוך הוא צדקה אַזוי ווי יענע בערג; אָבער די רשעים וואָס זיי זענען נישט מקיים די תורה, איז הקדוש ברוך הוא מיט זיי מדקדק ווי דער גרויסער תהום.

רבי עקיבא זאָגט: מיט אַלע איז הקדוש ברוך הוא מדקדק: די צדיקים ווערן באַשטראָפט, אויף דער וועלט, פאַר זייערע ווייניקע מעשים רעים, כדי צו געבן זיי זייער שכר אויף יענער וועלט; די רשעים, ווערט

72. דברים, ראה, יב, כה.
73. תוספתא שקלים, ב, 175.
74. תהלים, לו, ז.
75. ויקרא רבה, אמור, כז, א. בראשית רבה, נח, לג, א.

זיי באַצאָלט פאַר זייערע ווייניקע מעשים טובים, אויף דער וועלט, כדי זיי צו באַשטראָפן אויף יענער וועלט.

ווען רבי ישמעאל איז נפטר געוואָרן

וכשנהרגו רבי שמעון ורבי ישמעאל[76], אָמר להם רבי עקיבא לתלמידיו: התקינו עצמכם לפורענות, שאילו טובה היתה עתידה לבוא עלינו בדורנו, לא היו מקבלים אותה אלא רבי שמעון ורבי ישמעאל; אלא גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, שפּורענות גדולה עתידה לבוא בדורנו ונסתלקו אלו מבינינו, שנאמר[77]: „הצדיק אָבד ואין איש שם על לב, ואַנשי חסד נאספים באין מבין, כי מפּני הרעה נאסף הצדיק"[78].

ווען רבי שמעון און רבי ישמעאל זענען אומגעקומען האָט רבי עקיבא געזאָגט צו זיינע תלמידים: זייט פאַרגעברייט צום אומגליק! אויב עס וואָלט אויף אונזער דור געזאָלט קומען עפּעס גוטס, וואָלט עס אויפגע־נומען רבי שמעון און רבי ישמעאל; נאָר עס איז אַנטפּלעקט פאַרן רבונו של עולם אַז עס קומט אויף אונזער דור אַ גרויס אומגליק, זענען זיי געוואָרן פון אונז אַוועקגענומען, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „דער צדיק ווערט פאַרלוירן און קיינער נעמט עס זיך נישט צום האַרצן; און גוטע מענטשן ווערן אַוועקגענומען און קיינער פאַרשטייט נישט אַז פאַר דעם שלעכטס איז אַוועקגענומען געוואָרן דער צדיק".

רבי ישמעאל'ס ישיבה

רבי ישמעאל האָט כאַראַקטעריזירט די פאַרהעלטענישן צווישן די בעלי הלכה און די בעלי אַגדה דורך אַ פּסוק אין משלי:

רבי ישמעאל אומר: „חכם בעיניו איש עשיר"[79], זה בעל תלמוד; „ודל מבין יחקרנו", זה בעל אַגדה[80].

76. אייגנטלעך ווייסט מען נישט גענוי: וועלכער רבי שמעון.
77. ישעיהו, נז, א.
78. מכילתא משפּטים, יח, 313.
79. משלי כח, יא.
80. קהלת רבה, ו, ב.

רבי ישמעאל זאָגט: „דער רייכער מאַן איז אַ חכם אין זיינע אויגן". דאָס מיינט מען אַ בעל תלמוד (אַ בעל הלכה); „נאָר דער קלוגער אָרעמאַן פאָרשט אים דורך", מיינט מען דעם בעל אַגדה.

*

אויסער אין דער באַרימטער מכילתא דרבי ישמעאל ווערט אין תלמוד געברענגט פיל דברי תורה פון רבי ישמעאל'ס ישיבה, וואָס ווערט באַצייכנט דורך: דבי רבי ישמעאל.

תנא דבי רבי ישמעאל: אין הברכה מצויה אלא בדבר שאין העין שולטת בו"[81].

אין רבי ישמעאל'ס ישיבה האָט מען געלערנט אַז די ברכה קומט נאָר אַריין דאָרטן וווּ עס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן.

*

תנא דבי רבי ישמעאל: עברה מטמטמת לבו של אדם"[82].

אין רבי ישמעאל'ס ישיבה האָט מען געלערנט: אַן עברה פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ פונעם מענטש.

*

תנא דבי רבי ישמעאל: כל המספר לשון הרע, מגדיל עוונות כנגד שלש עברות: עבודה זרה, וגילוי עריות ושפיכות דמים"[83].

אין רבי ישמעאל'ס ישיבה האָט מען געלערנט: דער וואָס רעדט לשון הרע ברענגט צו, צו גרויסע עברות אַזוי ווי עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכות דמים.

*

81. תענית, ח, ב.
82. יומא, לט, א.
83. ערכין, טו, ב.

דבי רבי ישמעאל תנא: גדול השלום שאף הקדוש ברוך הוא שינה בו, דמעיקרא כתיב[84]: „ואדוני זקן", ולבסוף כתיב: „ואני זקנתי"[85].

אין רבי ישמעאל׳ס ישיבה האָט מען געלערנט: ווי וויכטיק איז שלום, אַז אפילו הקדוש ברוך הוא האָט דערביי געענדערט: שרה האָט געזאָגט: מייך מאַן איז שוין אַלט, אָבער אַז הקדוש ברוך הוא האָט גערעדט צו אברהם׳ן, האָט ער געזאָגט אַז שרה האָט געזאָגט אַז זי איז שוין אַלט.

*

תנא דבי רבי ישמעאל: כל הגוזז מנכסיו ועושה מהם צדקה, ניצל מדינה של גיהנם. משל לשתי רבילות שהיו עוברות במים, אחת גזוזה ואחת אינה גזוזה; גזוזה — עברה, ושאינה גזוזה — לא עברה[86].

אין רבי ישמעאל׳ס ישיבה האָט מען געלערנט: יעדערער וואָס נעמט אַראָפּ פון זיין פאַרמעגן אויף צדקה, ווערט אָפּגעראַטעוועט פונעם משפט אין גיהנם. עס איז דאָ דאַרויף אַ משל: צוויי שעפּסעלעך וואָס גייען אַריבער אַ וואַסער, איינס איז אָפּגעשוירן, און איינס איז באַלאָדנט מיט וואָל; דאָס אָפּגעשוירענע איז אַריבער, אָבער דאָס נישט־אָפּגעשוירענע — איז נישט אַריבער.

*

תנא דבי רבי ישמעאל: „כי יפול הנופל ממנו"[87]. ראוי זה ליפול מששת ימי בראשית, שהרי לא נפל והכתוב קראו: „נופל"; אלא שמגלגלים זכות על ידי זכאי, וחובה — על ידי חייב[88].

אין דער תורה איז געשריבן: „אַז דו וועסט בויען אַ ניי הויז,

84. בראשית, וירא, יח, יב.
85. יבמות, סה, ב.
86. גיטין, ז, א.
87. דברים, כי תצא, כב, ח.
88. שבת, לב, א.

זאָלסטו מאַכן אַ געלענדער צו דיין דאַך, כדי דו זאָלסט נישט ברענגען בלוט אויף דיין הויז, אַז עמיצער וועט אַראָפּפאַלן פון אים", איז די לעצטע פראַזע פון פסוק: 'כי יפול הנופל ממנו", ווערטלעך קאָן דאָס הייסן: „ווייל דער פאַלנדיקער קאָן פאַלן פון אים". האָט מען גע־לערנט אין רבי ישמעאל'ס ישיבה: אייגנטלעך איז ער שוין פון פריער ראוי אַז ער זאָל פאַלן, דען ער איז נאָך נישט געהאַט געפאַלן און דער פסוק רופט אים שוין אָן: „נופל"; נאָר עס איז באַשערט אַז גוטס זאָל ווערן אויסגעפירט דורך אַ גוטן מענטש, און שלעכטס — דורך אַ שלעכטן.

*

אגב, דאָס פאָפּולערע שפּריכוואָרט: גלגל הוא שחוזר בעולם, שטאַמט טאַקע פון רבי ישמעאל'ס ישיבה:

תנא דבי רבי ישמעאל: גלגל הוא שחוזר בעולם[89].

*

תנא דבי רבי ישמעאל: אם ראית תלמיד חכם שעבר עברה בלילה, אל תהרהר אחריו ביום, שמא עשה תשובה; שמא, סלקה דעתך?! אלא וודאי עשה תשובה. והני מילי בדברים שבגופו, אבל בממונו — עד דמהדר ליה למריה[90].

אין רבי ישמעאל„ס ישיבה האָט מען געלערנט: אויב דו זעסט אַז אַ תלמיד חכם האָט געטוען אַן עברה ביינאַכט, זאָלסטו נישט נאָכקלערן וועגן אים בייטאָג, טאָמער האָט ער (דערווייל) תשובה געטאָן. ווי פאַלט דיר איין אַז טאָמער? ער האָט אַוודאַי תשובה געטוען. דאָס איז נאָר גע־זאָגט געוואָרן אין פּערזענלעכע עברות, אָבער אין געלט־זאַכן, איז עס נאָר אַז ער האָט יענעם אָפּגעגעבן וואָס עס קומט אים.

*

תנא דבי רבי ישמעאל: בני, אם פגע בך מנוול זה משכהו

89. שבת, קנא, ב.
90. ברכות, יט, א.

לבית המדרש. אם אבן הוא, נימוח, דכתיב[91]: „אבנים שחקו מים", ואין מים אלא תורה, שנאמר[92]: „הוי כל צמא לכו למים". אם ברזל הוא — מתפוצץ, שנאמר[93]: „הלא כה דברי כאש, נאום ה', וכפטיש יפוצץ סלע"[94].

אין רבי ישמעאל'ס ישיבה האָט מען געלערנט: מיין קינד, אויב דער מנוול (דער יצר הרע) טרעפט דיך, צי אים אַריין אין בית המדרש. איז ער פון שטיין, וועט ער ווערן צעריבן, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק: „וואַסער צערייבט שטיינער", און וואַסער מיינט מען תורה, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „הוי, אַלע דאָרשטיקע, קומט נאָך וואַסער!". איז ער פון אייזן, וועט ער ווערן צעשפּרינגען, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „פאַר וואָר, מיין וואָרט איז אַזוי ווי פייער, זאָגט גאָט, און ווי אַ האַמער וואָס מאַכט צעשפּרינגען אַ פעלז".

*

דבי רבי ישמעאל תנא: „מי כמוך באלם ה'"[95] — מי כמוך באלמים![96]

דעם פסוק אין דער שירה: „ווער איז אַזוי ווי דו, גאָט, צווישן די שטאַרקע!", האָט מען געלערנט אין רבי ישמעאל'ס ישיבה: „צווישן די שטומע" (דאָס הייסט אַז גאָט איז שטיל און ענטפערט נישט אויף די גזרות קעגן יידישן פאָלק).

*

תנא דבי רבי ישמעאל[97]: „מימינו אש דת למו", אָמר הקדוש ברוך הוא: ראויין הללו שתנתן להם דת אש. איכא דאָמרי: דתיהם של אלו אש, שאלמלא נתנה תורה לישראל אין כל אומה ולשון יכולה לעמוד בפניהם[98].

---

91. איוב, יד, יט.
92. ישעיהו, נה, א.
93. ירמיהו, כג, כט.
94. סוכה, נב, ב.
95. שמות, בשלח, טו, יא.
96. גיטין, נו, ב.
97. דברים, וזאת הברכה, לג, ב.
98. ביצה, כה, ב.

אויף דעם פסוק אין דער תורה: „אויף רעכטס אַ פייערדיקע תורה פאַר זיי", האָט מען געלערנט אין רבי ישמעאל׳ס ישיבה: הקדוש ברוך הוא האָט געזאָגט: זיי זענען ווערט אַז עס זאָל זיי ווערן געגעבן אַ פייער־דיקע תורה. אַנדערע זאָגן: זייער תורה איז פון פייער. ווען עס וואָלט נישט געגעבן געוואָרן די תורה צו די יידן, וואָלט קיין שום פאָלק זיי נישט געקאָנט ביישטיין (דאָס זאָל הייסן אַז די תורה האָט זייער אָפּגע־שוואַכט די יידן).

*

דבי רבי ישמעאל תנא: „וכפטיש יפוצץ סלע"[99]. מה פטיש זה, מתחלק לכמה ניצוצות, אף מקרא אחד יוצא לכמה טעמים[100].

אין רבי ישמעאל׳ס ישיבה האָט מען געלערנט: „און ווי אַ האַמער וואָס מאַכט צעשפּרינגען אַ פעלז", אַזוי ווי אַ האַמער צעשפּרייט אַ סך פונקען, אַזוי גיט איין פסוק אַרויס אַ סך טעמים.

*

תנא דבי רבי ישמעאל: לא יהא דברי תורה עליך חובה, ואי אתה רשאי לפטור עצמך מהן[101].

אין רבי ישמעאל׳ס ישיבה האָט מען געלערנט: דאָס לערנען תורה זאָל נישט זיין פאַר דיר קיין לאַסט, הגם דו קאָנסט זיך נישט פון איר באַפרייען.

*

צום סוף:

תנא דבי רבי ישמעאל: לעולם יספר אדם בלשון נקיה[102].

אין רבי ישמעאל׳ס ישיבה האָט מען געלערנט: שטענדיק זאָל דער מענטש רעדן אין אַ ריינער, איידעלער שפּראַך.

***

99. ירמיהו, כג, כט.
100. סנהדרין, לד, א.
101. מנחות, צט, ב.
102. פסחים, ג, א.

רבי עקיבא בן יוסף

רבי עקיבא בן יוסף

וועגן דער אָפּשטאַמונג פון רבי עקיבא ווייסט מען נאָר אַז זיין פאָטער האָט געהייסן יוסף. לויטן רמב״ם זאָל רבי עקיבא׳ס פאָטער גע־זאָלט זיין אַ גר[1].

איז די לעגענדע אַז רבי עקיבא האָט ערשט אָנגעהויבן לערנען תורה אין די גאָר שפּעטערדיקע יאָרן, און ביי זייער שווערע באַדינגונגען[2]. ער זאָל האָבן אין דער יוגנט געאַרבעט ביי אַ באַוווּסטן רייכן מאַן אין ירו־שלים מיטן נאָמען כלבא שבוע. האָט זיין טאָכטער, רחל, פאַרלאָזט די רייכע היים, און קעגן איר פאָטערס ווילן, חתונה געהאַט מיט רבי עקיבא׳ן.

*

ווערט אין תלמוד דערציילט אַז נאָך דער שטילער חתונה זענען זיי געהאַט געוועזן זייער אָרעם, אַז זיי זענען אַזש געשלאָפן אויף שטרוי. דאָס אָרעמקייט האָט אָבער נישט געשטערט דער אידילישער שטימונג. עס ווערט, למשל, דערציילט ווי אין דער פרי פלעגט ער אַרויסקלויבן די שטרויעלעך פון איר קאָפּ האָר. ער האָט איר דערביי אַמאָל געזאָגט אַז הלוואי וואָלט ער געהאַט די מעגלעכקייט איר צו קויפן אַ ירושלים של זהב, אַזאַ טייער צירונג אין גאָלד וואָס שטעלט מיט זיך פאָר ירושלים. עס ווערט, דאָרטן ווייטער, דערציילט, ווי אַן אָרעמאַן האָט ביי זיי אַמאָל אָנ־געקלאַפּט אין דער טיר און געבעטן אַביסל שטרוי פאַר זיין פרוי וואָס האָט ערשט געבוירן אַ קינד. זאָל רבי עקיבא האָבן געזאָגט צו רחל׳ן: זעסטו, עס זענען נאָך פאַראַנדן אָרעמערע מענטשן[3].

*

האָט רבי עקיבא אויף רחל׳ס הסכמה, אָדער גאָר אויף איר איי־גענעם פאַרלאַנג, איר איבערגעלאָזט און איז אַוועק לערנען תורה. זי

1. אין דער הקדמה צו משנה תורה.
2. אָבות דרבי נתן, נו״א, ו; נו״ב, יב.
3. נדרים, נ, א.

האָט אָבער אַליין פיל געליטן און געלעבט אין שווערן נויט. אַזוי ווייט אַז זי האָט אַפילו פאַרקויפט אירע שיינע האָר[4]. אויך רבי עקיבא האָט גאַנץ שטאַרק געליטן נויט.

*

נאָך לאַנגע יאָרן איז, ענדלעך, רבי עקיבא צוריקגעקומען, שוין אַן אָנערקענטער גרויסער געלערנטער, אַרומגערינגלט מיט פיל תל־מידים. פון דאַמאָלט שטאַמט טאַקע דער באַרימטער, שוין קלאַסישער, אויסדרוק פון רבי עקיבא צו זיינע תלמידים וועגן רחל'ן:

שלי ושלכם — שלה היא![5]

מיינע און אייערע (תורה) געהערן איר!

*

אגב, ווערט דערציילט אַז רבי עקיבא האָט טאַקע שפּעטער רחל'ן געקויפט אַ ירושלים של זהב. עס ווערט דאָרטן צוגעגעבן, אַז די פרוי פונעם נשיא רבן גמליאל, וואָס איז, אגב, געווען רייך, האָט אויך גע־וואָלט אַזאַ טייער צירונג; אָבער רבן גמליאל האָט איר געזאָגט, אַז זי קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט רחל'ן, וואָס האָט אַפילו פאַרקויפט אירע האָר, אַז רבי עקיבא זאָל קאָנען לערנען תורה[6].

*

זאָל שוין דאָ אויך ווערן דערציילט: זיינע אייגענע קינדער האָבן געמאַכט אויפמערקזאַם רבי עקיבא'ן, אַז ער צערטלט צופיל רחל'ן אַפילו מענטשן לאַכן דערפון, האָט ער זיי געענטפערט:

איני שומע לכם, אף היא נצטערה עמי בתלמוד תורה![7]

איך וועל אייך נישט הערן, זי האָט אַזוי געליטן מיט מיר ביים לערנען תורה.

---

4. ירושלמי שבת, ו, א; סוטה, ט, טו.
5. כתובות, סג, א.
6. ירושלמי שבת, ו, א; סוטה, ה, ו.
7. אָבות דרבי נתן, נו"א, יב.

זיין שטייגן אין דער תורה

איז רבי עקיבא אַוועק לערנען תורה. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט אים אָנגעהויבן רעכט צו באַמערקן. עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דער יונגער עקיבא האָט דאָס ערשטע מאָל, און טאַקע גאַנץ טרעפלעך, אָפּגעפרעגט די מיינונג פון זיין רבי׳ן, רבי אליעזר בן הורקנוס:

שלש עשרה שנה עשה רבי עקיבא נכנס אצל רבי אליעזר ולא היה יודע בו, וזו היא תחילת תשובתו הראשונה לפני רבי אליעזר. אָמר לו רבי יהושע[8]: „הלא זה העם אשר מאסת בו, צא נא עתה והלחם בו״![9]

דרייצן יאָר האָט רבי עקיבא געפלעגט אַריינצוקומען צו רבי אליעזר׳ן (אין זיין בית המדרש), אָבער ער האָט אים כמעט נישט באַמערקט, ביז אין דעם דאָזיקן פאַל, וואָס רבי עקיבא האָט ערשט אָנגעהויבן אָפּצופרעגן זיינס אַ מיינונג.

ווערט דאָרטן דערביי צוגעגעבן ווי רבי יהושע בן חנניה האָט דאַן גאַנץ איראָניש זיך געוואָנדן צו רבי אליעזר׳ן מיט דעם פסוק פון ספר שופטים: „דאָס איז דאָך דאָס פאָלק וואָס דו האָסט פאַראַכטעט, טאָ גיי יעצט אַרויס אין קאַמף מיט אים!״.

*

איז רבי עקיבא כסדר געוואַקסן און געשטיגן אין דער תורה ביז מען האָט זיך שוין נישט געקאָנט באַגיין אָן אים. ווערט אַמאָל דערציילט:

פעם אַחת שהה רבי עקיבא לבוא לבית המדרש, בא וישב לו מבחוץ, נשאלה שאלה, זו הלכה. אָמרו: הלכה מבחוץ! חזרה ונשאלה שאלה. אָמרו: תורה מבחוץ! חזרה ונשאלה שאלה. אָמרו: רבי עקיבא מבחוץ! פנו לו מקום וישב לו[10].

---

8. שופטים, ט, לח.
9. ירושלמי פסחים, ו, ג.
10. מדרש רבה, שיר השירים, א, כ.

רבי עקיבא האָט אַמאָל פאַרשפעטיקט צו קומען אין בית המדרש, האָט ער זיך געזעצט אין דרויסן. ווען עס איז געוואָרן געשטעלט אַ פראַגע וועגן אַ הלכה, האָבן זיי (די תלמידים) געזאָגט: די הלכה איז אין דרויסן! אַז עס איז ווידער געוואָרן געשטעלט אַ פראַגע, האָבן זיי שוין געזאָגט: די תורה איז אין דרויסן! ווען עס איז ווידער געוואָרן געשטעלט אַ פראַגע, האָבן זיי שוין געזאָגט דייטלעך: רבי עקיבא איז אין דרויסן! האָט מען שוין פאַר אים פריי געמאַכט אַן אָרט, ווו ער האָט זיך געזעצט.

*

עס איז נישט אַזוי לייכט צוגעגאַנגען ביז רבי עקיבא האָט דער־גרייכט זיינע הויכע מדרגות. זיין חבר און זייער אָפט זיין בר פלוגתא, רבי יוחנן בן נורי, דערציילט למשל:

אָמר רבי יוחנן בן נורי: מעידני עלי שמים וארץ, שיותר מחמש פעמים נתקנתר רבי עקיבא על ידי לפני רבן גמליאל ביבנה, שהייתי קובל עליו והיה מקנתרו; וכל כך יודע אני בו, שהיה מוסיף בי אהבה על כל אחת ואחת, לקיים מה שנאמר[11]: „אל תוכח לץ פן ישנאך, הוכח לחכם ויאהבך[12]".

רבי יוחנן בן נורי האָט געזאָגט: הימל און ערד זענען מיינע עדים, אַז מער ווי פינף מאָל איז רבי עקיבא געוואָרן דורך מיר דער־בייזערט ביי רבן גמליאל אין יבנה, ווייל איך האָב זיך אויף אים גע־קלאָגט, האָט ער אים דערבייזערט; און דאָך ווייס איך אַז ביי יעדן מאָל איז זיין ליבע צו מיר געוואָרן שטאַרקער. דאָס באַשטעטיקט דעם פסוק אין משלי: „זאָג נישט מוסר דעם לץ, וואָס וועט דיך דערפאַר פיינט קריגן; זאָג מוסר דעם קלוגן, וועט ער דיך ליב קריגן".

*

איז רבי עקיבא, אין דער תורה, אויסגעוואַקסן אַ ריז, ווי עס דריקט זיך אויס וועגן אים, דער עלטסטער צווישן די דאַמאָלטיקע חכמים, רבי דוסא בן הרכינס:

11. משלי, ט, ח.
12. ספרי ריש דברים, ספרא קדושים, א, ד, ט. ערכין, טז, ב.

מכירו אני שאָדם גבור בתורה הוא[13].

איך קאָן אים אַז ער איז אַ גבור אין דער תורה.

*

רבי עקיבא האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז אויב ער איז אַמאָל געהאַט אַרויסגעפאָרן קיין חוץ לארץ, האָט מען געוווסט אַז ער האָט נישט איבערגעלאָזט זיינס גלייכן אין ארץ ישראל:

אָמרו לו: הנח רבי עקיבא, שלא הניח כמותו בארץ ישראל[14].

*

שליסלעך, ווערט געזאָגט:

אילו לא עמד רבי עקיבא, היתה התורה משתכחת מישראל[15].

ווען נישט רבי עקיבא וואָלט די תורה געווען פאַרגעסן געוואָרן ביי יידן.

*

צום סוף אַ גאָר כאַראַקטעריסטישער און, אַוודאַי, אַן איין־איינציק־אייגנאַרטיקער אויסדרוק וועגן רבי עקיבא'ס לערנען תורה:

כך עמד רבי עקיבא ופלש את התורה[16].

אַזוי איז אויפגעשטאַנען רבי עקיבא און האָט דורכגעדרונגען די תורה.

משה רבנו און רבי עקיבא

„ומשה בן מאה ועשרים שנה"[17] זה אחד מארבעה שמתו

13. ירושלמי יבמות, א, ו.
14. ברכות, סג, א.
15. ספרי, עקב.
16. מדרש זוטא, שיר השירים, בובר, 13.
17. דברים, וזאת הברכה, לד, ז.

בני מאָה ועשרים שנה, ואלו הם: משה והילל הזקן ורבן יוחנן בן זכאי ורבי עקיבא[18].

„און משה איז אַלט געווען הונדערט און צוואַנציק יאָר", ער איז איינער פון די פיר וואָס האָבן געלעבט הונדערט און צוואַנציק יאָר, זיי זענען: משה, הילל הזקן, רבן יוחנן בן זכאי און רבי עקיבא.

*

„ולא קם נביא עוד בישראל כמשה[19]", נביא — לא קם, אבל חכם — קם, ומנו? רבי עקיבא[20].

אין דער תורה איז געשריבן: „און עס איז נישט אויפגעשטאַנען אין ישראל נאָך אַזאַ נביא ווי משה", קיין נביא — נישט, אָבער אַ חכם — יאָ! ווער? רבי עקיבא.

*

אָמר רב אחא: דברים שלא נגלו למשה, נגלו לרבי עקיבא, שנאמר[21]: „וכל יקר ראתה עינו" — זה רבי עקיבא[22].

רב אַחא האָט געזאָגט: אפילו דאָס וואָס עס איז נישט געוואָרן אַנטפלעקט פאַר משה רבנו, איז געוואָרן אַנטפלעקט פאַר רבי עקיבא׳ן, פּאַסט אויף אים דער פסוק: און אַלדאָס טייערסטע האָט זיין אויג געזען".

משה רבנו אין רבי עקיבא׳ס ישיבה

מען קומט דאָ צו, צו אַ מאמר וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין גאַנצן תלמוד. זאָל דאָ, אָבער, קודם כל, ווערן געזאָגט עפּעס וועגן דעם בעל המאמר אַליין, רב.

18. ספרי, וזאת הברכה, שנז.
19. דברים, וזאת הברכה, לד, י.
20. ילקוט ראובני, וזאת הברכה.
21. איוב, כח, י.
22. פסיקתא דרב כהנא, פרשת פרה. מדרש רבה, חקת, יט, ד. ילקוט שמעוני תשנט.

ווי עס איז באַוווסט, איז רבי, דער טיטל פון די תנאים און אַזוי אויך פון די אַמוראים אין ארץ ישראל. רב, איז דער טיטל פון די אַמוראים אין בבל.

נאָר צוויי גרויסע חכמים האָבן זוכה געווען צו ווערן גערופן מיטן טיטל אַליין:

רבי, סתם, אָן אַ נאָמען, איז דער באַרימטער רבי יהודה הנשיא, דער מסדר המשנה.

רב, סתם, איז דער ערשטער אַמורא אין בבל, וואָס הגם ער איז אַן אַמורא, איז ער דער איין און איינציקער אויסנאַם וואָס האָט די קאָמ־פעטענץ פון אַ תנא.

ווייניק מענטשן, אַפילו צווישן די לערנער, ווייסן אַז זיין נאָמען איז: רב אַבא, אַזוי ווייט איז ער געוואָרן אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיטן טיטל, רב.

איז רב פון די גאָר גרויסע פערזענלעכקייטן, און פון די גרעסטע אויטאָריטעטן צווישן די חכמי התלמוד. ער צייכנט זיך אויס אויך מיט אַ הויכער פּאָעטיש־רעליגיעזער באַגייסטערונג. זאָל ער דאָס זיין דער מחבר, אייגנטלעך, דער מסדר פון מלכיות, זכרונות ושופרות אין תפילת מוסף פון ראש השנה. די דאָזיקע תפילות זענען די קרוין פון די הויכע רעליגיעז־פּאָעטישע תפילות, וואָס אין פאַרלויף פון די אַלע יאָר־הונדערטער דערהייבן זיי דאָס יידישע ניי־יאָר אויף אַזאַ גייסטיקן, מאָ־ראַלישן ניוואָ, ווי עס איז אונזער ראש השנה.

לאָמיר זיך צוהערן וואָס זאָגט רב וועגן רבי עקיבא:

אָמר רב יהודה אָמר רב: בשעה שעלה משה למרום, מצאו להקדוש ברוך הוא, שהיה יושב וקושר קשרים לאותיות, אָמר לפניו: רבונו של עולם, מי מעכב על ידך? אָמר לו: אָדם אחד יש שעתיד להיות בסוף כמה דורות, ועקיבא בן יוסף שמו, ועתיד לדרוש על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות. אָמר לפניו: רבונו של עולם, הראהו לי. אָמר לו: חזור לאַחוריך. הלך וישב לסוף שמונה שורות, ולא היה יודע מה הם אומרים, תשש כחו של משה. כיון שהגיע לדבר אחד, אָמרו לו תלמידיו: רבי, מנא לך הא? אָמר להם: הלכה למשה מסיני. כיון ששמע כך, נתיישבה דעתו. חזר לפני הקדוש ברוך הוא, אָמר לפניו: רבונו של עולם, יש לך אָדם כזה, ואתה נותן תורה על ידי?! אָמר לו: שתוק, כך עלתה במחשבה לפני. אָמר לפניו: רבונו של עולם,

הראַתני תורתו, הראני שכרו. אָמר לו: חזור לאַחוריך. חזר לאַחוריו, וראָה שהיו שוקלין בשרו במקולין. אָמר לפניו: זו תורה וזה שכרה?! אָמר לו: שתוק, כך עלתה במחשבה לפני[23].

רב יהודה זאָגט אין נאָמען פון זיין רבי׳ן, רב: ווען משה איז אַרויף אין הימל (ביי מתן תורה) זעט ער ווי הקדוש ברוך הוא איז עוסק אין באַקריינען די אותיות פון דער תורה. זאָגט משה רבנו: רבונו של עולם, פאַר וועמען? איז געקומען דער ענטפער: עס איז אַ מענטש וואָס וועט זיין אין די קומענדיקע דורות, זיין נאָמען איז עקיבא בן יוסף, וואָס וועט פון יעדן שטריך אַרויסבריינגען אַ מענגע הלכות. זאָגט משה: רבונו של עולם, ווייז מיר אים. זאָגט אים דער רבונו של עולם: קער זיך אום הינטער זיך. איז ער געגאַנגען און זיך געזעצט אַם ענדע פון דער אַכטער רייע (אין רבי עקיבא׳ס ישיבה), אָבער ער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס זיי זאָגן, איז ער שוואַך געוואָרן. נאָר אַז רבי עקיבא איז צוגעקומען צו אַן ענין ווי די תלמידים פרעגן אים: רבי, פון וואַנען ווייסטו דאָס? און רבי עקיבא האָט זיי געענטפערט: דאָס איז אַ הלכה למשה מסיני, איז משה געווען צופרידן. קומט ער צוריק און זאָגט: רבונו של עולם, דו האָסט אַזאַ מענטש, גיסט דו די תורה דורך מיר?! זאָגט אים דער רבונו של עולם: שוויַיג ליבערשט, אַזוי איז עס ביי מיר געקומען אויף דער מחשבה. זאָגט משה: רבונו של עולם, דו האָסט מיר געוויזן זיין תורה, טאָ ווייז מיר אויך זיין באַלוינונג. אַז משה האָט געזען ווי אַזוי רבי עקיבא ווערט אומגעברענגט, רייסט זיך ביי אים אַרויס די טענה: זו תורה וזה שכרה?! פאַר דער תורה קומט אַזאַ באַלוינונג?! איז ווידער געקומען דער זעלבער ענטפער: שוויַיג ליבערשט...

די תורה שבעל פה

אָמר רבי יוחנן: סתם מתניתין — רבי מאיר. סתם תוספתא — רבי נחמיה. סתם ספרא — רבי יהודה. סתם ספרי — רבי שמעון. וכולהו אליבא דרבי עקיבא[24].

23. מנחות, כט, ב. לויט דקדוקי סופרים.
24. סנהדרין, פו, א.

רבי יוחנן האָט געזאָגט: די משנה (סתם) — איז רבי מאיר. די תוספתא — רבי נחמיה. דער ספרא — רבי יהודה. דער ספרי — רבי שמעון. אָבער דאָס אַלץ איז לויט (זייער רבי׳ן) רבי עקיבא.

*

די אַלע דאָ אויבן־אויסגערעכנטע ווערק, צוזאַמען מיט מכילתא דרבי ישמעאל, בילדן די אייגנטלעכע תורה שבעל פה פון די תנאים, און זיי זענען דער יסוד פונעם גאַנצן תלמוד, פון ירושלמי און פון בבלי.

*

פאַר רבי עקיבא איז שוין געהאַט געווען משניות, נאָר זיין משנה איז, זעט זיך אויס, געוואָרן אָנגענומען, ווי עס ווערט, למשל, מערערע מאָל געברענגט:

זו משנת רבי עקיבא, אבל משנה ראשונה[25]...

דאָס איז רבי עקיבא׳ס משנה, אָבער אין דער ערשטער משנה איז געהאַט געווען אַנדערש געלערנט.

אַזוי ווערט אויך פיל מאָל דערציילט אַז פריער האָט מען געהאַט אַנדערש געלערנט, אָדער מען האָט געהאַט זיך אַנדערש געפירט,

עד שבא רבי עקיבא ולימד[26]...

ביז רבי עקיבא איז געקומען און געלערנט...

די לערע פון רבי עקיבא ווערט אויך אָנגערופן: משניות גדולות[27].

*

עס איז אויך אינטערעסאַנט דער ווייטערדיקער מאמר ווי רבי עקיבא ווערט גערעכנט, אַזוי ווי דער ערשטער פון די ווייטערדיקע אויטאָרי־

---

25. משנה סנהדרין, ג, ד; נזיר, ו, א.
26. משנה מעשר שני, ה, ח; נדרים, ט, ו. תוספתא פסחים, א. 155. שבת, סו, ב. און נאָך.
27. איכה רבה, פתיחה, כג; קהלת רבה, ו, ב.

טעטן פון תלמוד, ביז רב אַשי, וואָס האָט מסדר געווען דעם תלמוד בבלי:

> כשמת רבי עקיבא נולד רבי, כשמת רבי נולד רב יהודה, כשמת רב יהודה נולד רבא, עד שלא מת רבא נולד רב אַשי. ללמדך: שאין צדיק נפטר מן העולם עד שבא צדיק כמותו, שנאמר[28]: „וזרח השמש ובא השמש", עד שלא כבתה שמשו של עלי, זרחה שמשו של שמואל הרמתי, שנאמר[29]: „ונר אלהים טרם יכבה, ושמואל שוכב בהיכל ה'"[30].

ווען רבי עקיבא איז געשטאָרבן, איז געבוירן געוואָרן רבי. ווען רבי איז געשטאָרבן איז געבוירן געוואָרן רב יהודה. ווען רב יהודה איז געשטאָרבן, איז געבוירן געוואָרן רבא. איידער רבא איז געשטאָרבן, איז געבוירן געוואָרן רב אשי. דאָס הייסט אַז אַ צדיק גייט נישט אַוועק פון דער וועלט ביז עס ווערט געבוירן זיינס גלייכן, אַזוי ווי עס איז געזאָגט אין קהלת: „און די זון גייט אויף, און די זון גייט אונטער". איידער עס איז אונטערגעגאַנגען די זון פון עלי, איז שוין אויפגעגאַנגען די זון פון שמואל פון רמה, אַזוי ווי עס איז געזאָגט: „און דאָס ליכט פון גאָט איז נאָך נישט געווען אויסגעגאַנגען און שמואל...".

דרש'נען די תורה

אין אונזער יידיש איז, געוועגלעך, דרש'נען: האַלטן אַ דרשה, פּרעדיקן. אין דער תלמודישער ליטעראַטור איז דרש אויסער פּאַרשן, אויך אויסטייטשן די תורה ביים אַרויסלערנען פונעם פּסוק דברי הלכה אָדער דברי אַגדה. עס פאַרשטייט זיך אַז דאָס אויסטייטשן די תורה האָט זיך אָנגעהויבן גאָר פרי, נאָר אין דער צייט פון די ערשטע תנאים האָט דאָס דרש'נען אָנגענומען באַשטימטע פאָרמען.

רבי עקיבא האָט דאָס מין דרש'נען די תורה אומגעהויער פאַרברייטערט, וואָס נאָר אַזאַ אויטאָריטעט ווי ער האָט זיך עס דאַרויף געקאָנט דערלויבן. אַוודאי האָט ער געהאַט דערויף פיל קעגנער צווישן די

28. קהלת, א, ה.
29. שמואל א, ג, ג.
30. קידושין, עב, ב.

חכמים פון זיין צייט, וואָס זענען נישט געהאַט געווען דערפון צופרידן. ספּעציעל זענען זיי נישט געווען צופרידן, און טיילמאָל גאָר אויפגעבראַכט קעגן געוויסע זיינע דרשות אין אַגדה, ווי עס איז שוין אויבן מערערע מאָל געוואָרן געברענגט.

*

עס איז שוין אויבן אויך געוואָרן געזאָגט וועגן רבי עקיבא׳ן:

שעתיד לדרוש על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות[31].

וואָס אויף יעדן שטריך אין דער תורה צו דרש׳נען אַ מענגע הלכות. האָט ער טאַקע, אַפילו פון אַ וואָרט, אָדער גאָר פון אַן אות אין דער תורה, אַרויסגעלערנט הלכות. דאָס זעלבע אויך גאַנץ אָפט פאַרקערט: אַז ער האָט געזאָגט עפּעס אַ הלכה אָדער אַן אַגדה, וואָס עס איז נישט געווען בפירוש אין דער תורה, האָט ער דאָך דאָרטן געפונען עפּעס אַן אָנשפּאַר דאַרויף.

*

ווייל רבי עקיבא האָלט אַז אַלץ איז געגעבן אין דער תורה:

„אשר נתן ה׳ בינו ובין בני ישראל", זכה משה ליעשות שליח בין ישראל לאביהם שבשמים; „בהר סיני ביד משה", מלמד שניתנה התורה, הלכותיה ודקדוקיה ופירושיה על ידי משה מסיני[32].

אין דער תורה איז געשריבן: „וואָס גאָט האָט געגעבן צווישן אים און צווישן די קינדער פון ישראל, אויפן באַרג סיני דורך דער האַנט פון משה׳ן", זאָגט רבי עקיבא: משה האָט זוכה געווען צו זיין דער שליח צווישן די יידן און זייער פאָטער אין הימל; און דאָס לערנט אויך אַז די תורה, אירע געזעצן און אַלע אירע איינצלהייטן און אירע קאָמענ־טאַרן זענען געוואָרן איבערגעגעבן דורך משה מסיני.

*

31. מנחות, כט, ב.
32. ויקרא, בחוקותי, כו, מו. ספרא בחוקותי, ב, ח.

ווי שוין אויבן געברענגט, האָט ר׳בי עקיבא אַזוי ווי זיין רבי, נחום איש גם זו, געהאַלטן אַז דאָס וואָרט את אין דער תורה איז צו דרש׳נען.

אגב, רבי אליעזר בן הורקנוס איז געווען דער רבי פון רבי עקיבא אין הלכה, אָבער אין מדרש המקרא, ווי אַזוי צו דרש׳נען די תורה, איז זיין רבי געווען נחום איש גם זו.

*

אַזוי ווי וועגן את, אַזוי איז עס, ביי רבי עקיבא, אויך וועגן לאמור, צו זאָגן:

רבי עקיבא אומר: כל המקום שנאמר בה: „לאמור״, צריך לידרש[33].

רבי עקיבא זאָגט: אומעטום ווו עס ווערט געזאָגט (אין דער תורה) לאמור, איז עס צו דרש׳נען.

*

רבי עקיבא אומר: כל פרשה שהיא סמוכה לחברתה, למדה הימנה. רבי אומר: הרבה פרשיות סמוכות זו לזו ורחוקות זו מזו כרחוק מזרח ממערב[34].

רבי עקיבא זאָגט: ביי יעדערער פרשה לערנט מען עפּעס פון דער נאָענטער פרשה. זאָגט רבי: עס זענען פאַרהאַנדן פיל פרשיות וואָס שטייען (אין דער תורה) איינע נעבן דער אַנדערער און זענען ווייט צווישן זיך אַזוי ווי מזרח פון מערב.

*

די מיינונגס-פאַרשידנקייטן צווישן רבי ישמעאל און רבי עקיבא: וועלכע שיטה עס זאָל ווערן אָנגענומען ביים אויסטייטשן די תורה: כלל ופרט אָדער ריבוי ומיעוט, איז שוין געוואָרן געברענגט אויבן[35]. זאָל דאָ נאָר ווערן נאָך צוגעגעבן די פלוגתא צווישן רבי אליעזר בן הורקנוס

33. ספרי נשא, ב.
34. ספרי ריש פרשת בלק, קלא.
35. אויף זייט 191.

און רבי עקיבא, ווי עס איז צו זען אַז רבי אליעזר איז געווען ענגער צוגעבונדן צו דער מסורה ווי רבי עקיבא:

רבי אליעזר סבור: יש אם למסורה, ורבי עקיבא סבור: יש אם למקרא[36].

וואָס לערנט רבי עקיבא

רבי עקיבא אומר: שחוק וקלות ראש מרגילין לערוה. מסורות — סיג לתורה, מעשרות — סיג לעושר, נדרים — סיג לפרישות, סיג לחכמה — שתיקה.

הוא היה אומר: חביב אָדם שנברא בצלם. חבה יתרה, נודעת לו שנברא בצלם, שנאמר[37]: „בצלם אלהים עשה את האָדם". חביבין ישראל שנקראו בנים למקום. חבה יתרה, נודעת להם שנקראו בנים למקום, שנאמר[38]: „בנים אַתם לה' אלהיכם". חביבין ישראל שניתן להם כלי חמדה. חבה יתרה, נודעת להם שניתן להם כלי חמדה שבו נברא העולם, שנאמר[39]: „כי לקח טוב נתתי לכם, תורתי אַל תעזובו".

הכל צפוי, והרשות נתונה. ובטוב העולם נידון. והכל לפי רוב המעשה.

הוא היה אומר: הכל נתון בערבון, ומצודה פרוסה על כל החיים. החנות פתוחה, והחנוני מקיף, והפנקס פתוח, והיד כותבת, וכל הרוצה ללות יבוא וילוה, והגבאים מחזירים תדיר בכל יום, ונפרעין מן האָדם מדעתו ושלא מדעתו, ויש להם על מה שיתמוכו, והדין דין אמת, והכל מתוקן לסעודה[40].

רבי עקיבא זאָגט שפּאָט און לייכטזין פירן דעם מענטש צו הול־טייסטווע. די טראַדיציעס זענען אַ צוים אַרום דער תורה. געבן צדקה איז

36. קידושין, יח, ב. דאָרט זענען אָנגעגעבן נאָך שטעלן.
37. בראשית, ט, ו.
38. דברים, ראה, יד, א.
39. משלי, ד, ב.
40. אָבות, ג, יג—טז.

אַ צוים אַרום עשירות. נדרים זענען אַ צוים אַרום מעסיקייט. דער צוים אַרום חכמה — איז דאָס שווייגן.

ער האָט געפּלעגט צו זאָגן: געליבט איז דער מענטש, דאָס ער איז באַשאַפן געוואָרן אין דעם געשטאַלט (פון גאָט). ער איז גאָר געליבט, אַז דאָס איז אים געוואָרן אַנטפּלעקט, ווי עס איז געזאָגט אין דער תורה: „אין געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטש". געליבט זענען יידן דאָס זיי ווערן אָנגערופן גאָטס קינדער. גאָר געליבט זענען זיי, אַז עס איז זיי דאָס געוואָרן אַנטפּלעקט, ווי עס איז געזאָגט אין דער תורה: „קינדער זענט איר צו אייער גאָט". געליבט זענען יידן, דאָס עס איז זיי געגעבן געוואָרן אַ וואונדערלעכער אינסטרומענט (די תורה). גאָר געליבט זענען זיי, דאָס עס איז זיי געוואָרן אַנטפּלעקט אַז עס איז זיי געגעבן געוואָרן אַזעלכעס וואָס דערמיט איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, און עס איז געזאָגט אין משלי: „ווייל אַ גוטע לערע האָב איך אייך געגעבן, איר זאָלט מיין תורה נישט פאַרלאָזן".

אַלץ איז פאָראויסגעזען[41] און יעדער האָט די מעגלעכקייט. און בכלל ווערט די וועלט גינצטיק געמשפּט, און אַלץ איז לויט דער מערהייט פון די מעשים.

ער האָט געפּלעגט צו זאָגן: אַלץ איז געגעבן אויף אַ משכון, און די נעץ איז אויסגעשפּרייט אויפן גאַנצן לעבן. דאָס געוועלב איז אָפן, און דער קרעמער גיט אויף באָרג, און דאָס קאָנטאָ־בוך איז אויפגעמישט, און די האַנט שרייבט, און ווער עס וויל קאָן זיך באָרגן, און די אינקאַסענטן גייען שטענדיק אַרום יעדן טאָג און נעמען באַצאָלט, מיט גוטן אָדער מיט בייזן, ווייל זיי האָבן אויף וואָס זיך צו שטיצן, און דאָס געזעץ איז אמת. און אַלץ איז צוגעגרייט צו דער סעודה...

בין אדם לחברו

„ואָהבת לרעך כמוך"[42], רבי עקיבא אומר: זה כלל גדול בתורה[43].

אויף דעם פּסוק אין דער תורה: „נאָר זאָלסט ליב האָבן דיין חבר

41. מאַנכע מפרשים טייטשן, הכל צפוי: אַלץ ווערט געזען, אַפילו דאָס וואָס דער מענטש טוט באַהאַלטענערהייט. מגן דוד פון הרשב"ץ. אָבות דרבי נתן, נוא, לט.
42. ויקרא, קדושים, יט, יח.
43. ספרא קדושים, ב, ד.

ווי זיך אַליין", זאָגט רבי עקיבא: דאָס איז אַ וויכטיקער כלל אין דער תורה.

*

שנים שהיו מהלכין בדרך, וביד אחד מהן קיתון של מים, אם ישתו שניהם — ימותו; ואם ישתה אחד מהן — יגיע לישוב. דרש בן פטורי: מוטב שישתו שניהם וימיתו, ואל יראה אחד מהם במיתתו של חברו. עד שבא רבי עקיבא ולימד: „וחי אָחיך עמך"[44], חייך קודמים לחיי חברך[45].

צוויי מענטשן זענען געגאַנגען אין וועג און איינער פון זיי האָט אַ קרוג וואַסער, אויב ביידע זאָלן טרינקען וועלן זיי ביידע שטאַרבן; אָבער אַז נאָר איינער וועט טרינקען וועט ער יאָ צוקומען צו אַ ישוב, האָט בן פטורי גע'דרש'נט: בעסער אַז ביידע זאָלן טרינקען און שטאַרבן, איידער איינער זאָל זען ווי דער אַנדערער שטאַרבט. ביז עס איז געקומען רבי עקיבא און געלערנט: די תורה זאָגט: „און דיין ברודער זאָל לעבן מיט דיר", איז דיין לעבן פריער איידער דיין חבר'ס לעבן.

*

רבי עקיבא אומר: מניין לסנהדרין שהרגו את הנפש שאין טועמין כלום כל אותו היום, תלמוד לומר[46]: „לא תאכלו על הדם"[47].

רבי עקיבא זאָגט: פון וואַנען איז זיך צו לערנען אַז די סנהדרין וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל, זאָלן זיי אינעם זעלבן טאָג גאָרנישט טועם זיין? דאָס לערנט דער פסוק אין דער תורה: „דו זאָלסט נישט עסן אויף בלוט".

רבי עקיבא לערנט ־דערביי ווי אַזוי מען דאַרפט אַלץ אָנווענדן דעם דאָזיקן פאַרבאָט: דו זאָלסט נישט עסן אויף בלוט!

*

44. ויקרא, בהר, ה, ג.
45. בבא מציעא, סב, א. ספרא בהר ה, ג.
46. ויקרא, קדושים, יט, כו.
47. סנהדרין, סב, א.

זאָל דאָ אויך ווערן דערמאָנט רבי עקיבא׳ס מיינונג אַז נאָך דער מעשה פון יונה הנביא קעגן דער באַפעלקערונג פון נינוה, האָט דער רבונו של עולם שוין מער נישט גערעדט מיט אים[48].

גערעכטיקייט

רבי עקיבא, כד הוה בר נש אָזל מידון קומיה, הוה אָמר ליה: הוו יודעין לפני מי אַתם עומדים, לפני מי שאָמר והיה העולם, שנאמר[49]: „ועמדו שני האנשים אשר להם הריב, לפני ה׳״ — ולא לפני עקיבא בן יוסף[50].

רבי עקיבא, אַז מען איז צו אים געקומען אויף אַ משפט האָט ער צו זיי געזאָגט: איר זאָלט וויסן פאַר וועמען איר שטייט: פאַר דעם וואָס האָט באַשאַפן די וועלט! אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „זאָלן די צוויי מענטשן וואָס קריגן זיך, שטיין פאַר גאָט״, נישט פאַר עקיבא בן יוסף!

*

רבי עקיבא האָט געהאַלטן אַז גזל כנעני אָסור, אַז מען טאָר נישט, בשום אופן, אָפּגענאַרן אַ גוי. דאָס איז נאָר וועגן אַ פּריוואַטן מענטש, אָבער מען מעג זיך אַרויסדרייען כדי נישט צו צאָלן קיין שטייערן דער רוימישער אָקופּאַציע־מאַכט[51].

*

המלוה את חברו על המשכון ואָבד המשכון, ישבע ויטול מעותיו, דברי רבי אליעזר. אָמר לו רבי עקיבא: יכול לומר לו: כלום הלותיני אלא על המשכון, ועכשיו שאָבד המשכון — אָבדו מעותיך[52].

48. יבמות, צח, א. אין מכילתא, אָנפאַנג פּרשת בא, איז עס איבערגעגעבן סתם.
49. דברים, שופטים, יט, יז.
50. ירושלמי סנהדרין, א, א.
51. בבא קמא, קיג, א.
52. בבא מציעא, פא, ב.

אַז איינער באַרגט אַן אַנדערן געלט אויף אַ משכון און דער משכון איז געוואָרן פאַרלוירן, זאָגט רבי אליעזר: זאָל ער שווערן (אַז נישט צוליב זיין שולד איז עס פאַרלוירן געוואָרן) און אָפּנעמען זיין געלט. האָט רבי עקיבא געזאָגט צו רבי אליעזר'ן: ער קאָן אים זאָגן: דו האָסט דאָך מיר געבאָרגט נאָר אויף דעם משכון, יעצט אַז דו האָסט פאַרלוירן דעם משכון, טאָ האָסטו פאַרלוירן דיין געלט.

*

רבי עקיבא האָט אַוועקגעשטעלט אַ פעסטן כלל:

אין מרחמין בדין[53].

ווען עס האַנדלט זיך ביי גערעכטיקייט טאָר מען זיך נישט רעכענען מיט דער מאַטעריעלער לאַגע פון די בעלי דין.

אייגנטלעך איז דער דאָזיקער כלל אַ בפירושער פסוק אין דער תורה:

ודל לא תהדר בריבו[54].

און אַן אָרעמאַן זאָלסטו נישט פאָרציען אין זיין קריג.

*

טוען צדקה, זיך פירן לפנים משורת הדין, דאַרפט מען מקיים זיין ביי זיך זעלבסט אויף דעם אייגענעם, נישט אויף יענעמס, חשבון.

רבי עקיבא פערזענלעך ווערט טאַקע באַצייכנט אַלס מעביר על מדותיו, וואָס איז מוותר פאַר יענעם נאָך מער ווי עס איז דער דין[55]. בכלל האָט רבי עקיבא מחמיר געווען אויף זיך, אַפילו דאַמאָלט ווען ער האָט אויף אַנדערע יאָ מקיל געווען.

*

53. משנה כתובות, ט, ב—ג.
54. שמות, משפטים, כג, ג.
55. תענית, כה, ב; ירושלמי, ג, ד.

דוד מלכי

געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

ווען מען האָט רבי עקיבאַ׳ן פאַרגעלייגט צו ווערן אַ פרנס על הציבור, האָט ער געזאָגט אַז ער וויל זיך פריער מיישב זיין מיט דער פרוי. האָט זי דערויף מסכים געווען און צוגעגעבן אַז מען מוז זיין גרייט אויף פיל שוועריקייטן און אַפילו אויך אויף באַליידיקונגען וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן[56]. האָט רבי עקיבא זיך אָפגעגעבן מיט פאַרזאָרגן די אָרעמעלייט[57]. ער איז אויך געווען זייער יורידיש אַנערקענטער פאַר־שטייער. לויט דעם יורידישן טערמין איז ער געווען: יד עניים, „די האַנט פון די אָרעמעלייט"[58].

*

רבי עקיבא אומר: אין משתכרין משל הקדש ולא משל עניים[59].

רבי עקיבא זאָגט: מען האַנדלט נישט מיטן געלט פון הקדש, און נישט מיטן געלט וואָס איז באַשטימט פאַר אָרעמעלייט.

פאַרשטייט זיך, אַז עס רעדט זיך וועגן פאַרדינסט לטובת דער געזעלשאַפטלעכער קאַסע.

*

געזאָרגט פאַר די אָרעמעלייט נישט נאָר בלויז מאַטעריעליש, נאָר ער האָט אויך געזאָרגט פאַר זייער מענטשלעכער חשיבות. איז כדאי דאָ צו ברענגען נאָכאַמאָל, וואָס איז שוין געוואָרן געבו־ענגט אויבן, אין דעם אַריינפיר:

עס ווערט געלערנט אין דער משנה, אַז אויב מען באַליידיקט עמיצן מוז מען באַצאָלן אַנטשעדיקונג, יעדן לויט זיין שטאַנד און אָנזען.

אָמר רבי עקיבא: אַפילו עניים שבישראל, רואין אותם כאילו הם בני חורין שירדו מנכסיהם, שהם בני אברהם יצחק ויעקב[60].

56. ירושלמי פאה, ח, ו.
57. משנה מעשר שני, ה, ט.
58. קידושין, כז, א.
59. משנה שקלים, ד, ג.
60. משנה בבא קמא, ח, ו.

האָט רבי עקיבא געזאָגט: אַפילו די אָרעמעלייט צווישן יידן, ווערן זיי באַטראַכט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַראָפּגעקומענע אַריסטאָקראַטן, זיי זענען דאָך די קינדער פון אַברהם יצחק ויעקב.

*

דער האַנדל איז דאַמאָלט נאָך נישט געהאַט געווען אַזוי אַנטוויקלט ווי שפּעטער, איז באַרגן געלט, געוועגלעך, געהאַט געווען נאָר אַ נויט־ווענדיקייט פאַר אָרעמעלייט. איז געווען שטרענג אָנגעזאָגט אַז מען זאָל נישט נעמען קיין ריבית, קיין וווכער, קיין „פּראָצענט".

רבי עקיבא אומר: קשה הריבית, שאף שאלת שלום הרי היא ריבית, כיצד? — והוא שלא שאל בשלומו מימיו עד שלווה הימנו, היקדים לו שאלת שלום, הוי אומר: אף שאלת שלום ריבית[61].

רבי עקיבא זאָגט: מען מוז זיין זייער פּאָרזיכטיק מיט ריבית, אַפילו דאָס גריסן קאָן אַמאָל זיין ריבית: אַז ער האָט אים קיינמאָל נישט געגרוסט, נאָר נאָכן באָרגן הייבט ער אָן אים צו גריסן, קאָן דאָס שוין הייסן ריבית.

*

זייענדיק עוסק אין פאַרזאָרגן אָרעמעלייט, האָט רבי עקיבא גאַנץ גוט געוווסט ווי שווער און, מאַנכעס מאָל, אַפילו גאָר פּיינלעך עס איז אָנצוקומען צו מענטשן, האָט ער געזאָגט:

עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות[62].

מאַך ליבערשט דיין שבת וואָכעדיק, אַבי נישט אָנצוקומען צו מענטשן.

*

מעשה בתלמיד אחד מתלמידי רבי עקיבא שחלה ולא

61. תוספתא בבא מציעא, ו, 385; ירושלמי, ה, ח.
62. שבת, קיח, א. פסחים, קיב, א.

נכנסו חכמים לבקרו. ונכנס רבי עקיבא לבקרו, ובשביל שכיבדו וריבצו לפניו, חיה. אָמר לו: רבי, החייתני! יצא רבי עקיבא ודרש: כל שאינו מבקר את החולה, כאילו שופך דמים[63].

אַמאָל איז איינער פון רבי עקיבא׳ס תלמידים קראַנק געוואָרן, און די חכמים זענען נישט אַריינגעגאַנגען אים מבקר חולה זיין. איז צו אים אַריינגעגאַנגען רבי עקיבא און האָט דאָרטן אויסגעקערט די שטוב און אויסגעשפּריצט, אַז דער קראַנקער האָט אַזש אויפגעלעבט. האָט ער צו אים געזאָגט: רבי, דו האָסט מיך מחיה געווען! איז רבי עקיבא אַרויס־געגאַנגען און גע׳דרש׳נט: ווער עס איז נישט מבקר חולים, איז אַזוי ווי ער וואָלט פאַרגאָסן בלוט.

אָפּטימיסטישע איינשטעלונג

רבי עקיבא זאָגט:

לעולם יהא אָדם רגיל לומר: כל דעביד רחמנא, לטב עביד"[64].

שטענדיק זאָל דער מענטש זיין געוווינט צו זאָגן: אַלץ וואָס גאָט טוט איז צום גוטן.

*

אָמר רבי עקיבא: „על מה נאץ רשע, אלהים, אָמר בלבו: לא תדרוש"[65], לית דין ולית דיין; אבל אית דין ואית דיין![66]

אויף דעם פּסוק אין תהלים: „פאַרוואָס דער רשע ל׳עסטערט גאָט? ער זאָגט אין זיין האַרצן: דו מאָנסט נישט", זאָגט רבי עקיבא: דאָס הייסט: ער מיינט אַז עס איז לית דין ולית דיין, נישטאָ קיין געזעץ און

63. נדרים, מ, א.
64. ברכות, ס, ב.
65. תהלים, י, יג.
66. בראשית רבה, כו, א.

נישטאָ קיין ריכטער; אָבער: אית דין ואית דיין, עס איז יאָ דאָ, אי געזעץ אי אַ ריכטער!

*

דער מענטש קאָן זיך אָבער אַליין פאַרקירצן זיינע יאָרן, ווי עס זאָגט רבי עקיבא:

זכה — משלימין לו את שנותיו, לא זכה — פותחין לו מהן[67].

איז דער מענטש זוכה (לויט זיין אויפפירונג) — ווערן אויסגעפילט זיינע יאָרן; אויב נישט — ווערן זיי פאַרמינערט.

*

זאָגט רבי עקיבא: אַז מען מעג מחלל שבת זיין, אַפילו אויף אַ ספק פקוח נפש, און גיט צו:

הא לא ניתנו מצוות אלא לחיות בהן, שנאמר: „אשר יעשה אותם האָדם וחי בהם", ולא שימות בהם[68].

די מצוות זענען געגעבן געוואָרן נאָר צום לעבן אָבער נישט צום שטאַרבן, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „וואָס אַז אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי", אָבער נישט שטאַרבן דורך זיי.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אַנדערע מצוות אָבער נישט וועגן עבודה זרה, גלוי עריות און שפיכות דמים.

*

רבי עקיבא זאָגט:

כל שרוח עצמו נוחה בשלו — סימן יפה לו; אין רוח עצמו נוחה בשלו — סימן רע לו[69].

---

67. תוספתא עדיות, א, 456. יבמות, ג, א. קהלת רבה, ג, ד.
68. ויקרא, אחרי, יח, ה. תוספתא שבת, טו, 134.
69. תוספתא ברכות, ג, ג, 6.

דער וואָס עס איז אים אַנגעגעם זיין אייגנס — איז עס פּאַר אים אַ גוטער סימן, אויב נישט — איז עס פּאַר אים אַ שלעכטער סימן.

*

אַזוי האָט רבי עקיבא אויך אויסגעטייטשט חלומות צום גוטן, למשל:

חד תלמיד דרבי עקיבא הוה יתיב ואפוי משניין. אָמר ליה: מהו כן? אָמר ליה: חמית בחילמאי תלת מילין קשיין: באָדר אָת מיית, וניסן לית אָת חמי, ומה דאָת זרע לית אָת כנש. אָמר ליה: תלתיהון טבין אינון: בהדרא דאורייתא אָת מתרוממא, וניסין לית אָת חמי, „ומה דאָת זרע לית אָת כנש", מה דאָת מוליד לית אָת קבר[70].

רבי עקיבא'ס אַ תלמיד איז געזעסן און זיין פּנים איז געווען פאַר־ענדערט. האָט אים רבי עקיבא געפרעגט: וואָס איז? האָט ער אים געענטפערט: איך האָב געזען אין חלום דריי שלעכטע זאַכן: „אין אָדר וועסטו שטאַרבן, און ניסן וועסטו נישט זען, און וואָס דו וועסט זייען וועסטו נישט איינזאַמלען". האָט רבי עקיבא אים געזאָגט: אַלע דריי זאַכן זענען צום גוטן: דו וועסט שטייגן אין דער תורה, און דו וועסט נישט קומען צו קיין נסיון, און „וואָס דו וועסט זייען וועסטו נישט איינזאַמלען", מיינט מען אַז דו וועסט געבירן קינדער און זיי נישט באַגראָבן. (עס איז דערביי אַ וואָרט־שפּיל וועגן אָדר און ניסן).

*

ומעשה ברבי עקיבא שעשה משתה לבנו, ועל כל כוס וכוס שהביא, אָמר: חמרא וחיי לפום רבנן, חמרא וחיי לפום תלמידיהון[71].

ווען רבי עקיבא האָט חתונה געמאַכט זיין זון, האָט ער ביי יעדן בעכער וואָס ער האָט צוגעטראָגן געזאָגט: ווייַן און לעבן צום מויל פון די רבנן! וויין און לעבן צום מויל פון זייערע תלמידים!

70. ירושלמי מעשר שני, ד. תנחומא בראשית, יג.
71. שבת, סז, ב; תוספתא, ז, 118. ירושלמי ברכות, ו, ח.

פאַמיליע־לעבן

כל מי שאינו עוסק בפריה ורביה, רבי עקיבא אומר: כאילו ממעט את הדמות, שנאמר: „כי בצלם אלהים עשה את האדם”, וכתיב בתריה: „ואתם פרו ורבו”[72].

רבי עקיבא זאָגט: דער מענטש וואָס איז נישט מקיים די מצוה פון פירן אַ פאַמיליע־לעבן און געבירן קינדער, איז ממעט את הדמות, פאַרמינערט ער דאָס געשטאַלט, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „ווייל אין דעם געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן”, און באַלד דערנאָך איז געשריבן: „און איר פרוכפּערט אייך און מערט אייך”.

*

טהרת משפחה, אָדער גאָר קדושת הזוג, די ריינקייט און טאַקע הייליקייט פון פאַמיליע־לעבן. די דאָזיקע יידישע לעבנס־פילאָזאָפיע קומט צום אויסדרוק אויף אַ זייער שיינעם אופן אין אַ גאַנץ קורצן מאמר פון רבי עקיבא:

דריש רבי עקיבא: איש ואשה, זכו — שכינה ביניהם; לא זכו — אש אוכלתם[73].

רבי עקיבא האָט גע'דרש'נט: מאַן און ווייב, אויב זיי פירן זיך גוט — רוט צווישן זיי די שכינה; אויב נישט — ווערן זיי פאַרצערט ווי פון פייער.

די דאָזיקע אַזוי ריכטיקע לעבנס־לערע ווערט אויסגעדריקט גאָר בילדיש:

ווען מאַן און ווייב, איש און אשה, פירן זיך גוט — איז די „י” פון איש מיט דער „ה” פון אשה, צוזאַמען: יה, גאָט. דאָס הייסט אַז די שכינה רוט צווישן זיי. אָבער ווען זיי פירן זיך נישט גוט, פאַרלאָזט זיי די שכינה, די „י” פון איש און די „ה” פון אשה — בלייבט נאָר אש און אש, פייער און פייער.

---

72. בראשית, נח, ט, ו—ז. יבמות, סג, ב.
73. סוטה, יז, א.

*

האַלט רבי עקיבא אַז מען מוז זיין זייער פּאַרזיכטיק, פאַר דער חתונה, אַז דאָס פּאַרפּאָלק זאָל זיין געפּאַסט צווישן זיך, אַז עס זאָל צווישן זיי הערשן האַרמאָניע. רעכנט אויס רבי עקיבא, וואָס פאַר אַ זינד עס קומט אַלץ אויס צו באַגיין צווישן זיך, ביי נישט קיין געפּאַסטע חתונות:

רבי עקיבא אומר: כל הנושא אשה שאינה מהוגנת לו, עובר משום חמישה לאוין: משום „לא תקום", משום „לא תטור", ומשום „לא תשנא את אחיך בלבבך", ומשום „ואהבת לרעך כמוך"[74], ומשום[75]: „וחי אחיך עמך"[76].

רבי עקיבא זאָגט: אַז מען האָט חתונה מיט אַ פרוי וואָס איז נישט פּאַסיק, קומט אויס צו באַגיין צווישן זיך פאַרשידענע עבירות: „זאָלסט זיך נישט נוקם זיין!", „זאָלסט נישט היטן קיין שנאה!", „זאָלסט נישט פיינט האָבן דיין נאָענטן אין דיין האַרצן!". און אַזוי אויך עובר צו זיין אויף די מצוות: „זאָלסט ליב האָבן דיין פריינד ווי זיך זעלבסט!", „און דיין נאָענטער זאָל לעבן מיט דיר!".

*

אָפּהיטן און פלעגן דאָס ריינע פאַמיליע־לעבן, איז דער מאָטיוו וואָס רבי עקיבא איז מחמיר ווען עס האַנדלט זיך וועגן אומטרייקייט פון דער פרוי[77], און אַזוי אויך וועגן נישט ריכטיקע חתונות[78]. דאַקעגן אָבער ביי געלט־פראַגן איז רבי עקיבא, כמעט שטענדיק, לטובת דער פרוי[79].

*

צווישן די חכמים איז אַמאָל געוואָרן געשטעלט די פראַגע: ווער

74. ויקרא, קדושים, יט, יז—יח.
75. ויקרא, בהר, כה, לו.
76. אָבות דרבי נתן, נו"א, כו.
77. סוטה, ג, א.
78. משנה יבמות, ד, יב—יג; תוספתא, ו. קידושין, עה, א.
79. משנה כתובות, ג, ג; נדרים, ט, ה—ו; יבמות, יב, ג, ה; עדיות, ח, ה. ירושלמי כתובות, ג, א; ד, ד. סוטה, ג, א.

קאָן ווערן באַטראַכט אַלס רייכער? איז דאָרטן געווען פאַרשידענע מיי־נונגען. וואָס האָט געזאָגט רבי עקיבא?

איזה עשיר? רבי עקיבא אומר: כל שיש לו אשה נאה במעשיה[80].

ווער איז רייך? זאָגט רבי עקיבא: דער וואָס האָט אַ שיינע פרוי, שיין אין איר אויפפירונג.

דער כבוד פון דער פרוי

ומעשה באחד שפרע ראש האשה בשוק. באת לפני רבי עקיבא וחיבו ליתן אַרבע מאות זוז. אָמר לו: רבי, תן לי זמן, ונתן לו זמן. שמרה עומדת על פתח חצרה ושבר את הכד בפניה, ובו כאיסר שמן. גלתה את ראשה והיתה מטפחת ומנחת ידה על ראשה. העמיד עליה עדים ובא לפני רבי עקיבא. אָמר לו: רבי, לזו אני נותן אַרבע מאות זוז? אָמר לו: לא אָמרת כלום. החובל בעצמו, אַף על פי שאינו רשאי, פטור; אחרים שחבלו בו, חיבים. והקוצץ את נטיעותיו, אַף על פי שאינו רשאי, פטור; אחרים שקצצו את נטיעותיו, חיבים[81].

אַמאָל האָט איינער אויפגעדעקט דעם קאָפּ פון אַ פרוי, אויפן מאַרק (איר צו פאַרשעמען), איז זי געקומען צו רבי עקיבא׳ן. האָט רבי עקיבא יענעם פאַר׳משפט צו באַצאָלן פיר הונדערט גילדן. זאָגט יענער: רבי, גיב מיר צייט דערויף. האָט ער אים געגעבן. האָט יענער איר אָפּגעוואַרט ביי דער טיר פון איר הויף, און צעבראָכן אַ קרוג מיט אַביסל בוימל. האָט זי זיך אויפגעדעקט דעם קאָפּ, און מיט דער האַנט אויסגעווישט דאָס פאַרגאָסענע בוימל, און עס אויסגעשמירט אויפן קאָפּ. האָט ער דערויף געברענגט עדות פאַר רבי עקיבא׳ן און געזאָגט: רבי, איך זאָל איך געבן פיר הונדערט גילדן?! זאָגט צו אים רבי עקיבא: עס קומט נישט איינס צום אַנדערן. אַז איינער שעדיקט זיין אייגענעם גוף, הגם

80. שבת, כה, ב.
81. משנה בבא קמא, ח, ו.

ער טאָר עס נישט טוען, קאָן מען אים דאָך נישט דערפאַר באַשטראָפן; דאַקעגן אָבער, אַז אַנדערע שעדיקן אים, ווערן זיי יאָ באַשטראָפט. אַז איינער האַקט אָפּ זיינע אייגענע פלאַנצונגען, הגם ער טאָר עס נישט טוען, קאָן מען אים דאָך נישט באַשטראָפן; דאַקעגן אָבער, אַז אַנדערע טוען עס, ווערן זיי יאָ באַשטראָפט.

דאָס שיינקייט ביי פרויען

רבי עקיבא פאַרטיידיקט די פרוי, היט אָפּ איר כבוד, און זאָרגט, אַפילו, פאַר איר שיינקייט:

„הדוה בנדתה"[82], זקנים הראשונים אמרו: שלא תכחול ולא תתפרקס ולא תתקשט בבגדי צבעונים. עד שבא רבי עקיבא ולימד: אם כן, אתה מגנה על בעלה, ונמצא בעלה מגרשה; אלא, מה תלמוד לומר: „והדוה בנדתה"? — בנדתה תהא עד שתבוא במים[83].

וועגן אַ נידה האָבן די פאַרצייטישע חכמים געזאָגט: זי זאָל זיך נישט פאַרבן די אויגן, נישט שמינקען און נישט זיך אויספּוצן אין קאָלירטע קליידער. ביז עס איז געקומען רבי עקיבא און געלערנט: אויב אַזוי, וועסטו דאָך איר פאַר'מיאוס'ן ביים מאַן, אַז ער זאָל זי גט'ן; נאָר וואָס דען? זי זאָל נאָר זיין פון אים פיזיש דערווייטערט ביז זי וועט זיך רייניקן.

*

צוליב דעם זעלבן מאָטיוו: צו פלעגן דאָס שיינקייט פון דער פרוי, לערנט רבי עקיבא, אַז דער מאַן קאָן, ביי געוויסע אומשטענדן, שטערן דער פרוי צו פירן נזירות:

שהוא יכול לומר: אי אפשי באשה מנוולת[84].

ווייל ער קאָן זאָגן: איך וויל נישט קיין מיאוס'ע פרוי.

82. ויקרא, מצורע, טו, לג.
83. שבת, סד, ב. ספרא, סוף פרשת מצורע. ירושלמי, סוף גיטין.
84. משנה נזיר, ד, ה.

וועגן גט׳ן די פרוי

לאָמיר לערנען אַ משנה, די לעצטע משנה אין מסכת גיטין, וואָס לאָגיש וואָלט זי, אייגנטלעך, געדאַרפט זיין די ערשטע משנה אין דער דאָזיקער מסכתא. אפשר צוליב איר אויסטערלישקייט האָט זי רבי, דער מסדר המשנה, געלאָזט אויף צום לעצט:

בית שמאי אומרים: לא יגרש אָדם את אשתו, אלא אם כן מצא בה דבר ערוה, שנאמר[85]: „כי מצא בה ערות דבר". ובית הילל אומרים: אַפילו הקדיחה תבשילו, שנאמר: „כי מצא בה ערות דבר". רבי עקיבא אומר: אפילו מצא אַחרת נאָה הימנה, שנאמר: „והיה אם לא תמצא חן בעיניו"[86].

די בית שמאי זאָגן אַז אַ מאַן טאָר נישט פאַרטרייבן זיין ווייב, אויסער ער האָט ביי איר אויסגעפונען עפּעס שענדלעכעס, אַזוי ווי עס איז געזאָגט אין דער תורה: „כי מצא בה ערות דבר", „ווייל ער האָט ביי איר אויסגעפונען עפּעס שענדלעכעס". די בית הילל זאָגן: אַפילו זי האָט אים געלאָזט אָנברענען דאָס געקעכטס, ווייל דאָס קאָן אויך הייסן: ערות דבר, אַ מיאוס׳ע זאַך. רבי עקיבא זאָגט: אַפילו ער האָט געפונען אַ שענערע פון איר, און ער פאַרופט זיך אויף אַ פריערדיקער פראַזע אינעם זעלבן פסוק: „והיה אם לא תמצא חן בעיניו", „איז אויב זי וועט נישט געפינען חן אין זיינע אויגן".

*

אויב מען זאָל טאַקע דאָס אַלץ אָננעמען אַזוי ווערטלעך, אַז עס זענען דערביי דריי מיינונגען, און אַלע דריי שטיצן זיך טאַקע אויף דעם דאָזיקן זעלבן פסוק, וואָס ווערט דורך זיי אַזוי פאַרשידן און קעגנזעצלעך אויסגעטייטשט, איז די דאָזיקע משנה אינגאַנצן נישט צו פאַרשטיין:

עס איז בכלל נישט צו פאַרשטיין די בית הילל, אַז ערות דבר קאָן אויך מיינען: לאָזן אָנברענען אַ געקעכטס. נאָך שווערער איז צו פאַר־

85. דברים, כי תצא, כד, א.
86. משנה סוף גיטין.

שטיין, ווי אַזוי רבי עקיבא זאָל זיך פאַררופן אויף אַ פראַזע אין מיטן פסוק, און אינגאַנצן איגנאָרירן דעם צווייטן האַלבן פסוק.

גאַנץ באַזונדער, און טאַקע דער עיקר: ווי אַזוי קאָן רבי עקיבא מיינען געניי ווערטלעך: אפילו מצא אַחרת נאָה הימנה?! איז עס דאָך אין לדבר סוף! ווער קאָן דען דאָס נישט געפינען אַ שענערע פרוי ווי זיינע?! איז דאָ באמת געפּאַסט די האַרבע קשיא וואָס, הגם ביי אַן אַנדערן, אַפילו ביי אַ גאַנץ לייכטערן פאַל, האָט רבי יוחנן בן נורי געהאַט געפרעגט רבי עקיבא'ן:

אם כן, לא הנחת בת לאַברהם אָבינו שיושבת תחת בעלה![87]

אויב אַזוי, טאָ לאָזט דו דאָך בכלל נישט צו, קיין שום יידישע טאָכטער, אַז זי זאָל פאַרבלייבן ביי איר מאַן!

*

צו פאַרשטיין, מער־ווייניק, די דאָזיקע אַזוי גאָר האַרבע משנה, מוז מען ברייטער באַהאַנדלען דעם דאָזיקן גאַנצן ענין.

אייגנטלעך ווערט אין דער תורה נישט געזאָגט דירעקט ביי וועלכע באַדינגונגען קאָן אַ מאַן זיך שיידן מיט דער פרוי, און אַז ער דאַרפט דערביי איר שרייבן אַ גט. עס איז צו פאַרשטיין, אַז שרייבן אַ גט איז שוין געווען אַזוי באַקאַנט ביי יידן נאָך פון אַלטע צייטן, אַז עס איז נישט געהאַט געווען נויטיק דערוועגן ספּעציעל צו שרייבן. אגב, דורך די נביאים ווערט דערמאָנט אַ ספר כריתות, דאָס הייסט: אַ גט[88].

אין דער תורה איז אָבער געשריבן:

כי יקח איש אשה ובעלה, והיה אם לא תמצא חן בעיניו, כי מצא בה ערות דבר, וכתב לה ספר כריתות וכו'[89].

„אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ ווייב און מיט איר לעבן, איז אויב זי וועט נישט געפינען קיין חן אין זיינע אויגן, ווייל ער האָט אין איר אויסגעפונען עפּעס אַ שענדלעכע זאַך, און וועט איר שרייבן אַ גט...״ ווערט דאָרטן ווייטער געזאָגט, אַז אויב זי האָט חתונה געהאַט מיט אַן

87. גיטין, פט, א.
88. ישעיהו, נ, ג. ירמיהו, ג, ח.
89. דברים, כי תצא, כד, א.

אַנדערן מאַן, און ער האָט איר דערנאָך געשריבן אַ גט, אָדער ער איז געשטאָרבן — טאָר זי נישט צוריקגיין צום פריערדיקן מאַן.

*

איז, אייגנטלעך, די גאַנצע פּלוגתא צווישן בית שמאי און בית הילל וועגן גט׳ן די פרוי, נישט ווי אַזוי אויסצוטייטשן דעם אָדער יענעם פּסוק אין דער תורה, נאָר עס איז אַ קאָנסעקווענץ פון זייערע שיטות:

בית שמאי, וואָס אין כמעט אַלע פּלוגתות בנוגע מאַן און פרוי, זענען זיי לטובת דער פרוי[90], איז גאַנץ פאַרשטענדלעך אַז זיי זאָלן נישט דער־לויבן צו פאַרטרייבן די פרוי, אָן שום וויכטיקע סיבה. דאַקעגן אָבער בית הילל, וואָס זענען, געוועגלעך, ליבעראַלער ווי בית שמאי, פאַר־לייכטערן זיי דעם מאַן זיך צו באַפרייען פון דער פרוי, וואָס ער האָט אויף איר געוואָרפן אַן אומ־חן.

*

בדרך כלל זענען די בית שמאי צוגעבונדן צו דער מסורה מער ווי די בית הילל. אויך דאָ האָבן די בית שמאי אויף זייער זייט דעם אויבן געברענגטן פּסוק אין דער תורה, ווו עס ווערט, אַזוי ווי זעלבסטפאַר־שטענדלעך, צוגעגעבן: כי מצא בה ערות דבר.

פאַר די בית הילל איז אוודאי גאָרנישט גינסטיק דער דאָזיקער גאַנצער פּסוק, הגם זיי וואָלטן, אפשר, זיך געקאָנט פאַרענטפערן, אַז עס איז דאָך נישט געזאָגט, אַז נאָר דווקא ביי ערות דבר; האָבן זיי לי־בערשט אַנדערשט אויסגעטייטשט דעם דאָזיקן באַגריף.

וואָס נוגע רבי עקיבא, האַלט ער דאָ אינגאַנצן אַזוי ווי בית הילל, נאָר ער דריקט זיך אויס אַנדערשט. פאַרוואָס, אייגנטלעך, דריקט זיך טאַקע אויס רבי עקיבא אַזוי דראַסטיש? מעגלעך, אַז ער האָט דערביי געוואָלט גאַנץ ערנסט לערנען די יידישע פרויען, אַז זיי זאָלן וויסן צו פלעגן זייער שיינקייט.

אַז רבי עקיבא האָט דאָס געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק, זעט מען ווי דער דאָזיקער מאָטיוו איז ביי אים געקומען אַזוי בולט צום אויסדרוק אין די דינים פון נידה און נזירות, ווי עס ווערט אויבן געברענגט.

---

90. ווי עס איז אויספירלעכער דערקלערט אינעם ערשטן טייל, זייטן: 104—110.

דוד מלכי

סימפּאַטיע צו פרויען בכלל

עס איז כדאי דאָ צו ברענגען נאָך עטלעכע מאמרים פון רבי עקיבא ווו עס רעדט זיך וועגן פרויען:

דרש רבי עקיבא[91]: בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור, נגאלו ישראל ממצרים[92].

רבי עקיבא האָט גע'דרש'נט: אינעם זכות פון די נשים צדקניות אין יענעם דור, זענען די יידן געוואָרן אויסגעלייזט פון מצרים.

*

רבי עקיבא אומר: כל שהוא נכנס בעיר ומצא נערות יוצאות לפניו, יהא יודע שדרכו מיושרת. למד לך מאליעזר שמצאוהו נערות ונתישרה דרכו, שנאמר[93]: „וה' הצליח דרכי". וכן אתה מוצא במשה, שפגעו בו נערות ונתישרה דרכו, שנאמר[94]: „ולכהן מדין שבע בנות", ולבסוף הצליח ובאָה גאולה על ידו. וכן אתה מוצא בשאול שפגעו בו נערות ונתישרה דרכו, שנאמר[95]: „המה עולים במעלה העיר, והמה מצאו נערות", והצליח ועלה למלוכה. וכן אתה מוצא ביעקב אָבינו שפגעו בו נערות ונתישרה דרכו, שנאמר[96]: „והנה רחל בתו באָה עם הצאן", והצליח, שנאמר[97]: „ויפרץ האיש מאד מאד"[98].

רבי עקיבא זאָגט: אַז מען קומט אַריין אין אַ שטאָט, און מיידלעך קומען אַקעגן, איז עס אַ גוטער סימן. אַזוי זעט מען ביי אליעזר'ן, ווי מיידלעך האָבן אים געטראָפן, און ער האָט מצליח געווען, ווי ער אַליין

91. נישט רב עוירא, ווי עס איז אין אונזער גמרא, נאָר רבי עקיבא, ווי עס איז אין עין יעקב, הגדות התלמוד, ילקוט שמעוני, יחזקאל, שנד.
92. סוטה, יא, ב.
93. בראשית, חיי שרה, כד, נו.
94. שמות, ב, טז.
95. שמואל א, ט, יא.
96. בראשית, ויצא, כט, ט.
97. בראשית, ויצא, ל, מג.
98. מדרש הגדול, בראשית, ויצא, דף תקיא. פרקי דרבי אליעזר, לו. ילקוט שמעוני, קכד.

זאָגט: „וה׳ הצליח דרכי״. אַזוי געפינט מען אויך ביי משה רבנו, וואָס האָט געטראָפן יתרו׳ס טעכטער, און האָט מצליח געווען, און דורך אים איז געקומען די גאולה. אַזוי געפינט מען אויך ביי שאול המלך: „אַזוי ווי זיי גייען באַרג אַרויף אין דער שטאָט אַריין, האָבן זיי געטראָפן מיידלעך״, און ער האָט מצליח געווען, און אַזש דערגרייכט צו דער מלוכה. דאָס זעלבע איז אויך געווען ביי יעקב אבינו, וואָס האָט אָנגעטראָפן רחל׳ן, און איז מצליח געווען.

*

רבי עקיבא אומר: „אסתר״, ברוח הקודש נאמרה, שנאמר[99]: „ותהי אסתר נושאת חן בעיני כל רואיה״[100].

אין אַ שמועס צווישן עטלעכע חכמים וועגן מגילת אסתר, האָט יעדערער פון זיי געברענגט אַן אַנדערן פסוק פון דער דאָזיקער מגילה, אַלס באַווייז אַז זי איז געשריבן ברוח הקודש. האָט רבי עקיבא געברענגט דעם פסוק: „און אסתר האָט נושא חן געווען אין די אויגן פון אַלע וואָס האָבן זי געזען״.

זיין באַשיידנקייט

מעשה ומתו בניו של רבי עקיבא, נכנסו כל ישראל והספידום הספד גדול. בשעת פטירתן, עמד רבי עקיבא על ספסל אחד ואָמר: אָחינו בני ישראל, שמעו: אפילו שני בנים חתנים, מנוחם הוא בשביל כבוד שעשיתם. ואם בשביל עקיבא באתם הרי כמה עקיבא בשוק. אלא, כך אמרתם: „תורת אלהיו בלבו״[101] וכל שכן ששכרכם כפול. לכו לביתכם לשלום[102].

ווען עס זענען געשטאָרבן רבי עקיבא׳ס זין, זענען אַלע יידן געקומען און זיי שטאַרק מספיד געווען. ביים פונאַנדערגיין, האָט רבי

99. אסתר, ב, טו.
100. מגילה, ז, א.
101. תהלים, לז, לא.
102. מועד קטן, כא, ב. שמחות, ח.

עקיבא זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ באַנק, און געזאָגט: אחינו בני ישראל, הערט צו: אַפילו צוויי אויסגעגעבענע זין, איז אַ טרייסט דער כבוד וואָס איר האָט געטוען. איר זענט דאָך נישט געקומען צוליב עקיבא׳ן, וואָס אַזעלכע פעלן נישט. נאָר איר האָט זיך געטראַכט: „די תורה פון זיין גאָט איז אין זיין האַרצן”, זענט איר דאָך ווערט אַ טאָפּלטן שכר, גייט אַהיים לשלום!

*

דער דאָזיקער טענדענץ פון רבי עקיבא׳ן: דאָס וועלן זיך פאַרמיידן, דערמאָנט אין אַן אַנדערן כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, וואָס ווערט וועגן אים דערציילט לגבי זיין רבי׳ן, רבי אליעזר בן הורקנוס. עס איז שוין, אגב, אויך געוואָרן געברענגט אינעם ערשטן טייל:

רבי אליעזר עביד תעניתא ולא איתנחת מיטרא, עבד רבי עקיבא תעניתא ונחת מיטרא. עאל ואָמר קומיהון: אמשול לכם משל למה הדבר דומה: למלך שהיו לו שתי בנות, אחת חצופה ואחת כשירה. אימת דהות בעייא ההיא חצופתא עלת קומיי, הוה אָמר: יבון לה מה דהיא בעייא, ותיזיל לה. ואימת דהות ההיא כשירה עלת קמוי, הוה מאריך רוחיה, מתחמד משמוע שועתה,

ואית שרי מימר כן? אלא שלא לחלל שם שמים בי רבי אליעזר”[103].

רבי אליעזר בן הורקנוס האָט גוזר תענית געווען (אויף רעגן) און עס האָט נישט גערעגנט. רבי עקיבא האָט גוזר תענית געווען און עס האָט יאָ גערעגנט. איז רבי עקיבא אַריינגעגאַנגען און זיי געזאָגט: איך וועל אייך געבן אַ משל צו וואָס דאָס איז גלייך: אַ מלך האָט געהאַט צוויי טעכטער, איינע אַן אויסגעלאַסענע און איינע אַן אַנשטענדיקע. אַז די אויסגעלאַסענע האָט געוואָלט אַריינגיין צום מלך, האָט ער געזאָגט: גיט איר וואָס זי וויל און זאָל זי גיין. ווען די אָרנטלעכע איז צו אים אַריינגעגאַנגען, איז ער געווען גאַנץ געדולדיק זי אויסצוהערן, עס האָט אים געגלוסט זי צו הערן רעדן.

103. ירושלמי תענית, ג, ד. ענלעכעס איז אויך דאָ אין בבלי, כה, ב.

פרעגט מען: מעג מען דען אַזוי זאָגן (אַפילו אויף זיך אַליין)? נאָר כדי רבי אליעזר זאָל נישט זיין פאַרשעמט.

*

צום באַשיידנקייט פון רבי עקיבא קאָן מען אפשר אויך צורעכענען דאָס וואָס ער האָט פיל מאָל טיילוויז מודה געווען צו זיין בעל פלוגתא. זייער אָפט ווערט איבערגעגעבן ווי רבי עקיבא זאָגט: מודה אני בזה[104].

אַז זיך נישט טועה צו זיין, מוז מען נעמען אין באַטראַכט אַז דאָס דאָזיקע מין מודה זיין איז נישט געקומען פון וואַקלדיקייט. פאַרקערט: ווען עס איז געווען נויטיק, איז רבי עקיבא שוין יאָ געווען זייער פעסט. ער איז אָבער געווען שטענדיק גרייט צו געפינען דעם ריכטיקן קערן אין יענעמס מיינונגען.

מערערע מאָל האָט רבי עקיבא זיך געלאָזט אַזוי איבערצייגן, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן, אין געוויסע ענינים, צו לערנען אַזוי ווי יענער, למשל:

חזר רבי עקיבא להיות שונה כבן עזאי[105].

האָט רבי עקיבא אָפּגעטרעטן פון זיין מיינונג און אָנגעהויבן צו לערנען אַזוי ווי בן עזאי.

דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט לגבי רבי טרפון, לגבי רבי יהודה און לגבי אַנדערע חכמים.

*

אַמאָל האָט רבי עקיבא געזאָגט צו רבי יהושע:

אם הלכה — נקבל, ואם לדין — יש תשובה[106].

אויב דאָס איז שוין אַ פעסטגעשטעלטע הלכה — מילא, אויב עס איז אָבער נאָך צו דיסקוטירן — קאָן מען עס אָפּענטפערן.

*

104. משנה בבא בתרא, ט, י; הוריות, א, ב; נגעים, ה, ג. און נאָך פיל מאָל.
105. משנה תענית. ג, ד. תוספתא שביעית, ב, 63.
106. משנה כריתות, ג, ט. ספרא ויקרא, דחובה, א, א, יב.

רבי עקיבא האָט געוווסט זיין אייגענעם ווערט. ווען די חכמים האָבן אַמאָל געהאַט צייטווייליק באַזייטיקט רבן גמליאל'ן פון נשיאות און אויף זיין אָרט באַשטימט אַלס נשיא רבי אלעזר בן עזריה, ווי עס איז שוין אויבן געוואָרן געברענגט, ווערט צוגעגעבן:

והיה רבי עקיבא יושב ומצטער ואָמר: לא שהוא בן תורה יותר ממני, אלא שהוא בן גדולים יותר ממני. אַשרי אָדם שזכו לו אבותיו![107]

איז רבי עקיבא געזעסן זייער טרויעריק און האָט געזאָגט: נישט ווייל ער איז מער בן תורה פון מיר, נאָר ווייל ער איז פון גרעסערן יחוס ווי איך. ווויל איז דעם מענטש, וואָס געניסט אינעם זכות פון זיינע עלטערן!

*

אגב, רבי עקיבא האַלט אַז דער פאָטער גיט, געווענלעך, איבער זיינע אייגנשאַפטן דעם זון. ער רעכנט אויס:

האָב זוכה לבן בנוי, ובכח, ובעושר, ובחכמה, ובשנים[108].

דער מענטש גיט איבער זיין זון: דאָס שיינקייט, דעם כח, דאָס רייכקייט, די חכמה און אויך די יאָרן (צום לעבן).

גלייבן און אבערגלייבן

אָמר ליה זונין לרבי עקיבא: לבי ולבך ידעין בעבודה זרה דלית בה משׁשא, והא קחזינן דאָזלי כי מתברי ואָתו כי מצמדי? אָמר ליה: אמשול לך משל למה הדבר דומה: לאָדם נאמן שהיה בעיר, וכל בני עירו היו מפקידים אצלו שלא בעדים. בא אָדם אחד והפקיד אצלו בעדים. פעם אחת שכח והפקיד אצלו שלא בעדים. אָמרה לו אשתו:

107. ירושלמי ברכות, ד, א; תענית, ד, א.
108. משנה עדיות, ב, ט.

נכפרנו. אָמר לה: וכי מפני ששוטה זה עשה שלא כהוגן, אָנו נאבד את אמונתנו?! אַף יסורים בשעה שמשגרין אותן על האָדם, משביעין אותן שלא יצאו עד יום פלוני, ובשעה פלונית. כיון שהגיע זמנן לצאת, הלך זה לבית עבודה זרה, אָמרו יסורים: דין הוא שלא נצא; אבל מה נעשה? מפני שוטה זה שעשה שלא כהוגן, אָנו נכפור את שבועתנו?!"[109]

אַ געוויסער מאַן מיטן נאָמען זונין האָט אַמאָל געזאָגט צו רבי עקי־באָ'ן: מיר ביידע ווייסן דאָך גאַנץ גוט אַז די עבודה זרה האָט נישט קיין שום ממש, טאָ ווי קומט עס וואָס מיר זעען אַמאָל אַז עמעצער גייט דאָרטן אַריין אַ רואינירטער און גייט אַרויס אַ גלייכער? זאָגט אים רבי עקיבא: איך וועל דיר געבן אַ משל צו וואָס דאָס איז גלייך: אין אַ שטאָט איז געווען אַ באַגלייבטער מענטש, וואָס אַלע שטאָטישע האָבן אים געטרויט אויפן וואָרט. איז געקומען איינער און געפלעגט ביי אים איינ־לייגן נאָר פאַר עדות. איין מאָל האָט ער פאַרגעסן און האָט ביי אים איינגעלייגט אָן עדות. זאָגט צו אים זיין ווייב: זאָל מען אים לייקענען! ענטפערט איר דער מאַן: ווייל דער שוטה האָט זיך נישט גוט געפירט, זאָלן מיר אָנווערן אונזער ערלעכקייט?! דאָס זעלבע איז אויך מיט יסו־רים: ווען זיי ווערן געשיקט אויפן מענטש, ווערן זיי באַשווירן אַז זיי זאָלן אַוועק אין אַ באַשטימטן טאָג און שעה. ווען עס איז געקומען די צייט אַז זיי זאָלן אַוועקגיין, איז יענער דאָרטן אַריינגעגאַנגען, האָבן די יסו־רים, אַזוי ווי זיי וואָלטן געזאָגט: מען וואָלט נישט געדאַרפט אַוועקגיין: נאָר ווייל דער שוטה פירט זיך נישט גוט — זאָלן מיר פאַרשוועכן אונזער שבועה?!

*

רבי עקיבא אומר: „לא תעשון אתי"[110], שלא תנהגו בי כדרך שאחרים מנהגין ביראותיהן, שכשהטובה באָה עליהן הם מכבדין את אלוהיהם, שנאמר[111]: „על כן יזבח לחרמו וכו'". וכשהפורענות באָה עליהן הם מקללין את אלהיהם, שנאמר[112]:

109. עבודה זרה, נה, א. לויט דקדוקי סופרים.
110. שמות, יתרו, כ, ע.
111. חבקוק, א, טז.
112. ישעיהו, ח, כא.

„והיה כי ירעב והתקצף וקלל במלכו ובאלהיו". אבל אַתֶּם, אם הבאתי עליכם את הטובה, תנו הודאָה; הבאתי עליכם את הייסורין, תנו הודאָה, וכן דוד אומר[113]: „כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא"[114] „צרה ויגון אמצא ובשם ה' אקרא"[115].

רבי עקיבא זאָגט אויף דעם פסוק אין דער תורה: לא תעשון אתי, איר זאָלט זיך נישט פירן מיט מיר אַזוי ווי אַנדערע פירן זיך מיט זייערע געטער: אַז עס קומט אויף זיי גוטס, זענען זיי מכבד זייערע געטער; אָבער אַז עס קומט אויף זיי שלעכטס, שעלטן זיי זייערע געטער. אָבער איר זאָלט שטענדיק זיין דאַנקבאַר, סיי עס קומט אויף אייך גוטס, סיי שלעכטס. אַזוי זאָגט אויך דוד אין תהלים: „איך וועל הייבן דעם כוס פון ישועות, און דעם נאָמען פון גאָט וועל איך רופן", ער זאָגט אויך: „אַ צרה און טרויער האָט מיך געטראָפן, און איך האָב דעם נאָמען פון גאָט גערופן".

*

אין דער תורה ווערט אויסגערעכנט די אומווירדיקע אַבערגלויבע־רישע מעשים פון די פריערדיקע איינוווינער, וואָס צווישן זיי איז אויך פאַרהאַנדן: דורש אל המתים, אַזאַ מין קולט וואָס האָט צו טוען מיט טויטע.

„ודורש אל המתים"[116], זה המרעיב עצמו והולך ולן בבית הקברות כדי שתשרה עליו רוח טומאה. וכשהיה רבי עקיבא מגיע למקרא זה, היה בוכה: ומה המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טומאה — שורה עליו רוח טומאה, המרעיב עצמו כדי שתשרה עליו רוח טהרה — על אחת כמה וכמה; אבל מה אעשה שעונותינו גרמו לנו, שנאמר[117]: „כי אם עונותיכם היו מבדילים ביניכם לבין אלהיכם"[118].

„ודורש אל המתים", דאָס מיינט מען דעם וואָס פייניקט זיך מיט

113. תהלים, קטז, יב.
114. תהלים, קטז, ג, ד.
115. מכילתא יתרו, דבחודש, י, 239.
116. דברים, שופטים, יח, יא.
117. ישעיהו, נט, ב.
118. סנהדרין, סה, ב.

הונגער און גייט נעכטיקן אויפן בית הקברות, כדי עס זאָל אויף אים רוען דער רוח טומאה, דער גייסט פון אומריינקייט. ווען רבי עקיבא איז צוגעקומען צום דאָזיקן פסוק האָט ער געוויינט: אַז איינער פּאַסט כדי עס זאָל אויף אים רוען דער רוח טומאה — רוט ער טאַקע אויף אים, טאָ אַז איינער פּאַסט כדי עס זאָל אויף אים רוען דער רוח טהרה, דער גייסט פון ריינקייט, דאַרפט עס דאָך אַוודאי אויף אים רוען; נאָר וואָס זאָל מען טוען אַז אונזערע זינד האָבן אַזוי גורם געווען, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „נאָר אייערע זינד האָבן צעשיידט צווישן איך און אייער גאָט".

*

אויך דאָס אָפּשפּרעכעניש ביי קראַנקהייטן האָט מען געהאַלטן פאַר זייער נידעריק. רבי עקיבא האָט עס אַריינגערעכנט צווישן די זינד וואָס מען קאָן דערביי פאַרלירן עולם הבא.

אַבא שאול אומר משום רבי עקיבא: אַף הלוחש על המכה ואומר: „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אָשים עליך"[119], ורוקק — אין לו חלק לעולם הבא[120].

אַבא שאול זאָגט אינעם נאָמען פון רבי עקיבא: אויך דער וואָס שפּרעכט אָפּ אויף אַ מכה און זאָגט דערביי דעם פסוק: „אַלע קרענק וואָס איך האָב געהאַט געבּרענגט אויף מצרים וועל איך נישט ברענגען אויף דיר", און שפּייט אויס, האָט נישט קיין חלק לעולם הבא.

*

„מעונן"[121], רבי עקיבא אומר: זה המחשב עתים ושעות, ואומר: היום יפה לצאת, למחר יפה ליקח וכו'[122].

צווישן די אַבערגלויבערישע מעשים וואָס זענען אויסגערעכנט אין דער תורה, ווערט אויך דערמאָנט: 'מעונן", זאָגט רבי עקיבא אַז דאָס

119. שמות, בשלח, טו, כ"ג
120. תוספתא סנהדרין, יב, 433; משנה, י, א. ירושלמי פאה, א, א.
121. דברים, שופטים, יח, י.
122. סנהדרין, סה, ב. תוספתא שבת, ז, 118. ספרי שופטים, קעא.

מיינט מען דעם וואָס גיט סימנים לויט טעג און שעה׳ן, וועלכע עס זענען מזל׳דיק און וועלכע נישט. למשל: היינט איז מזל׳דיק אַרויסצופאָרן, מאָרגן איז מזל׳דיק צו קויפן וכדומה.

פאַרשידענע אָנווייזונגען

צריך לפרוט את מעשיו, דברי רבי יהודה בן בתירה. רבי עקיבא אומר: אין צריך לפרוט את מעשיו. מה טעמא דרבי יהודה? — „אָנא חטא העם הזה חטאָה גדולה, ויעשו להם אלהי זהב״[123]. מה עביד לה רבי עקיבא — מי גרם להם? אני, שהרביתי להם כסף וזהב. למה? — שאין חמור נוהק אלא מתוך כפיפה של חרובין[124].

(ווען מען איז זיך מתודה אויף די באַגאַנגענע זינד) דאַרפט מען זיי אויסרעכענען. אַזוי האַלט רבי יהודה בן בתירה. רבי עקיבא זאָגט: מען דאַרפט נישט אויסצורעכענען. אויף וואָס שטיצט זיך רבי יהודה בן בתירה? — אויף דעם פסוק אין דער תורה, ווי משה זאָגט צו גאָט: „איך בעט דיך, דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד, און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ גאָט פון גאָלד״ (זעט מען אַז מען דאַרפט אָנרופן די זינד). וואָס זאָגט דערויף רבי עקיבא? — משה האָט געזאָגט: ווער האָט דען דאָס גורם געווען (אַז זיי זאָלן זינדיקן), איך, ווייל איך האָב זיי געמערט זילבער און גאָלד. נו, וואָס איז? — ווייל דער אייזל ריטשעט נאָר ביי אַ קאָרב פון באָקסן (דאָס הייסט: רייכקייט פאַרדאַרבט).

*

אָמר רב כהנא משום רבי עקיבא: הוי זהיר מן היועצך לפי דרכו[125].

רב כהנא זאָגט אין נאָמען פון רבי עקיבא: דו זאָלסט זיך היטן פאַר דעם וואָס גיט דיר עצות נאָר לויט זיך אַליין.

---

123. שמות, כי תשא, לב, לא.
124. ירושלמי סוף יומא; נדרים, ה, ד. אין בבלי איז: בן בבא, אַנשטאָט בן בתירה, אַזוי ווי עס ווערט ווייטער געברענגט, ביי רבי יהודה בן בבא.
125. סנהדרין, עו, ב.

*

עס ווערט אויסגערעכנט צען זאַכן וואָס אויב זיי געפינען זיך נישט אין אַ שטאָט, טאָר דאָרטן נישט וווינען קיין תלמיד חכם, ווערט דאָרטן דערביי צוגעגעבן:

משום רבי עקיבא אָמרו: אַף מיני פירות, מפני שמיני פירות מאירין את העינים[126].

מען האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבי עקיבא: אויך פּרוכטן, ווייל פּרוכטן זענען גוט צו די אויגן.

*

וועגן די פליכטן פון אַ פאָטער צום זון, זאָגט רבי עקיבא אַז ער איז אויך מחויב אים צו לערנען שווימען[127].

*

אַזוי אויך לערנט רבי עקיבא:

אַל תכנס לביתך פתאום, וכל שכן: לבית רעך[128].

דו זאָלסט נישט אַריינגיין פּלוצלינג אין דיין הויז, און אַוודאי נישט אין דיין חבר׳ס הויז.

*

צום סוף זאָל דאָ נאָך ווערן צוגעגעבן דאָס וואָס רבי עקיבא זאָגט, אַז צווישן די דריי געוווינהייטן וואָס צוליב זיי געפעלן אים די מדי׳ער (פון דער מדינה מדי), איז:

כשנושקין, אין נושקין אלא על גב היד[129].

אַז זיי קושן, קושן זיי נאָר אויף דער האַנט.

126. סנהדרין, יז, ב.
127. מכילתא בא, יח, 73. ירושלמי קידושין, א, ז.
128. פסחים, קיב, א.
129. ברכות, ח, ב.

דוד מלכי

נישט זיין צו זיכער מיט זיך

די חכמי התלמוד, אפילו די גרעסטע צווישן זיי, ווערן אין תלמוד פארגעשטעלט גאנץ מענטשלעך, אפילו אויך מיט זייערע מענטשלעכע שוואכקייטן. אט למשל, אזא מין מאמר וואס ווערט דא ווייטער געברענגט, וואס איז, יעדנפאלס, אי אינטערעסאנט אי כאראקטעריסטיש אין פיל הינזיכטן:

רבי עקיבא הוה מתלוצץ בעוברי עבירה. יומא חד אידמי ליה שטן כאיתתא בריש דיקלא. נקטיה לדיקלא וקסליק ואזיל. כי מטא לפלגיה דדיקלא, שבקיה. אמר: אי לאו דמכרזי ברקיעא: הזהרו ברבי עקיבא ותורתו, שויתיה לדמך תרתי מעי[130].

רבי עקיבא האט אמאל צופיל אויסגעלאכט די וואס זינדיקן. האט דער שטן זיך פארשטעלט פאר א פרוי אויפן שפיץ בוים. האט ער אנגענומען דעם בוים און ארויפגעקלעטערט. ווען ער האט שוין געהאלטן ביי דער העלפט פונעם בוים, האט ער (דער שטן) אים אפגעלאזט און געזאגט: ווען נישט וואס מען האט אויסגערופן אין הימל: זייט פארזיכטיק מיט רבי עקיבא׳ן און זיין תורה! וואלט איך געמאכט פון דיר א שיבוש.

*

מען טאר נישט אויף זיך צופיל שטעלן, מען טאר נישט אויף זיך נעמען איבער די נאטירלעכע מענטשלעכע כוחות, אזוי אין פיזישן און אזוי אין גייסטיקן זין. רבי עקיבא דריקט אויס דעם דאזיקן געדאנק אין דעם זייער באקאנטן קורצן כלל:

תפשת מרובה — לא תפשת, תפשת מועט — תפשת[131].

האסטו אנגענומען צופיל — איז עס נישט גענומען, האסטו אנגענומען ווייניק — איז עס גענומען.

130. קידושין, פא, א.
131. ספרא מצורע, ה, ה. ירושלמי יומא, ב, ד. אין תלמוד בבלי ווערט עס פיל מאל געברענגט סתם.

וועגן לערנען תורה

עס איז נישט אַזוי פּשוט צו שרייבן וועגן תורה ביי רבי עקיבא, וואָס איז אַליין אידענטיפיצירט מיט תורה.

ווי עס איז שוין אויבן געוואָרן געברענגט אויספּירלעכער איז פון די אַרבעה שנכנסו לפּרדס, פון די פיר חכמים וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אינעם פּרדס, אינעם גאָרטן פון חכמה און געטלעכקייט: בן עזאי, בן זומא און אלישע בן אביה, נאָר רבי עקיבא נכנס בשלום ויצא בשלום, אַריין בשלום און אַרויס בשלום[132].

זאָל דאָ נאָר ווערן געברענגט עטלעכע מאמרים פון רבי עקיבא וועגן לערנען תורה:

מעשה ברבי עקיבא שקראו חזן ברבים לקרות בספר תורה בציבור, ולא רצה לעלות. אָמרו לו תלמידיו: רבינו, לא כן למדתנו[133]: „כי הוא חייך ואורך ימיך!", ולמה נמנעת מלעלות? אָמר להם העבודה! לא נמנעתי לקרות, אלא על שלא סדרתי אותה פרשה שתים שלש פעמים. שאין אָדם רשאי לומר דברי תורה לפני הציבור עד שיפשוט אותם שתים שלוש פעמים בינו לבין עצמו. שכן מצינו בהקדוש ברוך הוא, שהוא נותן מענה לשון לכל הבריות, והתורה גלויה לפניו ככוכב אחד, וכשבא ליתן אותה לישראל, כתיב בה[134]: „אָז ראָה ויספרה, הכינה וגם חקרה", ואחר כן: „ויאמר לאָדם"[135].

עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַז דער חזן האָט אויפגערופן רבי עקיבא'ן צו לייענען אין דער תורה בציבור, און ער איז נישט אַרויפגעגאַנגען (אויף דער בימה). האָבן זיינע תלמידים אים געפרעגט: רבי, האָסטו דען אונז נישט געלערנט: „ווייל דאָס איז דיין לעבן און דיין אריכות ימים!", טאָ פאַרוואָס ביסטו נישט אַרויפגעגאַנגען? האָט ער צו זיי געזאָגט: באמת האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן פון לייענען, ווייל איך האָב נישט געהאַט פריער מסדר געווען פאַר זיך די דאָזיקע פרשה אַ צוויי דריי מאָל. מען טאָר נישט זאָגן קיין דברי תורה פאַר דער עפנטלעכקייט, ביז מען זאָל

132. זע אויבן זייטן 141 — 140.
133. דברים, נצבים, ל, כ.
134. איוב, כח, כז.
135. מדרש תנחומא, יתרו, טו.

זיי נישט האָבן איבערגעגאַנגען פאַר זיך אַ צוויי דריי מאָל, אַזוי געפינט מען אויך ביי הקדוש ברוך הוא, וואָס גיט יעדן מענטש אַ פאַרענטפער־ניש, און די תורה איז דאָך פאַר אים אַזוי אַנטפּלעקט ווי אַ שטערן, אָבער ווען ער האָט זי געוואָלט געבן די יידן, איז געשריבן: „דענסטמאָל האָט ער זי געזען און זי באַרעכנט, זי אויפגעשטעלט און אויך זי אויס־געפאָרשט", ערשט דערנאָך: „ויאמר לאָדם".

*

רבי עקיבא אומר: מניין שחייב אָדם לשנות לתלמידו עד שילמדנו? שנאמר[136]: „ולמדה את בני ישראל". ומניין עד שתהא סדורה בפיו? שנאמר: „שימה בפיהם". וחייב להראות לו פנים, שנאמר[137]: „ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם[138]".

רבי עקיבא גיט דאָ דריי אָנווייזונגען וועגן לערנען תורה, און ברענגט דערביי די געהעריקע פסוקים. נישט נאָר לייענען מיטן תלמיד, נאָר אים לערנען ביז ער פאַרנעמט עס, ביז ער קאָן עס בעל פה, און ער זאָל זיין צום תלמיד אָנגענעם.

*

רבי עקיבא אומר: למד תורה בילדותו, ילמוד תורה בזקנותו, היו לו תלמידים בילדותו, יהיו לו תלמידים בזקנותו, שנאמר[139]: „בבוקר זרע את זרעך, ולערב אַל תנח ידך, כי אינך יודע אי זה יכשר, הזה או הזה, ואם שניהם כאחד טובים[140]".

רבי עקיבא זאָגט: האָט ער געלערנט תורה אין זיין יוגנט, זאָל ער אויך לערנען אויף דער עלטער. האָט ער געהאַט תלמידים אין זיין יוגענט, זאָל ער אויך האָבן תלמידים אויף דער עלטער, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין קהלת: „אין דער פרי פאַרזיי דיינע זאָמען, און פאַרלאָז נישט אין

136. דברים, וילך, לא, יט.
137. שמות, משפטים, כא, א.
138. עירובין, נד, ב.
139. קהלת, יא, ו.
140. יבמות, סג, א.

אָונט, ווייל דו ווייסט נישט וואָס עס וועט געראָטן, דאָס אָדער יענץ, און אפשר וועלן גאָרביידע זיין גוט״.

*

רבי עקיבא האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן:

תורה היא וללמוד אני צריך[141].

עס איז אַ לערע און איך דאַרף עס לערנען.

*

לערנען פאַר זיך און לערנען פאַר יענעם. פון רבי עקיבא שטאַמט דאָס שפּריכוואָרט:

יותר ממה שהעגל רוצה לינוק — פרה רוצה להניק[142].

נאָך מער ווי דאָס קעלבל וויל זייגן — וויל די קו געבן צו זייגן.

*

רבי עקיבא אומר: זמר בכל יום, זמר בכל יום![143]

רבי עקיבא זאָגט: די תורה זאָל דיר זיין אַ געזאַנג יעדן טאָג, אַ געזאַנג יעדן טאָג.

*

„אם נבלת בהתנשא״[144], רבי עקיבא אומר: מי גרם לך להתנבל בדברי תורה? על ידי שנשאת את עצמך בהון[145].

אויף דעם פּסוק אין משלי: „אַז דו האָסט זיך פאַר׳מיאוס׳ט דורך

141. ברכות, סב, א.
142. פסחים, קיב, א.
143. סנהדרין, צט, ב. תוספתא אהלות, טז, ח, 614; פרה, ד, ז, 633.
144. משלי, ל, לב.
145. בראשית רבה, וישלח, פא, ב.

איבערנעמען זיך", זאָגט רבי עקיבא: ווער האָט דען גורם געווען דערצו אַז דו זאָלסט ווערן פאַרדאָרבן ביי דברי תורה? ווייל דו ביזט דערביי געוואָרן אַ בעל גאווה.

אַ געמיטלעכער שמועס וועגן דברי תורה

אין דער אַגדה ווערט אָפּט געברענגט דער מאמר: נמשלו דברי תורה למים, דברי תורה זענען געגליכן צו וואַסער. ווערט דאָ ווייטער געברענגט דאַרויף אַ גרעסערער מאמר, אייגנטלעך, אַזאַ געמיטלעכער שמועס, פון רבי עקיבא:

„שתה מים מבורך, ונוזלים מתוך בארך"[146], רבי עקיבא אומר: הרי הוא אומר: „שתה מים מבורך", בור מתחילתו אין יכול להוציא טיפת מים מאליו, לא היה אלא מה שבתוכו, כך תלמיד חכם מתחילתו לא למד כל דבר, לא היה אלא מה שלמד. „ונוזלים מתוך בארך", דומה לבאר, מה באר מנזלת מים חיים מכל צדדיה, כך באים תלמידים ולמדים הימנו, וכן הוא אומר: „יפוצו מעינותיך חוצה", נמשלה דברי תורה למים, מה מים חיים לעולם, כך דברי תורה חיים לעולם, שנאמר[147]: „כי חיים הם למוצאיהם". ומה מים מעלים את הטמא מטומאה לטהרה, כך דברי תורה מעלים את האדם מדרך רעה לדרך טובה, שנאמר[148]: „צרופה אמרתך מאד ועבדך אהבה". מה מים משיבים נפשו של אדם, שנאמר[149]: „מים קרים על נפש עיפה", כך דברי תורה משיבים נפשו של אדם, שנאמר[150]: „תורת ה' תמימה משיבת נפש". מה מים חנם לעולם, כך דברי תורה חנם לעולם, שנאמר[151]: „הוי כל צמא לכו למים". מה מים אין להם דמים, כך דברי תורה אין להם דמים, שנאמר[252]: „יקרא היא מפנינים, וכל חפציך לא ישוו בה".

146. משלי, ה, טו.
147. משלי, ד, כב.
148. תהלים, קיט, קמ.
149. משלי, כה, כה.
150. תהלים, יט, ח.
151 ישעיהו, נה, א.
152. משלי, ג, טו.

אי מה מים אין משמחים את הלב, כך דברי תורה אין משמחים את הלב, תלמוד לומר[153]: „כי טובים דודיך מיין", מה יין משמח את הלב, כך דברי תורה משמחים את הלב, שנאמר[154]: „פקודי ה' ישרים משמחי לב". מה יין אתה טועם בו טעם מתחילתו, וכל זמן שמתישן סופו להשביח, כך דברי תורה כל זמן שמתישנים בגוף סופם להשביח, שנאמר[155]: „בישישים חכמה, ואורח ימים תבונה". מה יין אי אפשר לו להתקיים לא בכלי כסף ולא בכלי זהב, אלא בגרוע שבכלים, בכלי חרס, כך דברי תורה אין מתקיימים, אלא במי שהוא מנמיך את עצמו. אי מה יין פעמים שהוא רע לראש ורע לגוף, יכול אף דברי תורה כן, תלמוד לומר[156]: „לריח שמניך טובים, שמן תורק שמך", מה שמן יפה לראש ויפה לגוף, כך דברי תורה יפים לראש ויפים לגוף, שנאמר[157]: „רפאות תהי לשרך, ושקוי לעצמותיך". נמשלו דברי תורה לשמן ודבש, שנאמר[158]: „ומתוקים מדבש ונופת צופים". ואומר[159]: „כי לוית חן הם לראשך, וענקים לגרגרותיך". ואומר[160]: „תתן לראשך לוית חן, עטרת תפארת תמגנך"[161].

אַ פּסוק אין משלי: „טרינק וואַסער פון דיין גרובן, און פליסיקייטן פון דיין ברונעם", זאָגט רבי עקיבא: אַ תלמיד חכם קאָן זיין גלייך צו אַ גרובן, אויב ער גיט גאָרנישט אַרויס פון זיך, דאָס הייסט: אַז ער לערנט נישט מיט יענעם; ער קאָן אויך זיין גלייך צו אַ ברונעם, אויב ער לערנט יאָ מיט יענעם און שטעלט אויס תלמידים. אַזוי ווי עס זאָגט דאָרטן דער אַנדערער פּסוק: „דיינע קוואַלן וועלן זיך צעשפּרייטן אויף דרויסן".

זענען דברי תורה געגליכן צו וואַסער: וואַסער לעבט אייביק, אויך דברי תורה לעבן אייביק, ווי עס איז געזאָגט אין משלי: „ווייל זיי זענען לעבן פאַר די וואָס געפינען זיי". וואַסער רייניקט דעם אומריינעם פון זיין אומריינקייט, אויך דברי תורה הייבן דעם מענטש אַרויס פונעם

153. שיר השירים, א, ב.
154. תהלים, יט, ט.
155. איוב, יב, יב.
156. שיר השירים, א, ג.
157. משלי, ג, ח.
158. תהלים, יט, יא.
159. משלי, א, ט.
160. משלי, ד, ט.
161. ספרי דברים, עקב, מח.

שלעכטן אויפן גוטן וועג, ווי עס איז געזאָגט אין תהלים: „זייער געליי־טערט איז דיין וואָרט, און דיין קנעכט האָט עס ליב״. וואָסער דערקוויקט דעם מענטש, ווי עס איז געזאָגט אין משלי: „קאַלט וואַסער פאַר אַ פאַרשמאַכטן מענטש״, אויך דברי תורה דערקוויקן דעם מענטש, ווי עס איז געזאָגט אין תהלים: „גאָטס תורה איז גאַנץ, זי דערקוויקט דעם מענטש״. וואַסער באַקומט מען בחנם, אַזוי אויך דברי תורה באַקומט מען בחנם, ווי עס זאָגט דער נביא: ׳אה, אַלע דורשטיקע קומט נאָך וואַסער!״. וואַסער האָט גאָרנישט קיין פּרייז, אויך דברי תורה האָבן גאָר קיין פּרייז נישט, ווי עס איז געזאָגט אין משלי: „זי איז טייערער ווי פּערל, און אַלע דיינע רייכטימער זענען נישט גלייך צו איר״.

טאָ אַזוי ווי וואַסער דערפרייט נישט דאָס האַרץ, אַזוי זאָלן אפשר אויך דברי תורה נישט דערפרייען דאָס האַרץ? ווערט געזאָגט אין שיר השירים: „ווייל בעסער ווי וויין איז דיין ליבשאַפט״, ווייין דערפרייט דאָס האַרץ, אויך דברי תורה דערפרייען דאָס האַרץ, ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „די באַפעלן פון גאָט זענען רעכטפאַרטיק, זיי דערפרייען דאָס האַרץ״. אַזוי ווי וויין, פילסטו דעם טעם באַלד פון אָנהויב, אָבער וואָס לענגער ער איז אין דער קרוג ווערט ער אַלץ בעסער, אַזוי אויך וואָס לענגער דער מענטש האָט אין זיך דברי תורה, ווערן זיי נאָך בעסער, ווי עס ווערט געזאָגט אין ספר איוב: „ביי אַלטע איז דאָ חכמה, און אין אריכות ימים — פאַרשטענדיקייט״.

אַזוי ווי וויין איז נישט גוט אים צו האַלטן, נישט אין קיין גאָלדענע און נישט אין קיין זילבערנע נאָר אין פּראָסטע ערדענע כלים, אַזוי איז אויך מיט דברי תורה, וואָס זיי האַלטן זיך נאָר ביי די מענטשן וואָס האַלטן זיך נידעריק. אָבער וויין איז מאַנכעס מאָל נישט גוט פאַרן קאָפּ אָדער פאַרן גוף, זאָל אפשר אַזוי אויך זיין מיט דברי תורה? ווערט געזאָגט אין שיר השירים: „צום גערוך פון דיינע גוטע בוימלען, לויטערער בוימל, איז דיין נאָמען״, אַזוי ווי בוימל איז גוט פאַרן קאָפּ און פאַרן גאַנצן גוף, זענען אויך דברי תורה גוט פאַרן קאָפּ און פאַרן גאַנצן גוף. ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי: „דאָס וועט זיין פאַר דיר אַ היילונג אין זאַפט פאַר דיינע ביינער״. ווערט די תורה געגליכן צו בוימל און צו האָניג, ווי עס ווערט געזאָגט אין תהלים: „און זיסער פון האָניג און זאַפט״. און נאָך ווערט דאָרט געזאָגט: „ווייל אַ קראַנץ פון חן וועלן זיי זיין פאַר דיין קאָפּ, און האַלדזבענדער פאַר דיין האַלדז״. און אויך: „זי וועט געבן דיין קאָפּ אַ קראַנץ פון חן, אַ קרוין פון שיינקייט וועט דיך באַשיצן״.

*

תלמידי חכמים

שמעון העמסוני, ואָמרי לה: נחמיה העמסוני, היה דורש כל אתין שבתורה, כיון שהגיע ל„את ה׳ אלהיך תירא״[162], פירש. אָמרו לו תלמידיו: רבי, כל אתין שדרשת מה תהא עליהן? אָמר להם: כשם שקבלתי שכר על הדרישה, כך אני מקבל שכר על הפרישה. עד שבא רבי עקיבא ולימד: „את ה׳ אלהיך תִירא״, לרבות תלמידי חכמים[163].

שמעון אָדער נחמיה פון עמוס האָט גע׳דרש׳נט יעדן „את״ אין דער תורה (דאָס הייסט אַז עס איז עפּעס צוצוגעבן). אַז ער איז אָבער צוגעקומען צו דעם פסוק: את ה׳ אלהיך תירא, „פאַר דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבן״, האָט ער אויפגעהערט דאָס צו דרש׳נען. פרעגן אים זיינע תלמידים: רבי, וואָס וועט זיין מיט די אַלע „את״ן, וואָס דו האָסט זיי יאָ גע׳דרש׳נט? האָט ער זיי געענטפערט: אַזוי ווי איך האָב געמיינט צום גוטן מיטן דרש׳נען, אַזוי מיין איך יעצט צום גוטן מיטן אויפהערן. ביז עס איז געקומען רבי עקיבא און האָט געלערנט: און אויך האָבן דרך ארץ פאַר תלמידי חכמים.

*

דער זעלבער מאמר איז אויך אין תלמוד ירושלמי, נאָר דאָרטן זאָגט רבי עקיבא:

אותו ואת תורתו[164].

דו זאָלסט מורא האָבן פאַר גאָט און פאַר זיין תורה.

*

לאָמיר דאָ דערמאָנען נאָך אַ מאמר פון רבי עקיבא וואָס איז נוגע תלמידי חכמים:

אָמר רבי עקיבא: כשהייתי עם האָרץ, הייתי אומר: מי

162. דברים, עקב, י, כ.
163. פסחים, כב, ב. בבא קמא, מא, ב. קידושין, נז, א.
164. ירושלמי ברכות, ט, ה.

יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור! אָמרו לו תלמידיו: אמור: ככלב. אָמר להן: זה נושך ושובר העצם, וזה נושך ואינו שובר העצם[165].

רבי עקיבא האָט געזאָגט: ווען איך בין געהאַט געווען אַן עם הארץ, האָב איך געפּלעגט צו זאָגן: ווען וועל איך קריגן אַ תלמיד חכם אַז איך זאָל אים בייסן ווי אַן אייזל! פרעגן אים זיינע תלמידים: פאַרוואָס נישט אַזוי ווי אַ הונט? זאָגט ער זיי: אַן אייזל בייסט און צעברעכט דעם ביין, אָבער אַ הונט בייסט און צעברעכט נישט דעם ביין.

אַ שיינעם מהלך איז רבי עקיבא אַדורכגעגאַנגען זייט דאַמאָלט ביז ער איז געקומען צו דער דרשה: לרבות תלמידי חכמים.

*

רבי יוחנן, „וחכמת המסכן בזויה"[166], וכי חכמתו של רבי עקיבא שהיה מסכן, בזויה היתה?! אלא מהו מסכן? מי שהוא בזוי בדבריו. כגון זקן יושב ודורש: „לא תטה משפט"[167], והוא מטה משפט. „לא תכיר פנים", והוא מכיר פנים. „לא תקח שוחד", והוא לוקח שוחד. „כל אלמנה ויתום לא תענון"[168], והוא מענה אותם[169].

עס איז אַ פּסוק אין קהלת: „און די חכמה פון אָרעמאַן איז פאַר־אַכטעט", פרעגט רבי יוחנן: איז דען די חכמה פון רבי עקיבא, וואָס איז געהאַט געווען אַן אָרעמאַן, פאַראַכטעט? נאָר מיט דעם אויסדרוק: מסכן מיינט מען דאָ, דעם וואָס זיינע רייד זענען פאַראַכטעט, למשל, ער דרש'נט דעם פּסוק אין דער תורה: „דו זאָלסט נישט אָפּנייגן פון געזעץ" — און ער נייגט יאָ אָפּ. „דו זאָלסט נישט קיינעם נושא פנים זיין" — און ער איז יאָ נושא פנים. „דו זאָלסט נישט נעמען קיין שוחד" — און ער נעמט יאָ שוחד. „אַן אלמנה און אַ יתום זאָלט איר נישט פּייניקן" און ער פּייניקט זיי יאָ.

165. פסחים, מט, ב.
166. קהלת, ט, טז.
167. דברים, שופטים, טז, יט.
168. שמות, משפטים, כב, כא.
169. רות רבה, א. קהלת רבה, ט, טז.

יידן און די שכינה

„ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך, הרע לעם הזה; והצל, לא הצלת את עמך"[170], רבי עקיבא אומר: יודע אני שאתה עתיד להצילם, אלא מה איכפת לך באותן הנתונים תחת הבנין! באותה שעה בקשה מדת הדין לפגוע במשה, וכיון שראה הקדוש ברוך שבשביל ישראל הוא אומר, לא פגע בו מדת הדין[171].

„אַז זינט איך בין געקומען צו פּרעה'ן, צו רעדן אין דיין נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעם דאָזיקן פאָלק, און מציל זיין, האָסטו נישט מציל געווען דיין פאָלק". אויף דעם אויסדרוק: „און מציל זיין, האָסטו נישט מציל געווען דיין פאָלק", זאָגט רבי עקיבא אַז משה רבינו האָט געזאָגט צום רבונו של עולם: איך וויים אַז סוף כל סוף וועסטו זיי מציל זיין, נאָר וואָס אַרט דען דיך די וואָס קומען אום, דערווייל, אונטער די מויערן!

ווערט דאָרטן צוגעגעבן אַז די מדת הדין, די שטרענגע גערעכטיקייט, האָט געזאָלט דערפאַר באַשטראָפן משה'ן, אָבער דער רבונו של עולם האָט דאָך געוווסט אַז אים גייט נאָר אין דער טובה פון יידן, האָט עס אים נישט פאַרשאַט.

*

„משה ידבר והאלהים יעננו בקול", רבי אליעזר אומר: מניין אתה אומר, שאין הקדוש ברוך הוא מדבר עד שמשה אומר: דבר, שכבר קבלו עליהם בניך, שנאמר: „משה ידבר והאלהים יעננו בקול".

אָמר לו רבי עקיבא: בוודאי כן הוא הדבר, ומה תלמוד לומר: „משה ידבר"? אלא מלמד שנתן הקדוש ברוך הוא כח וגבורה במשה, והיה הקדוש ברוך הוא מסייעו בקולו, ובנעימה שהיה משה שומע בו, היה משמיע את ישראל, לכך נאמר: „משה ידבר והאלהים יעננו בקול"[172].

170. שמות, ה, כג.
171. שמות רבה, ה, כב.
172. מכילתא יתרו, יט, יט, 216.

ביי מתן תורה איז געשריבן: „משה האָט גערעדט און גאָט האָט אים געענטפערט אויפן קול". זאָגט רבי אליעזר: הקדוש ברוך הוא האָט נישט פריער גערעדט ביז משה האָט אים געזאָגט: רעד, דיינע קינדער זענען שוין דערצו צוגעגרייט, ווי עס איז געזאָגט אין דער תורה: „משה האָט גערעדט און גאָט האָט אים געענטפערט אויפן קול".

האָט רבי עקיבא צו אים (צו רבי אליעזר'ן) געזאָגט: אַוודאי איז עס אַזוי, און הקדוש ברוך הוא האָט אַריינגעגעבן משה'ן כח און קראַפט, און אים געהאָלפן אין זיין שטימע, אַז מיט דער זעלבער נגינה וואָס משה האָט געהערט — האָט ער איבערגעגעבן די יידן. דאָס איז דער זין פון: „משה ידבר והאלהים יעננו בקול".

*

רבי עקיבא אומר: „לאמור", צא ואמור להם שבזכותם הוא מדבר עמי"[173].

רבי עקיבא זאָגט: גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן: גיי און זאָג זיי: אין אייער זכות רעדט ער צו מיר.

*

„מפני עמך אשר פדית לך ממצרים גוים ואלהיו"[174]. רבי עקיבא אומר: אלמלא מקרא שכתוב, אי אפשר לאומרו: אָמרו ישראל לפני המקום: פדית את עצמך. וכן אתה מוצא, שכל מקום שגלו — שכינה עמהם, שנאמר[175]: „הנגלה נגליתי אל בית אָביך בהיותם במצרים לבית פרעה". גלו לבבל — שכינה עמהם, שנאמר[176]: „למענכם שלחתי בבלה". גלו לאדום — שכינה עמהם, שנאמר[177]: „מי זה בא מאדום?". וכשהם חוזרים — שכינה חוזרת עמהם, שנאמר[178]: „ושב ה' אלהיך את שבותך", „והשיב", לא

173. ריש מכילתא, בא, 5.
174. שמואל ב, ז, כג.
175. שמואל א, ב, כז.
176. ישעיהו, מג, יד.
177. ישעיהו, סג, א.
178. דברים, נצבים, ל, ג.

נאמר, אלא: „ושב ה׳״. ואומר[179]: „אתי מלבנון כלה, אתי מלבנון תבואי״[180].

עס שטייט אין פסוק: „פאַר דיין פאָלק וואָס דו האָסט דיר אויסגע־לייזט פון מצרים, פעלקער און זייער יעדנס גאָט״. זאָגט רבי עקיבא ווען דער דאָזיקער פסוק וואָלט נישט געווען געשריבן, וואָלט מען עס נישט געקאָנט זאָגן: די יידן זאָלן האָבן געזאָגט צום רבונו של עולם: דו האָסט זיך זעלבסט אויסגעלייזט. און אַזוי געפינסטו טאַקע, אַז אומעטום וואוהין יידן זענען געהאַט געווען פאַרטריבן — איז די שכינה מיט זיי. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק: „איך האָב דאָך אַנטפּלעקט, זיך אַנטפּלעקט צו דיין פאָטערס הויז ווען זיי זענען געהאַט געווען אין מצרים צום הויז פון פרעה״. זענען זיי געהאַט געוואָרן פאַרטריבן קיין בבל — איז די שכינה מיט זיי, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „פאַר אייערטוועגן האָב איך געשיקט קיין בבל״. זענען זיי געהאַט געווען פאַרטריבן קיין אדום — איז די שכינה מיט זיי, ווי עס זאָגט דער נביא: „ווער איז דער וואָס קומט פון אדום?״. און ווען זיי וועלן ענדלעך צוריקקומען — וועט די שכינה מיט זיי מיטקומען, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין דער תורה: „וועט גאָט זיך אומקערן מיט דיין געפאַנגענשאַפט״ (עס איז נישט געשריבן: „והשיב״, נאָר: „ושב״). און עס ווערט געזאָגט אין שיר השירים: „מיט מיר פון לבנון, מיין כלה; מיט מיר פון לבנון זאָלסטו קומען״.

די ליבע צווישן רבונו של עולם און כנסת ישראל

די ליבע צום רבונו של עולם איז ביי רבי עקיבא, אין זיין וווּנדער־לעכער רעליגיעזער באַגייסטערונג, געווען אַזוי רעאַל און אוממיטלבאַר, אַז דאָס אויסטייטשן שיר השירים אַלס אַלעגאָריע אויף דער ליבע צווישן הקדוש ברוך הוא און כנסת ישראל, איז געווען אַזוי ווי נאַטירלעך.

ווערט אין דער משנה געברענגט דער פלאַם־פייערדיקער מאמר פון רבי עקיבא:

179. שיר השירים, ד, ח.
180. ספרי בהעלותך, פד. מכילתא בא, יד, 51. ירושלמי, סוכה, ד, ג.

שאין כל העולם כולו כדאי כיום שניתן בו שיר השירים לישראל, שכל הכתובים — קודש, ושיר השירים — קודש קדשים[181].

די גאַנצע וועלט האָט נישט אַזויפיל די ווערט, ווי דער טאָג ווען עס איז געגעבן געוואָרן צו די יידן, שיר השירים; ווייל אַלע שריפטן (אינעם תנ״ך) זענען הייליק, אָבער שיר השירים איז קודש קדשים, הייליקער ווי הייליק.

*

לאָמיר זיך באַמיען אַריינצודרינגען אין אַ מאמר פון רבי עקיבא ווי ער שילדערט מיט די ווערטער פון שיר השירים, דעם אמת׳ן, און אַזוי פערמאַנענטן, היסטאָרישן פאַקט, וואָס די גויים, און ספּעציעל די דאַמאָל־טיקע רוימישע רעגירונג, האָבן דווקא, מיט געוואַלט, געוואָלט אַסי־מילירן די יידן, וואָס האָבן געשטעלט אַזאַ איבערמענטשלעכן ווידער־שטאַנד טראָץ אַלע פּאָגראָמען און שחיטות:

„זה אלי ואנוהו"[182], רבי עקיבא אומר: אדבר בנאותיו ושבחיו של הקדוש ברוך הוא. שהרי אומות העולם שואלין את ישראל[183]: „מה דודך מדוד שככה השבעתנו?". שכך אתם מתים עליו וכך אתם נהרגין עליו, שנאמר[184]: „על כן עלמות אהבוך" — אהבוך עד מות, וכתיב[185]: „כי עליך הורגנו כל היום". הרי אתם נאים, הרי אתם גבורים, בואו והתערבו עמנו! וישראל אומרים להם לאומות העולם: מכירים אתם אותו? נאמר לכם מקצת שבחו[186]: „דודי צח ואדום". כיון ששומעין שבחו של הקדוש ברוך הוא, אומרים לישראל: נלכה עמכם, שנאמר[187]: „אנה הלך דודך, היפה בנשים, אנה פנה דודך ונבקשנו עמך". וישראל אומרים להם:

181. משנה ידים, ג, ה.
182. שמות, בשלח, טו, ב.
183. שיר השירים, ה, ט.
184. דאָרט, א. ג.
185. תהלים, מד, כג.
186. שיר השירים, ה, י.
187. דאָרט, ו, א.

אין לכם חלק בו, אלא [188]: „דודי לי ואני לו"[189]. „אני לדודי ודודי לי"[190].

אין דער תורה, אין שירת הים ווערט געזאָגט: זה אלי ואַנוהו, דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען. זאָגט רבי עקיבא: איך וועל עפּעס זאָגן וועגן שיינקייט און לויב פון הקדוש ברוך הוא: די אומות העולם פרעגן די יידן: „וואָס איז דיין געליבטער אַנדערשט פון אַנדערע, וואָס דו האָסט אונז אַזוי באַשווירן?", וואָס איר שטאַרבט אַזוי פאַר אים, און וואָס איר ווערט אַזוי געמאָרדעט צוליב אים? אַזוי ווי עס איז דאָרטן געזאָגט: „אַז ביז דעם טויט האָבן זיי דיך ליב" (אַנשטאָט „עלמות" — עד מות). און עס איז געשריבן אין תהלים: „ווייל איבער דיר ווערן מיר שטענדיק גע'הרג'ט". איר זענט דאָך שיין, איר זענט דאָך גבורים, טאָ קומט און מישט זיך אויס מיט אונז! זאָגן די יידן צו די אומות העולם: איר קענט דען אים? לאָמיר אייך עפּעס זאָגן וועגן אים: „מיין געליבטער איז לויטער און רויטלעך". הערנדיק די לויב פון הקדוש ברוך הוא, זאָגן זיי צו די יידן: לאָמיר גיין מיט אייך צוזאַמען, אַזוי ווי עס איז געזאָגט: „וואַהין איז דיין געליבטער געגאַנגען, די שענסטע צווישן די פרויען, וואַהין האָט דיין געליבטער זיך געוואָנדן? לאָמיר צוזאַמען אים זוכן!". אָבער די יידן זאָגן צו זיי: איר האָט נישט קיין חלק אין אים, נאָר: „מיין געליבטער איז מיינער און איך בין זיינע". „איך געהער צו אים און ער געהערט צו מיר!".

וועגן אויפשטאַנד פון בר כוכבא

שוין ביים צורירן זיך צו דער דאָזיקער טראַגישער עפּאָפּעע ווערט מען אינגאַנצן באַהערשט פון אַ פיינלעכן טרויער און ווייטיק פון דער אַזוי טרויעריקער ענדע, און פון דער גאַנצער דאָזיקער שרעקלעכער מאַרטיראָלאָגיע, דערנאָך, וואָס האָט אַזוי דעצידירט אויף דער יידישער היסטאָריע אין ארץ ישראל און אויך אין די תפוצות, וואָס שוין דאַמאָלט איז דאָרטן געהאַט געוועז מער יידן ווי אין ארץ ישראל.

*

188. דאָרט, ב, טז.
189. דאָרט, ו, ג.
190. מכילתא בשלח, טו, ב, 127 ; מכילתא דרשב"י, 79.

עס קומט אויפן געדאַנק דער באַקאַנטער קורצער מאמר אין זוהר, וואָס איז שוין געוואָרן אַ פּאָפּולערער שפּריכוואָרט:

הכל תלוי במזל, אפילו ספר תורה שבהיכל[191].

אַלץ איז אָפּהענגיק פון מזל, אַפילו אַ ספר תורה אין שוהל.

דער דאָזיקער אַזוי געוואַגטער אויפשטאַנד פון בר כוכבא און די אַזוי וואונדערלעך־העלדישע מלחמה וואָס ער האָט געפירט קעגן דער מעכטיקער רוימישער וועלט־אימפּעריע, און טאַקע שיער נישט דערשי־טערט דאַמאָלט די גאַנצע אימפּעריע פון קיסר אַדריאַנוס; דער דאָזיקער אויפשטאַנד וואָס איז ווירקלעך איינס פון די גרעסטע וווּנדער אין דער וועלט־געשיכטע, נאָר האָט זיך פאַר אונז יידן אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט — האָט נישט געהאַט קיין שום מזל, אַפילו נישט איבערצולאָזן נאָך זיך עפּעס אַ לייטישע באַשרייבונג.

*

אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט שוין געהאַט אַ בעסערן מזל די פריערדיקע מלחמה, וואָס די יידישע פּאַטריאָטן, די קנאים, האָבן מיט אַ זעכציק יאָר פריער געהאַט געפירט קעגן דעם רוימישן קיסר אַספּאַסיאַנוס, וואָס האָט זיך אויך דאַמאָלט אַזוי פאַטאַל געענדיקט מיטן חורבן ירושלים. יענע מלחמה האָט, ווייניקסטנס, יאָ זוכה געווען צו אַ גאָר גרויסן היסטאָ־ריקער: יוסף בן מתתיהו הכהן, באַקאַנט מיטן נאָמען: יאָסעפוס פלאַוויוס.

*

פלאַוויוס איז געהאַט געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון דעם דאַמאָלטיקן אויפשטאַנד און ער איז געווען, בכלל, אַ ביטערער שונא פון די קנאים. „די געשיכטע פון דער יידישער מלחמה קעגן די רוימער”, וואָס ער האָט געשריבן איז טאַקע דורכאויס טענדענציעז, נאָר ער איז אָבער געווען אַ גאָר גרויסער שרייבער וואָס האָט געשאַפן אַ ווירקלעך מאָנומענטאַל ווערק וועגן דער יידישער מלחמה קעגן די דאַמאָלטיקע וועלט־הערשער, קעגן דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע.

מיט גרויס טאַלאַנט, מיט אַ ברייטן פאַרנעם און מיט אַ הויכן שוווּנג האָט פלאַוויוס, טראָץ זיינע אַלע אַזוי בולט'ע טענדענצן, דאָך, אַזוי ווי

191. זוהר נשיא, קלד. תיקוני זוהר, תקון, סט.

קעגן זיין אייגענעם ווילן, שיין אַרויסגעברענגט די ווונדערלעכע העלדן־טאַטן, און דאָס איבערמענטשלעכע מסירת נפש פון זיינע פּאָליטישע קעגנער, די יידישע פּאַטריאָטן.

*

דאַקעגן אָבער דער דאָזיקער אַזוי געוואַגטער אויפשטאַנד און דער־נאָך די אַזוי פאַרביטערטע מלחמה וואָס עס האָט געפירט בר כוכבא אין נאָך פיל ערגערע אומשטענדן, און וואָס איז נאָך איבערגעשטיגן חורבן ירושלים, מיט אירע טראַגישע רעזולטאַטן; האָט אַפילו נישט געהאַט קיין מזל צו קיין היסטאָריקער.

עס זענען נאָך ביז יעצט געבליבן פאַר אונז אומבאַקאַנט די פּרטים און, בכלל, דער גאַנצער פאַרלויף פון דער אַזוי אומגליקלעך־פאַרענדיק־טער מלחמה. אַפילו דער נאָמען פון בר כוכבא איז געהאַט געווען אינ־גאַנצן אומבאַקאַנט ביז מען האָט ערשט געפונען די מטבעות פון דער צייט פונעם אויפשטאַנד מיט דער אויפשריפט: שמעון נשיא ישראל.

*

אין תלמוד ווערט בר כוכבא אָנגערופן: בר כוזבא, אין תלמוד ירו־שלמי; אויך בר כוזיבא, אין תלמוד בבלי. מאַנכע האָבן געהאַט געמיינט אַז דאָס איז אַזאַ צונאָמען, אַ רמז אויף כזב, ליגענט, וואָס זאָל הייסן אַז ער האָט אַנטוישט. זענען אָבער לעצטנס געפונען געוואָרן אין די היילן פון מדבר יהודה, אויטענטישע בריוו פון בר כוכבא אונטערגעשריבן: שמעון בן כוסבא, אויך: שמעון בן כוסיבא.

*

פון די אַלע נישט זייער גענוג קלאָרע מאמרים און פאַרשידענע רמזים און לעגענדעס אין תלמוד און אין די מדרשים, און פון דעם אַלעם וואָס עס האָבן געשריבן די רוימישע היסטאָריקער — קאָן מען זיך קוים מאַכן אַן אַלגעמיין בילד פון דער דאָזיקער אַזוי העלדישער, אָבער פאַר אונז אַזוי טראַגיש־פאַרענדיקטער מלחמה.

רבי עקיבא און בר כוכבא

געוועגלעך זענען די חכמי התלמוד געווען, אַזוי צו זאָגן, רעאַל־פּאָליטיקער, זיי האָבן שטענדיק געדענקט זייער לאָגיש און זיך באַצויגן

גענוג סקעפטיש צו די עקסטרעמע אימפולסן פון די פּאַטריאָטישע קנאים. איז זייער אינטערעסאַנט וואָס ביי דעם בר כוכבא־אויפשטאַנד, זעט זיך אויס, האָבן דאַמאָלט די יידישע חכמים, די תנאים, אפשר על פי רוב, יאָ נוטה געווען דערצו, און אַפילו גענומען אין אים אָנטייל. גאַנץ באַזונדער האָט זיך דערביי אויסגעצייכנט רבי עקיבא, ווי עס גיט איבער גאַנץ קאַטעגאָריש זיין, אַוודאי, נאָענטסטער תלמיד, רבי שמעון בן יוחאי:

תני רבי שמעון בן יוחי: עקיבא רבי היה דורש[192]: „דרך כוכב מיעקב", דרך כוזבא מיעקב. רבי עקיבא כד הוה חמי בר כוזבא הוה אָמר: דין הוא מלכא משיחא![193]

רבי שמעון בן יוחאי האָט געלערנט: רבי עקיבא מיין רבי האָט גע־דרש'נט דעם פסוק: דרך כוכב מיעקב, אַ שטערן טרעט אויף פון יעקב — כוזבא טרעט אויף פון יעקב! ווען רבי עקיבא האָט געזען בר כוכבא'ן האָט ער געזאָגט: דאָס איז דער מלך משיח!

*

דער רמב"ם, רבי משה בן מיימון, ווען ער רעדט וועגן מלך משיח, זאָגט ער בפירוש:

רבי עקיבא חכם גדול מחכמי משנה היה, והוא היה נושא כליו של בן כוזיבא המלך, והוא היה אומר עליו שהוא מלך המשיח, ודימה הוא וכל חכמי דורו שהוא המלך המשיח, עד שנהרג בעונות[194].

רבי עקיבא איז געווען דער גרויסער חכם פון די חכמי המשנה, און ער איז געווען דער נושא כלים (דער אַדיוטאַנט) פון בן כוזיבא המלך, און ער האָט געזאָגט אויף אים אַז ער איז דער מלך המשיח. ער און אַלע חכמים פון יענעם דור האָבן געהאַלטן אַז ער איז דער מלך המשיח, ביז ער איז דערמאָרדעט געוואָרן צוליב די זינד.

*

192. במדבר, בלק, כד, יז.
183. ירושלמי תענית, ד, ה. איכה רבה, ב, ה.
194. משנה תורה, הלכות מלכים, יא, ג.

לאָמיר נאָך עפּעס לערנען פון רמב״ם:

ונלכדה עיר גדולה וביתר שמה, והיו בה אלפים ורבבות מישראל, והיה להם מלך גדול, ודימו כל ישראל וגדולי החכמים שהוא מלך המשיח, ונפל ביד העובדי כוכבים ונהרגו כולם, והיתה צרה גדולה כמו חורבן בית המקדש[195].

און עס איז געפאַלן אַ גרויסע שטאָט מיטן נאָמען ביתר, וואָס עס איז דאָרטן געהאַט געוועז טויזנטער און צענער טויזנטער יידן. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן מלך און אַלע יידן, און די גרעסטע חכמים, האָבן געמיינט אַז ער איז דאָס דער מלך המשיח. ער איז אָבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די גויים און אַלע זענען אומגעקומען. עס איז געווען אַזאַ גרויסע צרה ווי ביים חורבן בית המקדש.

*

דער שטאַרקער גלויבן, די פייערדיקע באַגייסטערונג און די פיבער־האַפטיקע דערוואַרטונג דאַמאָלט ביים פאָלק, גיט איבער רבי עקיבא דורך צוויי פסוקים פון חגי הנביא[196]:

כי כה אָמר ה׳ צבאות: עוד אַחת מעט היא, ואני מרעיש את השמים ואת האָרץ ואת הים ואת החרבה. והרעשתי את כל הגוים, ובאו חמדת כל הגוים, ומלאתי את הבית הזה כבוד, אָמר ה׳ צבאות[197].

ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט: אָט, אָט, און איך שטורעם אויף די הימלען און די ערד און דעם ים און די יבשה. און איך וועל אויפשטורעמען אַלע פעלקער, און די בעסטע פון זיי וועלן אַהער קומען, און איך וועל אָנפילן דאָס דאָזיקע הויז מיט כבוד, זאָגט גאָט.

*

195. משנה תורה, הלכות תעניות, ה, ג.
196. חגי, ב, ו—ז.
197. סנהדרין, צז, ב.

סקעפטישע מיינונגען

עס האָבן זיך אוודאי געפונען דאַמאָלט צווישן די תנאים אויך קאַלט־בלוטיקע ניכטערע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט מיטרייסן מיט דעם מעכטיקן שטראָם פון פאַרביטערונג און צאָרן קעגן די אַזוי ברוטאַלע אונטערדריקער און פאַרפאַלגער, און זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אויפֿהייבן אויף די הויכע כוואַליעס פון באַגייסטערונג און עקסטאַז פאַר דער דערוואַרטעטער גאולה. זיי זענען אוודאי נישט געווען אין קיין גרויסער צאָל, ווי למשל, ביי דער פריערדיקער מלחמה, אָבער דאָך זענען געהאַט געווען אַזעלכע. עס איז שוין, למשל, אויבן געוואָרן געבראַנגט ווי דער תנא, רבי יוסי בן קיסמא האָט אַפילו אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנקייט פון דעם צו שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן די רעליגיעזע גזרות פון דער רוימישער רעגירונג.

גאָר ענערגיש און גאַנץ דעצידירט און קאַטעגאָריש טרעט אַרויס רבי יוחנן בן תורתא קעגן רבי עקיבאַ׳ס באַגייסטערונג פאַר בר כוכבאַ׳ן:

> אָמר לו רבי יוחנן בן תורתא: עקיבא, יעלו עשבים בלחייך, ועדיין בן דוד לא יבוא"[198].

רבי יוחנן בן תורתא האָט צו אים געזאָגט: עקיבאַ, עס וועט פריער וואַקסן גראָז אויף דיינע באַקן, איידער משיח וועט קומען.

*

אוודאי איז דאָך גערעכט געווען רבי יוחנן בן תורתא, פונדעסטוועגן איז רבי עקיבא געבליבן — רבי עקיבא. ער איז פון די גאָר וויניקע, אויב נישט טאַקע דער איין און איינציקער צווישן אַלע פאָלקס־פירער, וואָס הגם ער האָט נעבעך, אַזוי ביטער פאַרשפּילט, איז ער דאָך פאַר־בליבן אויף אייביק אַזוי באַליבט, אַזוי פאַרהערלעכט און אַזוי פאַרהייליקט.

ליבן דעם רבונו של עולם

מעשה שגזרה מלכות הרשעה שמד על ישראל שלא יעסקו בתורה. מה עשה רבי עקיבא? הקהיל קהילות ברבים וישב

---

198. ירושלמי תענית, ד, ה. איכה רבה, ב, ה.

ועסק בתורה. בא פפוס בן יהודה ומצאו שהיה יושב ועוסק בתורה. אָמר לו: אי אַתה מתיירא מאומה זו? אָמר לו: אַתה הוא פפוס בן יהודה שאומרין עליך חכם אַתה, אלא אי אַתה אלא טפש. אמשול לך משל למה הדבר דומה: לשועל שהיה מהלך על שפת הים. ראָה דגים שמתקבצים בים ורצים. אָמר להם: למה אַתם רצים? אָמרו לו: מפני הרשתות והמכמורות שעושין לנו בני האָדם. אָמר להם: עלו ליבשה ונדור אני ואַתם כדרך שדרו אבותי ואבותיכם. אָמרו לו: אַתה הוא שאומרים עליך שאַתה פקח שבחיות, ועכשיו אין אַתה אלא שוטה, ומה במקום חיותנו אָנו מתייראים — במקום מיתתנו, לא כל שכן. אַף אָנו כך, בזמן שאָנו עוסקים בתורה, דכתיב בה[199]: „כי הוא חייך ואורך ימיך", אָנו מתייראים — כשאָנו פוסקים מדברי תורה, על אַחת כמה וכמה.

לא היו ימים מועטים עד שתפסוהו לרבי עקיבא וחבשוהו בבית האסורים, ותפסו לפפוס בן יהודה וחבשוהו אצלו. אָמר לו: פפוס, על מה הביאוך לכאן? אָמר לו: אשריך רבי עקיבא שנתפסת על דברי תורה, אוי לי שנתפסתי על דברים בטלים!

אָמרו: כשהוציאו לרבי עקיבא להריגה, זמן קריאת שמע היה, והיו סורקים את בשרו במסרק של ברזל, והיה מתכוין לקבל עליו עול מלכות שמים באַהבה. אָמרו לו תלמידיו: רבינו, עד כאן? אָמר להם: כל ימי הייתי מצטער על הפסוק זה[200]: „בכל נפשך", ואפילו הוא נוטל את נפשך, אָמרתי: מתי יבוא לידי ואקיימנו, ועכשיו שבא לידי, לא אקיימנו?! היה מאריך ב„אחד" עד שיצתה נשמתו ב„אחד". יצתה בת־קול ואָמרה: אשריך רבי עקיבא שיצתה נשמתך ב„אחד"[201].

די פאַרברעכערישע רעגירונג האָט גוזר געווען אַז יידן זאָלן נישט עוסק זיין אין תורה. וואָס האָט געטוען רבי עקיבא? ער האָט געמאַכט פאַר־

199. דברים, נצבים, ל, כ.
200. דברים, ואתחנן, ו, ה.
201. ברכות, סא, ב, לויט דקדוקי סופרים; ירושלמי, ט, ה.

זאַמלונגען און געלערנט תורה. האָט אים פּאַפּוס בן יהודה געפרעגט: דו האָסט נישט פּאַר זיי קיין מורא? האָט ער צו אים געזאָגט: מען זאָגט אויף דיר אַז דו ביסט אַ חכם, ביסטו דאָך גאָר אַ נאַר. איך וועל דיר ברענגען אַ משל, צו וואָס דאָס איז געגליכן: צו אַ פוקס וואָס איז אַרומגעגאַנגען ביים ברעג פון ים און האָט געזען ווי די פיש לויפן אַהין און צוריק. פרעגט ער זיי: וואָס לויפט איר? האָבן זיי אים געענטפערט צוליב די נעצן און וועגמקעס וואָס לויערן אויף אונז. האָט ער צו זיי געזאָגט: קומט אַרויף אויף דער יבשה וועלן מיר ווינען צוזאַמען אַזוי ווי עס האָבן געוווינט מיינע און אייערע עלטערן. האָבן זיי אים געזאָגט: דו ביזט דאָס דער וואָס מען זאָגט אויף דיר אַז דו ביזט דער קליגסטער צווישן די חיות, ביסטו דאָך גאָר אַ נאַר: אַז דאָרטן וווּ מיר קאָנען יאָ לעבן — האָבן מיר מורא, טאָ ערשט דאָרטן וווּ מיר קאָנען בכלל נישט לעבן. אַזוי איז אויך מיט אונז: ווען מיר זענען עוסק אין דער תורה, וואָס אין איר איז געשריבן: „ווייל עס איז דיין לעבן און דיין אריכות ימים", האָבן מיר מורא — טאָ וואָס וועט ערשט זיין ווען מיר וועלן זי פאַרלאָזן!

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָבן זיי געכאַפּט רבי עקיבאַ'ן און אים איינגעזעצט אין תפיסה. אויך פּאַפּוס'ן בן יהודה האָבן זיי געכאַפּט און אים אויך דאָרטן איינגעזעצט. זאָגט ער צו אים: פּאַפּוס, צוליב וואָס האָבן זיי דיך געכאַפּט? האָט ער צו אים געזאָגט: ווויל איז דיר, רבי עקיבא, וואָס דו ביזט אַריינגעפאַלן צוליב דברי תורה; ווי איז צו מיר, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן צוליב נאַרישקייטן!

האָט מען דערציילט: ווען זיי האָבן אַרויסגעפירט רבי עקיבאַ'ן אים אומצוברענגען איז געווען זמן קריאת שמע, און זיי האָבן געריסן זיין לייב מיט אַן אייזערנעם קאַם, און ער האָט מיט ליבע גענומען אויף זיך מלכות שמים (ער האָט מיט באַגייסטערונג געזאָגט קריאַת שמע). האָבן אים זיינע תלמידים געפרעגט: רבי, אַזוי ווייט? האָט ער זיי געזאָגט: מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך מצער געווען וועגן דעם פסוק: בכל נפשך, אַפילו ווען מען נעמט דערביי צו דיין נשמה. האָב איך זיך געזאָגט: ווען וועל איך האָבן די מעגלעכקייט צו קאָנען דאָס מקיים זיין? יעצט אַז איך האָב יאָ די דאָזיקע מעגלעכקייט — זאָל איך דאָס נישט מקיים זיין?! האָט ער דעם אחד אַזוי אויסגעצויגן ביז זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען. איז אַרויס אַ בת־קול און געזאָגט: ווויל איז דיר רבי עקיבא, וואָס דיין נשמה איז אויסגעגאַנגען ביי אחד!

*

מסירת נפש

דאָס אמת׳ע מסירת נפש פון רבי עקיבא, דאָס אויף אַזוי אַן אַרט אומצוקומען אויף קידוש השם, איז געווען די דירעקטע קאָנסעקווענץ, דער אַקאָרד פון זיין גאַנץ לעבן וואָס איז געהאַט אַנגעפילט מיט דער ריינסטער אַהבת ה׳, וואָס ער איז שטענדיק געהאַט געווען צוגעגרייט אומצוקומען אויף קידוש השם.

עס ווערט אַמאָל אין תלמוד[202] דערמאָנט ווי גרויס און חשוב עס זענען אין הימל די הרוגי מלכות, די גרויסע יידישע חכמים וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם דורך דער רוימישער רעגירונג. פרעגט מען דאָרטן מיט גרויס פאַרוואונדערונג: וואָס? רבי עקיבא און זיינע חברים זענען נישט מער ווי הרוגי מלכות! דאָס הייסט אַז ביי רבי עקיבא און זיינע חברים איז עס גאָרנישט געווען אַזאַ גאָר אויסטערלישע דערשיינונג, דאָס מסירת נפש אויף קידוש השם.

*

צוויי מאמרים פון צוויי, אפשר די גרעסטע אמוראים אין ארץ ישראל: רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש, וועגן רבי עקיבא:

אָמר ריש לָקיש: מאי דכתיב[203]: „זה ספר תולדות אָדם״, וכי ספר היה לו לאָדם הראשון? אלא מלמד: שהראה הקדוש ברוך הוא לאָדם הראשון, דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו, דור דור ופרנסיו. כיון שהגיע לדורו של רבי עקיבא, שמח בתורתו ונעצב במיתתו, אָמר[204]: „ולי מה יקרו רעיך אל!״[205].

ריש לקיש האָט געזאָגט: עס איז געשריבן אין דער תורה ביי אָדם הראשון: „דאָס איז דאָס בוך פון די געבורטן פון מענטש״, האָט דען אָדם הראשון געהאַט עפּעס אַ בוך?! נאָר עס מיינט צו זאָגן אַז הקדוש ברוך הוא האָט אים געוויזן די קומענדיקע דורות, יעדן דור מיט זיינע פאָרשער, מיט זיינע חכמים, מיט זיינע פאַרזאָרגער. ווען ער איז צוגע־

202. פסחים, נ, א. בבא בתרא, י, א.
203. בראשית, ה, א.
204. תהלים, קלט, יז.
205. עבודה זרה, ה, א. סנהדרין, לח, ב.

קומען צום דור פון רבי עקיבא, האָט ער זיך געפרייט מיט זיין תורה און געטרויערט אויף זיין טויט. ער האָט געזאָגט מיט די ווערטער פון תהלים: „גאָט, ווי טייער זענען זיי מיר, דיינע פריינד!".

*

ואָמר רבי יוחנן: אוי להם לאומות העולם שאין להם תקנה, שנאמר[206]: „תחת הנחושת אָביא זהב, ותחת הברזל אָביא כסף, ותחת העצים — נחושת, ותחת אבנים — ברזל", תחת רבי עקיבא וחבריו מאי מביאין?! היינו דכתיב[207]: „ונקיתי, דמם לא נקיתי!"[208].

און רבי יוחנן האָט געזאָגט: ווײ איז צו די אומות העולם, וואָס זיי האָבן נישט קיין פאַרגעבונג, אַזוי ווי עס זאָגט דער נביא: „אַנשטאָטן קופּער וועל איך ברענגען גאָלד, און אַנשטאָטן אייזן וועל איך ברענגען זילבער, און אַנשטאָט דאָס האָלץ — קופּער, און אַנשטאָט די שטיינער — אייזן", טאָ וואָס קאָן מען ברענגען אַנשטאָט רבי עקיבא'ן און זיינע חברים?! איז אויף זיי געזאָגט געוואָרן: „און וואָס איך וועל שענקען, אָבער זייער בלוט וועל איך נישט שענקען!".

יסורים של אהבה

ליבע, אמת'ע עכטע ליבע איז זייער אַן אידעלער עניין. כדי דאָס ווי געהעריק צו באַגרייפן מוז מען אָבער זיין ספּעציעל באַגאַבט דערצו. עס איז אַ באַזונדערער, גאָט־געבענטשטער, טאַלאַנט, צו קאָנען ליבן, ליבן ביז צום פאַרגעסן אין זיך אַליין, אין די אייגענע קערפּערלעכע עמפּינ־דונגען.

דאָ רעדט זיך, פאַרשטייט זיך, וועגן ריינער רעליגיעזער ליבע, ליבן דעם רבונו של עולם.

אַז מען האָט דאָס גליק זוכה צו זיין, צוצוקומען צו דער הויכער מדרגה פון אַהבת ה', פון געטלעכער ליבע — זענען אויך די ליבע־ווייען, די יסורים של אַהבה, ליב און טייער. עס איז אַוודאי פאַרבונדן מיט אַזאַ

206. ישעיהו, ס, יז.
207. יואל, סוף.
208. ראש השנה, כג, א. לויט דקדוקי סופרים.

גייסטיקן געניוס, וואָס געוועלעכע, נישט קיין גייסטיקע, מענטשן- קאָנען דאָס אינגאַנצן נישט משיג זיין.

*

אינעם ערשטן טייל פונעם דאָזיקן ספר, אין קאַפּיטל: חביבין יסו־רים[209], ווערט געברענגט:

ווען דער גרויסער רבי אליעזר בן הורקנוס איז קראַנק געוואָרן, זענען צו אים אַריינגעגאַנגען מבקר חולה זיין, די פיר גרויסע חכמים: רבי טרפון, רבי יהושע בן חנניה, רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא. די עלטערע דריי חכמים האָבן אים געזאָגט גאָר גרויסע שבחים, ביז צום סוף רופט זיך אָן רבי עקיבא: חביבין יסורים! — יסורים זענען ליב! זאָגט דער קראַנקער רבי אליעזר: לענט מיך אונטער און איך וויל הערן מיין תלמיד עקיבא וואָס זאָגט: חביבין יסורים.

*

ווער נאָך אַזוי ווי רבי עקיבא זאָל קאָנען משיג זיין דאָס אהבת ה׳, די אינטימע געטלעכע ליבע פון זיין גרויסן רבי, רבי אליעזר בן הורקנוס. האָט ער, אינגאַנצן איבערגענומען אין זיין הויכער רעליגיעזער באַגייס־טערונג, קוים געהאַט געקאָנט אַרויסברענגען צוויי ווערטער: חביבין יסו־רים. אָבער די דאָזיקע צוויי ווערטער זענען אָנגעלאָדנט מיט אַ גאַנצער וועלט פון ריינער רעליגיעזיטעט.

*

אַוודאי איז נישט אַזוי לייכט צו זאָגן יענעם וואָס ליידט יסורים, אַז יסורים זענען ליב. אָבער רבי עקיבא וואָס האָט אַליין אַזוי שיין מקיים געווען אַלץ וואָס ער האָט גע׳דרש׳נט, און האָט טאַקע דערנאָך בפועל ממש אַזוי טראַגיש זיך מוסר נפש געווען דערפאַר, ער האָט געקאָנט האָבן די דאָזיקע געהעריקע שטאַרקייט.

ביי דער פּטירה

משמת רבי עקיבא פסקו מעינות החכמה[210].

209. ערשטער טייל זייט 295.
210. ירושלמי, סוף סוטה; תוספתא, טו, 321.

ווען רבי עקיבא איז געשטאָרבן האָבן אויפגעהערט די קוואַלן פון חכמה.

*

„אספו לי חסידי, כורתי בריתי עלי זבח"[211]. רבי יהושע בן קרחה אומר: לא נאמר פסוק זה אלא כנגד דורות הבאים: „אספו לי חסידי" — אלו צדיקים שבכל דור ודור, „כורתי בריתי" — אלו חנניה מישאל ועזריה, שמסרו עצמן לתוך כבשן האש, „עלי זבח" — אלו רבי עקיבא וחבריו שמסרו עצמן לשחיטה על דברי תורה"[212].

„זאַמלט מיר איין מיינע אויסדערוויילטע, די וואָס שליסן מיין בונד ביי זבחים", זאָגט רבי יהושע בן קרחא: דער דאָזיקער פסוק איז נאָר געפּאַסט פאַר די דאַמאָלט קומענדיקע דורות: „זאַמלט מיר איין מיינע אויסדערוויילטע" — מיינט מען די צדיקים פון יעדן דור, „די וואָס שליסן מיין בונד" — מיינט מען: חנניה, מישאל און עזריה, וואָס האָבן פרייוויליק זיך איבערגעגעבן צום קאַלך־אויוון, „ביי זבחים" — מיינט מען רבי עקיבא און זיינע חברים, וואָס האָבן פרייוויליק זיך איבערגעגעבן צו דער שחיטה אויף דברי תורה.

*

וכשנהרג רבי עקיבא בקיסרי, באתה שמועה אצל רבי יהודה בן בבא ואצל רבי חנינא בן תרדיון. עמדו וחגרו שקים את מתניהם, וקרעו את בגדיהם, ואמרו: אחינו שמעוני, לא נהרג רבי עקיבא על הגזל, ולא על שלא עמל בתורה בכל כחו; לא נהרג רבי עקיבא אלא למופת, שנאמר[213]: „והיה יחזקאל לכם למופת וכו' וידעתם כי אני ה'"[214].

און ווען רבי עקיבא איז אומגעקומען אין קיסרי, איז אָנגעקומען די ידיעה צו רבי יהודה בן בבא און רבי חנינא בן תרדיון. האָבן זיי זיך אויפגעשטעלט, און האָבן מיט זעק אַרומגעוויקלט זייערע לענדן, און האָבן

211. תהלים, נ, ה.
212. סנהדרין, קי, ב.
213. יחזקאל, כד, כד.
214. שמחות, ח, ט.

צעריסן זייערע קליידער, און האָבן געזאָגט: ברידער אונזערע, הערט זיך צו: רבי עקיבא איז דאָך נישט אומגעקומען צוליב גזלה, אָדער צוליב דעם וואָס ער זאָל נישט האָבן זיך באַמיט אין דער תורה מיטן גאַנצן כח. נאָר רבי עקיבא איז אומגעקומען צו זיין אַ מוסטער, אַזוי ווי עס איז געזאָגט: „און יחזקאל וועט אייך זיין פאַר אַ מוסטער... און איר וועט וויסן אַז איך בין גאָט!".

***

רבי יהודה בן בבא

רבי יהודה בן בבא, פון די עלטסטע חכמים פון יענער צייט, זעט זיך אויס, אַז ער האָט אויך געלעבט בימי הבית[1], ווערט גערימט אַלס גרויסער צדיק[2], און עס ווערט וועגן אים געברענגט:

אָמרו עליו על רבי יהודה בן בבא, שהיו כל מעשיו לשם שמים[3].

מען האָט געזאָגט וועגן רבי יהודה בן בבא אַז אַלע זיינע מעשים זענען געווען לשם שמים.

*

רבי יהודה בן בבא איז געווען נאָענט מיט רבי עקיבא'ן און עס איז צווישן זיי געווען מערערע פלוגתות, איין פלוגתא איז:

וצריך לפרוט את החטא, שנאמר[4]: „אָנאָ חטא העם הזה חטאָה גדולה, ויעשו להם אלהי זהב", דברי רבי יהודה בן בבא. רבי עקיבא אומר: אין צריך, שנאמר[5]: „אשרי נשוי פשע, כסוי חטאָה"[6].

ווען מען איז זיך מתודה דאַרפט מען בפירוש דערמאָנען די עברה וואָס מען איז באַגאַנגען, אַזוי ווי משה זאָגט צו גאָט: „איך בעט דיך, דאָס דאָזיקע פאָלק האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד, און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ גאָט פון גאָלד", אַזוי האַלט רבי יהודה בן בבא. אָבער רבי

1. משנה עדיות, ו, א.
2. תוספתא סוטה, יג, 319; בבלי, מח, ב. בבא קמא, קג, ב. סנהדרין, יא, א.
3. תוספתא בבא קמא, ח, יג, 362. ירושלמי סוטה, ט, י.
4. שמות, כי תשא, לב, לא.
5. תהלים, לב, א.
6. יומא, פו, ב. אין ירושלמי איז: בן בתירה אַנשטאָט: בן בבא, ווי שוין אויבן געברענגט.

עקיבא זאָגט אַז מען דאַרפט נישט. אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין תהלים: „ווייל צו דעם וואָס זיין זינד ווערט פאַרגעבן, וואָס זיין חטא ווערט פאַר־דעקט״.

מסירת נפש פון רבי יהודה בן בבא

עס איז דאָ אויבן געוואָרן געברענגט ווי ביי דער פטירה פון רבי עקיבא האָט רבי יהודה בן בבא צוזאַמען מיט רבי חנינא בן תרדיון געזאָגט:

לא נהרג רבי עקיבא אלא למופת[7].

רבי עקיבא איז אומגעקומען צו זיין אַ מוסטער.

האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט, און די דאָזיקע צוויי צדיקים זענען אויך גערנווייליק, געגאַנגען אויף קידוש השם.

*

אויבן איז שוין געוואָרן געברענגט וועגן רבי חנינא בן תרדיון, זאָל דאָ ווערן געברענגט ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען ביי רבי יהודה בן בבא:

צווישן די גזרות וואָס די דאַמאָלטיקע רוימישע רעגירונג, אין דער צייט פון קיסר אדרינוס, האָט געהאַט אַרויסגעגעבן קעגן יידן, איז אויך געווען דאָס נישט דערלויבן סמיכה, דאָס באַשטימען יידישע קאָמפּע־טענטע ריכטער. דאָס מין סמיכה איז שטענדיק געהאַט געווען אַ זייער ווילטיקע און נויטיקע אינסטיטוציע, ערשט נאָך דערצו אין יענע אַזוי שטורמישע צייטן. גאַנץ באַזונדער האָט דאַמאָלט געדראָאט די סכנה אַז עס זאָל אפשר נישט בלייבן ביים לעבן קיינער פון די גרויסע חכמים וואָס זענען קאָמפּעטענט צו געבן סמיכה. ווערט דערציילט:

גזרה מלכות הרשעה שמד על ישראל, שכל הסומך יהרג, וכל הנסמך יהרג, ועיר שסומכין בה תיחרב, ותחומין שסומכין בהן יעקרו. מה עשה רבי יהודה בן בבא? הלך וישב לו בין שני הרים גדולים, ובין שתי עיירות גדולות, ובין שני

7. שמחות, ח, ט.

תחומי שבת בין אושא לשפרעם, וסמך שם חמשה זקנים, ואלו הן: רבי מאיר ורבי יהודה ורבי שמעון ורבי יוסי ורבי אלעזר בן שמוע. רב אויא מוסיף: אף רבי נחמיה. כיון שהכירו בהם אויבים, אמר להן: בניי, רוצו! אמרו לו: רבי, מה תהא עליך? אמר להן: הרינו מוטל לפניהם כאבן שאין לו הופכים. אמרו: לא זזו משם עד שנעצו בו שלש מאות לונכיות של ברזל ועשוהו כל גופו ככברה[8].

די באַרבאַרישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה אויף יידן אַז סיי דער וואָס גיט סמיכה סיי דער וואָס באַקומט סמיכה זאָלן ווערן דערמאָרדעט; די שטאָט ווו דאָס איז פאָרגעקומען זאָל ווערן צע־שטערט און די גרענעצן זאָלן ווערן אָפּגעווישט. וואָס האָט געטוען רבי יהודה בן בבא? ער האָט זיך געזעצט צווישן צוויי גרויסע בערג, צווישן צוויי גרויסע שטעט, אַ געוויסן מהלך צווישן די צוויי שטעט אושא און שפרעם — און האָט דאָרט געגעבן סמיכה פינף חכמים: רבי מאיר, רבי יהודה, רבי שמעון, רבי יוסי און רבי אלעזר בן שמוע. רב אויא גיט אויך צו: רבי נחמיה. אַזוי ווי די שונאים האָבן זיך דערפון דערוווסט, האָט ער צו זיי געזאָגט: קינדער מיינע, אַנטלויפט! האָבן זיי אים געפרעגט: רבי, וואָס וועט זיין מיט דיר? האָט ער זיי געענטפערט: איך בלייב פאַר זיי ווי אַ נישט־באַוועגלעכער שטיין. ווערט דערציילט אַז די שונאים זענען נישט אַוועק ביז זיי האָבן נישט אין אים אַריינגעשטאָכן אַ דריי הונדערט שפּיזן און געמאַכט זיין קערפּער ווי אַ זיפּ.

פאַרזיכערן דעם גייסטיקן המשך

אין סאַמע מיטן ברען פון יענע אַזוי טראַגישע, שטורמישע געשעע־נישן, ווען עס האָט נאָך אַזוי אכזריות׳דיק געבושעוועט דער שוידערלעכער פּאָגראָם וואָס די רוימישע זיגער האָבן דאַמאָלט אויסגעפירט איבער דעם באַזיגטן פאָלק — שוין דאַמאָלט האָט דער אומגליקלעכער רבי יהודה בן בבא געטראַכט: וואָס וועט זיין דערנאָך ווען דאָס אַלץ וועט זיך דאָך אָפּשטעלן און, ווי עס זאָל נישט זיין, וועט עס זיך דאָך אַמאָל באַרואיקן; ווער וועט דאַן פירן דאָס פאָלק? ווער וועלן זיין די ריכטער און די לערער?

8. סנהדרין, יד, א. עבודה זרה, ח, ב.

האָט רבי יהודה בן בבא אויסגעקליבן די בעסטע זין פון פאָלק און האָט זיי איבערגעגעבן אָט די דאָזיקע נויטווענדיקע און אַזוי דערהויבענע מיסיע: צוריק אויפצושטעלן די גייסטיקע פירונג פון דעם אַזוי טראַגיש צעוויייטיקטן פאָלק.

רבי יהודה בן בבא איז געווען ביים פולן באַוווסטזיין אַז ער גיט דערביי איבער דעם ווייטערדיקן גורל פון פאָלק אין זיכערע הענט, וואָס וועלן ווייטער פירן דאָס פאָלק אין דעם זעלבן גייסט ווי פריער. האָט ער ביים דאָזיקן באַוווסטזיין, אַוודאַי גאָרנישט געפילט קיין שום ווייטיק ביים אומקומען פאַרן דאָזיקן הייליקן ציל.

*

נאָך חורבן ביתר, נאָך דער דאָזיקער אַזוי שוידערלעכער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, נאָך דעם אַלעם, איז נאָך, אויב מען קאָן אַזוי זיך אויס־דריקן, געשען עפּעס ווי אַ גליק וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דאַ־מאָלט פאַרמאָגט אַזעלכע גייסטיקע ריזן ווי די באַרימטע תנאים: רבי עקיבא׳ס תלמידים: רבי מאיר, רבי יהודה בן אלעאי, רבי יוסי בן חלפתא, רבי שמעון בן יוחאי און זייערע חברים.

זייענדיק געצוווּנגען צו פאַרלאָזן יהודה, האָבן דאַמאָלט די דאָזיקע גרויסע חכמים, וואָס האָבן באַקומען סמיכה פון רבי יהודה בן בבא, אויס־געוואַנדערט קיין צפון ארץ ישראל, קיין גליל; און איינגעשטעלט דאָרטן, אין דער שטאָט אושא דעם גייסטיקן המשך פון יבנה.

האָבן די חכמי אושא נאָך חורבן ביתר אויסגעפירט אַן ענלעכע מיסיע וואָס די חכמי יבנה האָבן געהאַט אויסגעפירט נאָך חורבן ירושלים.

*

האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, און גאָר אַ נייער אויפשוווּנג און אַ פאַרברייטערונג פון דער תורה שבעל פה, און דאָס שאַפן, דאַמאָלט, די גרויסע פונדאַמענטאַלע ווערק וואָס זע־נען דער יסוד פונעם גאַנצן תלמוד, פון תלמוד ירושלמי און פון תלמוד בבלי[9].

* * *

9. ווי עס איז געברענגט אויבן זייט 211 — 210.

דוד מלכי

אַשריכם ישראל לפני מי אַתם מטהרים

לאָמיר דאָ דערוויל ענדיקן מיט דער לעצטער משנה פון מסכת יומא, די מסכתא פון יום כפור:

אָמר רבי עקיבא: אשריכם ישראל! לפני מי אַתם מטהרין, מי מטהר אתכם, אָבינו שבשמים, שנאמר[1]: „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם”[2]: ואומר[2]: „מקוה ישראל ה'”, מה המקוה מטהר את הטמאים, אַף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל[3].

רבי עקיבא האָט געזאָגט: ווויל איז אייך, יידן! פאַר וועמען איר רייניקט זיך, און ווער רייניקט אייך, אונזער פאָטער אין הימל! אַזוי ווי עס זאָגט יחזקאל הנביא אין נאָמען פון גאָט: „און איך וועל שפריצן אויף אייך ריין וואַסער, און איר וועט ווערן ריין”. און ירמיהו הנביא זאָגט: מקוה ישראל, ה׳, די האָפענונג פון ישראל, איז גאָט! אַזוי ווי אַ מקיה רייניקט די אומריינע, אַזוי רייניקט הקדוש ברוך הוא די יידן.

**
*

1. יחזקאל, לו, כה.
2. ירמיהו, יז, יג.
3. משנה, סוף יומא.

עס איז אַ גרויסער ווייטיק וואָס עס איז שוין מער נישטאָ מיין טייערער פריינט

יהודה שאַפּניק

זכרונו לברכה

ער האָט אויך אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש און ליבע, און געווידמעט אַ סך מי און צייט ביים אַרויסגעבן דעם ערשטן באַנד פונעם דאָזיקן ספר, אין ביידע אויפלאַגעז, אַז עס זאָל אַרויסקומען על צד היותר טוב.

✦ ✦ ✦

אַ האַרציקן דאַנק אויך זיין זון, אים צו לאַנגע יאָרן, וואָס באַמיט זיך אין דער זעלבער ריכטונג

הענרי שאַפּניק

אַזוי אויך דעם טאַלאַנטפולן לינאָטיפּיסט

אברהם גיעלבערג

וואָס איז עוסק באמונה אין זיין איידעלער מלאכה.

ACHEVE D'IMPRIMER
LE 20 MARS 1978
SUR LES PRESSES
DE L'IMPRIMERIE
« LES EDITIONS POLYGLOTTES »
232, RUE DE CHARENTON
75012 PARIS